YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i28

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 28
July 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 28)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/39

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ לאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 28. New York, Friday, July 25, 1919. פרייטאג, דער 25טער דזשולאי. PRICE 3 CENTS

ווייסט און דרעס מאכער אין שיקאגא גרייט צום קאמף!

מיטוואך דעם 16טען דזשולאי איז געסעטעלט געווארען אין קליוולאנד און גלייך אויף מארגען, דאנערשטאג, איז אויפגענומען געווארען שיקאגא. אין קליוולאנד האט זיך געהאנדעלט וועגען א סעטעלמענט פאר 6000 קלאוק מאכער, אין שיקאגא האנדעלט זיך וועגען א סעטעלמענט פאר 6000 ווייסט, דרעס און ווייט־גודס ארבייטער.

מיט א יאהר און א האלב צוריק האבען די שיקאגאער ווייסט, דרעס און ווייט־גודס ארבייטער, דורכגעמאכט א סטרייק וועלכער האט אויפגערודערט די דארטיגע גאנצע באפעלקערונג. צעהן לאנגע וואכען האט דער סטרייק געדויערט און ער האט זיך געענדיגט מיט א נידערלאגע פאר די בראווע קעמפער. א געוויסער דזשאדזש באלדווין, א טרייער דיענער פון די באסעס, האט ארויסגעגעבען איין אינדזשאנקשאן נאך'ן צווייטען, פארביטענדיג די סטרייקער ניט בלויז צו פיקעטען די שעפער, נאר אפילו צו ווייזען זיך אין דעם געגענד וואו די שעפער געפינען זיך. רעכטס און לינקס האט מען די סטרייקערס ארעסטירט. אין די צעהנדליגע, אין די פופציגער, אין די הונדערטער פלעגט מען זיי שלעפען אין די פאליס סטיישאנס, וואו מען פלעגט זיי אדער שטראפירען מיט געלד אדער זיי פאר־משפט'ען אויף לאנגע טערמינען אין דזשייל.

דזשאדזש באלדווין האט פאר'משפט צו זיצען אין דזשייל די פיהרער פון סטרייק, די סטרייקערס און זאגאר פיהרער פון אנדערע יוניאנס, וואס זיינען געקומען אדרעסירען די סטרייקערס. אונזער וויס־פרעזידענט, ברודער סיידמאן, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון סטרייק, האט זיך אויך פון דזשאדזש באלדווין'ס נעגעל ניט ארויסגעדרעהט. סיידמאן איז פאר'משפט געווארען צו זיצען 3 מאנאט אין קאונטי דזשייל.

צעהן לאנגע וואכען האט דער סטרייק געדויערט. דאס זיינען געווען צעהן וואכען פון קאמף און איבערגעבענהייט, וואס מען זעהט ניט אפט אין דער ארבייטער באוועגונג.

דער סטרייק איז דאן אויפגעגעבען געווארען, אבער מיט דער פארשטענדניס צווישען די פארשטעהער פון אונזער אינטערנעשיאנאל און די בראווע סטרייקערס אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט זאל דער קאמף געגען די ווייסט מאנופעקטשורערס ווידער אויפגענומען ווערען.

דיזע געלעגענהייט איז יעצט געקומען. דורך די אונערמידליכע ארבייט פון אונזער ארגאנייזער ברודער האכמאן, האבען זיך די שיקאגאער ווייסט, דרעס און ווייט־גודס מאכער ווידער ארומגעריגעלט ארום דער פאהן פון אונזער יוניאן, און מיט א פאר וואכען צוריק האבען זיי אויף א גרויסען מאסענפארזאמלונג איינשטימיג באשלאסען ארויסצושטעלען פאדערונגען צו זייערע באסעס, און אויב די באסעס וועלען זיך ענטזאגען נאכצוגעבען מיט גוטען, זאל ארויסגערופען ווערען א דזשענעראל סטרייק.

אזוי שנעל ווי פרעזידענט שלעזינגער איז פארטיג געווארען מיט דער קליוולאנדער סיטואציאן איז ער באלד אוועקגעפאהרען אין שיקאגא און באלד ארויסגעשיקט דעם פאלגענדען לעטער צו יעדען ווייסט און דרעס מאנופעקטשורער אין שיקאגא.

„דזשענטעלמען: —

עס איז קיין צווייפעל דאס אייך איז באקאנט דער פאקט, אז א ריזיגע מאיאריטעט מענער און פרויען, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דער סקוירט און דרעס אינדוסטריע פון שיקאגא, זיינען מעמבערס פון לאקאל 100 פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן — די ארגאניזאציאן צו וועלכע ארבייטער פון דיזען פאך, איבער'ן גאנצען לאנד, באלאנגען, און מיט וועלכע די באלעבאטים, סאי דורך זייערע אסאסיאיישאנס, סאי אינדיווידועל האבען געמאכט אגרימענטס און פראטאקאלען אין באצוג צו וויידזשעס, שטונדען און אנדערע קאנדיציעס פון ארבייט.

עס פיהלט זיך א גרויסע אונצופרידענהייט צווישען די ארבייטער אין די סקוירטס און דרעס שעפער פון שיקאגא, רעכענענדיג זיך מיט'ן פאקט, אז עס עקזיסטירט ניט קיין אויסגעארבייטער סקעדיול פון וויידזשעס אין די פארשידענע צווייגען פון טרייד און אויך קיין באשטימטע סטאנדארדס אום צו קאנטראלירען און רעגולירען די ארבייטער קאנדיציאנען.

די ארבייטער פון שיקאגא פיהלען אז זיי זיינען בארעכטיגט צו די זעלבע ארבייטער־קאנדיציעס ווי עס געניסען די ארגאניזירטע ארבייטער פון דער אינדוסטריע אין אנדערע שטעדט פון לאנד. זיי האבען אויך אפגעמאכט זייער געדאנק צו קריגען גערעכטיגקייט דורך ארביטריישאן, אז ווען עס ערשיינט אמאל א מיספארשטענדעניס פון איין צד צום צווייטען אדער א סכסוך פון וויכטיגער באדייטונג, זאל עס דורך ארביטריישאן געסעטעלט ווערען.

מיר אדרעסירען צו אייך דיזען בריעף מיט דער פולער איבערצייגונג דאס שטרייטיגקייטען צווישען באלעבאטים און זייערע ארבייטער קענען און דארפען אויסגעגליכען ווערען אויף א פרידליכען אופן און דארום שלאגען מיר פאר דאס א קאנפערענץ זאל ארראנזשירט ווערען אויף א פריהען דאטום — און פריה ווי מעגליך עס איז נאר — צווישען די מאנופעקטשורערס, אדער זייערע פארטרעטער, און פארטרעטער פון אונזער ארגאניזאציאן, מיט'ן אויסזיכט צו עטאבלירען סטאנדארדס און באציהונגען — זאלען זיין צופרידענשטעלענד צו ביידע צדדים.

אזוי ווי די סיטואציע איז איצט זעהר אנגעשטרענגט און ווערט וואס א טאג ערגער, פארלאנגען מיר פון אייך צו זיין אזוי פריינדליך און ענטפערן אונז ניט שפעטער פון פרייטאג, דעם 25טען יולי, אום צו צייגען אייער בארייטוויליגקייט צו העלפען אונז איינרופען א קאנפערענץ, ווי מיר האבען אויבען פארגעשלאגען.

אויפריכטיג אייערע,
בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט".

אין דער צייט וואס דיזער נומער „גערעכטיגקייט" געהט צו פרעס, איז נאך די לאגע אין שיקאגא ניט באשטימט. די באסעס האבען געקראגען צייט צו ענטפערען ביז פרייטאג דעם 25טען דזשולי. אין א פאר טעג ארום וועלען מיר וויסען באשטימטע וועגען שיקאגא, אדער די באסעס וועלען האבען נאכגעגעבען די פאדערונגען פרידליך, אדער די גאנצע ווייסט דרעס און ווייט־גודס אינדוסטריע וועט זיך געפינען אין א דזשענעראל סטרייק.

גענעראל סטרייק פון דער ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20

דאנערשטאג, דעם 24טען דזשולי אום 10 אוהר אין דער פריה, האט אונזער ריינקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20, דערקלערט א גענעראל סטרייק, אין דער גאנצער ריינקאוט אינדוסטריע פון ניו יארק און אומגעגענד.

דער סטרייק איז ניט געקומען אזוי פלוצלינג ווי מאנכע קאנען מיינען. פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען איז אין לאקאל 20 אנגעגאנגען א פיבערהאפטע ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט. גלייך נאכדעם ווי די קלאוק מאכער האבען געוואונען די פאדערונגען, האבען די ריינקאוט מאכער גענומען פארלאנגען, אז זייער יוניאן זאל אויך ארויסשטעלען פאדערונגען צו די ריינקאוט מאנופעקטשורער. און די הויפט פאדערונגען זיינען דיזעלביגע וואס די קלאוק מאכער האבען געוואונען.

אט זיינען זייערע הויפט פאדערונגען:

1) וואך ארבייט אין גאנצען ריינקאוט טרייד.
2) א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.
3) א מינימום סקייל און וויידזשעס פון 44 דאלער א וואך פאר סימענטערס און אפרייטארס, 39 דאלער א וואך פאר קאטערס און 25 דאלער א וואך פאר באטען־נעהערס.
4) זעקס און א האלב געזעצליכע יום־טובים.
5) טיים און א האלב פאר אווערטיים.

דער סטרייק סיגנאל איז געגעבען געווארען דורך א רויטען צירקולאר. אין דעם סטרייק זיינען פארוויקעלט אריבער 2 טויזענד ארבייטער פון ניו יארק און אומגעגענד.

עס ווערט ערווארטעט דאס אויך די ארבייטער פון אלע שעפער אויסער ניו יארק וועלען זיך דעם זעלבען טאג אויך אנשליסען אן סטרייק. עס איז די מיינונג פון די באאמטע פון לאקאל 20 דאס די שעפער פון יוניאן היל, וועסט ניו יארק, מאונט ווערנאן, סיוטה נארוואלק, קאנג. סטעמפארד און ברידזשפארט, קאנג., וועלען זיך זיכער גלייך אנשליסען אן דעם דזשענעראל סטרייק. די שעפער פון די אלע אויסגערעכענטע שטעדט זיינען פאלשטענדיג אונטער דער יוניאנס קאנטראל, א דאנק די וואונדערבארע ארגאניזאציאנס ארבייט וואס די ריינקאוט מאכער יוניאן האט אין די דערמאנטע שטעדטלאך אנגעפיהרט פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען.

די סטרייקער פארזאמלען זיך אין די פאלגענדע פלעצער:

אלע ארבייטער פון ניו יארק און ברוקלין פארזאמלען זיך אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סט.; אלע ארבייטער פון בראנזוויל פארזאמלען זיך אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט.

דער טייל פון'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס געפינט זיך אין ניו יארק, האט די וואך אפגעהאלטען א מיטינג אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל און דער סטרייק פון די ריינקאוט־מאכער איז גוטגעהייסען געווארען. דער סטרייק האט, אלזא, די צושטימונג פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל. דער דזש. עקז. באארד האט אויך אפאינטעט א ספעציעלע קאמיטע צו העלפען פיהרען דעם סטרייק. סעקרעטער בארא, ברודער האלפערין און מיס פאניא מ. קאהן זיינען אין דער קאמיטע.

גרויסער זיעג פון דער קארסעט־מאכער יוניאן אין ברידזשפארט

דער סטרייק פון אונזערע לאקאלס אין ברידזשפארט האט זיך געענדיגט ווירקליך מיט א גרויסען און שנעלען זיעג.

די ווארנער קארסעט קא., וועלכע האט געמאכט צוערשט דעם לאקאוט, ווי עס איז געווען בעריכטעט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", און וועלכער האט נאכגעפיהרט צו א דזשענעראל־סטרייק פון די 3 טויזענד ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי דער פירמע, האט איינגעזעהן גאר גיך, אז די פאדערונגען פון די ארבייטער זיינען גערעכטע, און האט זיי אין אלגעמיין נאכגעגעבען.

די פירמע האט נאכגעגעבען פאלגענדע פונקטען:

1. א פרעפערענשעל יוניאן שאפ. דאס מיינט, אז אזוי לאנג, ווי עס זיינען דא יוניאן־לייט בעלנים אויף די ארבייט אין דער ווארנער־פעקטארי, קומען יוניאן־לייט צוערשט.

2. די פירמע זאגט צו צו טאן איהר בעסט צו ווירקען אויף איהרע ארבייטער, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער יוניאן.

3. דיוס קענען קאלעקטירט ווערען פון דעם באשטימטען יוניאן־באאמטען אין שאפ.

4. פאר אלע סכסוכים קלייבט אוים

אינהאלט־פארצייכנים
נומער 28 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך — ש. י.
זייט 3. נייע פראבלעמען אין דער קלאוקמאכער יוניאן — פ. קאטלער.
זייט 4. מיטינג פון ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. א ווארט צו די סקוירט מאכער פון לאקאל 23 — ה. וואנדער.
זייט 5. אין די בראנזווילער קלאוק און סקוירט שעפער — א. באביטש. אין דער ריינקאוט־מאכער יוניאן לאקאל 20 — ס. פריעדמאן.
זייט 6. וואס הערט זיך אין לאקאל 17? — דזש. העלער. דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 7. בריעף פון אטלאנטיק סיטי — דזש. העלער. קלאוקמאכער פון קליוולאנד נעהמען אן די ענטשיידונג פון באארד אוו רעפערים — א קליוולאנדער.
זייט 8. לינדעלין (ערצעהלונג) — יאנאס ליע (אידיש פון זישא לאנ[illegible]).
זייט 9. לינדעלין. וואס טוט זיך ביי די ריינקאוט־מאכער פון באסטאן? — פרעד מאנסאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. קאנגרעסליים מיט יוניאן־ביכלעך אין קעשענע — ב. מיימאן. ליעדער — מ. פערלמוטער.
זייט 12. די לעהרערינס פון אייערע קינדער — א סקוהל־לעהרערין. ווילהעלם'ס פראצעס (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. צוויי שבורים (הומארעסקע) — באנקיר פאן יאסעלדארף.
זייט 14. דער נייער אידישער וואנדער קריזיס — א. גלאנץ. נו א וואך! — דר. ק. לעא.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראזע בערריק־בלינדער. צוויי פארביסענע קלאוקסטרייקס.
זייט 16. קורצע שמועסען. פרעזידענט פון דער פרענקלין יוניאן ענטפערט אויף די באלוימדונגען פון דזשים האלאנד. דער קלאוקמאכער סטרייק אין מאנטרעאל — דזש. לענטש.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. פילאדעלפיער אפטיילונג. נאך א בריעף — א. סילווער. ביי די קלאוקמאכער אין פילאדעלפיא — א. נייבויער.

די יוניטי־הויז פון דער פילאַדעלפיער ווייסט און דרעס מאַכער יוניאָן לאָקאַל 15

(איינדריקע פון דעם קאַנטרי בית־המקדש פון דיעזער ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָן)

פון י. ש. פרענאַהיין

ווען מען באזוכט די יוניטי־הויז פון דער פילאַדעלפיער ווייסט און דרעסמאַכער יוניאָן, און ווען מען פארטראכט זיך א ביסעל וועגען דעם וואָס די ווייסט און דרעסמייקערס פון דיעזער שטאָדט זיינען געווען מיט בלויז א פינף יאָהר צוריק, דאַן קען מען זיך מאַכען א גוטען באַגריף פון דעם, וואָס ארבייטער־איינינקייט קען אויפטאָן פאר די ארבייטער־מאַסען.

מיט אונגעפעהר פינף יאָהר צוריק האָט מען אין פילאַדעלפיא ניט געקענט קריגען קיין צוויי דוצענד פון דיעזע ארבייטער, וועלכע זאָלען קומען צו א מיטינג. יעצט איז א מיטינג פון בלויז די שאַפּטשערלייטע א גרויסע מאַסען־פארזאַמלונג. אין יענער צייט האָבען די עטליכע מיידלעך, וועלכע האָבען געארבייט צו אָרגאַניזירען דעם טרייד, ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָהלען פאר א מיטינג־לאָקאַל; יעצט האָבען דיעזע א גרויסע הויז פון דריי פלאָר אין הארץ פון פילאַדעלפיא, און אָפטמאָל איז דיעזע הויז אויך צו קליין פאר דער יוניאָן. אמאָל האָבען דיעזע ארבייטער קינדער זיך אליין ניט געקענט העלפען, און יעצט קענען זיי אויך העלפען אנדערע. מיט איבער א יאָהר צוריק האָבען זיי געגעבען פינף טויזענד דאָלאַר פאר די מלחמה־קרבנות און זיי האַלטען נאָך אלץ אין העלפען אונזערע אונגליקליכע. אין יענע צייטען האָבען די ארבייטער־מיידלעך פארבראַכט אין מיטינג־פלאַץ אין זיפצען און אָפטמאָל אין וויינען; יעצט האָבען זיי אַן איינענעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער און א כאָר און זיי פארברענגען זייערע פרייע שטונדען אין זינגען און שפּיעלען. אמאָל איז ניט געווען ווער עס זאָל הערען די פּראָטאָקאָלען פון זייערען א מיטינג; יעצט האָבען זיי לייברעריס און יעדע וואָך נעהמען זיי אַהיים הונדערטער פון די בעסטע און באַלעהרענדסטע ביכער צום לעזען. אמאָל האָבען זיי ניט געוואוסט די באַדייטונג פון „יוניאָן" און יעצט פיהרען זיי אָן א קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג און וועלען אויך באַלד עפענען א קאָאָפּעראַטיווען רעסטאָראַנט פאר זייערע מעמבערס און זאָגאַר פאר אנדערע ארבייטער.

און דערמיט האָבען זיי זיך ניט צופריעדען געשטעלט. די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאָן האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אז איהרע איבער פינף טויזענד מיטגליעדער האָבען געקריגען גרויס חשק צו **קענען** און צו **וויסען**, און אז זיי קענען שוין ניט פארטראָגען מעהר קיין ביליגע קאָנצערטען. האָט זי דערפאַר אין די ווינטער־סיזאָנען איינגעפיהרט לעקטשורס און קאָנצערטען, און ווייסט איהר ווער עס זיינען די קאָנצערטיסטען געווען? — מישא עלמאַן, אפרים צימבאַליסט, [illegible]אַי, סאָפיא ברעסלוי, מאַרטינעלי, מעשא זיידעל און אנדערע אזעלכע „פורצעס"...

און ווען מען ארבייט זיך שוין ארויף אזוי גרויס, קען מען שוין ניט זיין צופריעדען מיט בלויז א היים אין שטאָדט. דיעזע ארבייטער־קינדער האָבען אָנגעהויבען צו טרוימען אויך וועגען א היים אין קאַנטרי, וואו זיי זאָלען קענען פארברענגען אין די זומער־מאָנאַטען, און — איהר ווייסט דאָך — וואו עס איז דאָ א ווילען, זאָגט דער אמעריקאַנער, איז אויך דאָ א וועג.

און די ווייסט און דרעס מייקערס האָבען אויך א קאַנטרי־היים, אָדער בעסער געזאָגט — א קאַנטרי בית המקדש, מיט וועלכען ניט נאָר זיי, די מעמבערס פון דער פילאַדעלפיער ווייסט און דרעס מייקערס יוניאָן, מעגען שטאָלצירען, זאָנדערן שטאָלצירען מעג מיט דיעזען קאַנטרי בית המקדש די גאַנצע ארבייטער־באַוועגונג.

און וועגען דיעזער קאַנטרי־היים ווילט זיך זאָגען עטליכע ווערטער, ווייל זי קען ארויסרופען באַגייסטערונג ביי אלע די, וואָס זיינען ארבייטער אָדער פריינד פון ארבייטער.

שוין מיט דריי יאָהר צוריק האָט די יוניאָן געפונען פאר נויטיג צו האָבען א היים פאר איהרע מעמבערס אויסער'ן שטאָדט, וואו זיי זאָלען קענען אין די הייסע זומער־מאָנאַטען פארברענגען ווי ביי זיך אין דער היים. אזא פלאַץ איז געפונען געוואָרען. אבער ער האָט ניט געהאַט גענוג באַקוועמליכקייטען פאר די ארבייטער, און די יוניאָן האָט דערפאַר באַשלאָסען צו האָבען אַן אייגענע היים. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס באַגייסטערונג און — יעצט האָט די יוניאָן א היים, וועלכע קאָסט איהר שוין ארום 38 טויזענד דאָלאַר, און יעדען יאָהר ווערט די „יוניטי הויז" רייכער אין א „בילדינגעל" אָדער אין אַן אנדער זאַך, וואָס קען מאַכען באַקוועמער און אָנגענעהמער דאָס לעבען פון די ארבייטער־קינדער. און ווי אָנגענעהם דאָרטען איז! עס לאָזט זיך קוים גלויבען, אז דאָס זאָל זיין די היים אָט פון יענע ווייסט און דרעסמייקערס, וועלכע זיינען מיט בלויז פינף יאָהר צוריק געווען צוזעעט און צושפּרייט און מען האָט זיי ניט געקענט צוזאַמענברענגען צו א מיטינג, ווייל זיי זיינען געווען אזוי פארשקלאַפט, אז זיי האָבען שוין אויפגעהערט צו גלויבען אז זיי וועלען ווען עס איז קענען לעבען א ביסעל בעסער און פרייער; אז עס וועט ווען עס איז נעהמען א סוף צו זייער שרעקליכער שקלאַפערייע, אבער עס איז ניט קיין טרוים, נאָר א שעהנע, א הערליכע ווירקליכקייט.

די „יוניטי הויז" געפינט זיך אונגעפעהר פופציג מינוטען מיט'ן טריין פון פילאַדעלפיא, און איז ארומגערינגעלט פון א פּרעכטיגער לאַנדשאַפט. די „יוניטי הויז" איז ניט איין הויז, זאָנדערן עטליכע הייזער, וועלכע זיינען אויסערגעוועהנליך שעהן און עס איז א פארגעניגען אַהין אריינצוגעהן. די הייזער זיינען ווייס פון דרויסען און ריין, ציכטיג, ליכטיג און לופטיג אינעווייניג. זיי האָבען אלע נויטיגע באַקוועמליכקייטען און ארום א הונדערט מיט פינף און צוואַנציג פּערזאָן קענען דאָרטען אויף איינמאָל זיין. אויסער דיעזע הייזער געפינט זיך דאָרטען א פּרעכטיגע לייברערי, וואו עס געפינט זיך אויך א פּיאַנאָ און וואו עס געפיניען זיך פארשיעדענע בילדער און סטאַטוען, פּאַסענד פאר א לייברערי און פּאַסענד פאר אַן ארבייטער־היים. די קינדער ברענגען אַהין אלעס, וואָס זיי קענען, און זיי טוען עס מיט א מערקווירדיגער ליעבע און באַגייסטערונג.

און עס איז גאַנץ נאַטירליך פאר זיי אזוי צו טאָן, ווייל זיי ווייסען, אז דאָס איז זייער היים; זיי ווייסען, אז וואָס שעהנער זייער היים וועט זיין, אלץ מעהר פארגעניגען וועלען זיי האָבען, און — זיי זיינען פארגעניגען זוכענדע מענשען...

דער פלאַץ ארום דער „יוניטי הויז" איז גרויס און עס איז דאָרטען פּראָן גענוג פלאַץ פאר פארשיעדענע אונטערהאַלטונגען, פאר פארשיעדענע שפּיעלערייען.

גלייך ווי מען קומט אריין דורך דעם טויער פון דער „יוניטי הויז", קען מען גלייך באַמערקען בוכשטאַבען פון אויסגעוואַקסענע גראָז, און דיעזע „בוכשטאַבען" שטעלען צוזאַמען דאָס גרויסע און שעהנע וואָרט „יוניטי". פאר די אויגען הויבען דאַן אָן צו ערשיינען די שעהנע ווייסע הייזער, און אין די הייזער און ארום זיי איז פרעהליך, לוסטיג; מען הערט געזאַנגען — אידישע, רוסישע און ענגלישע ליעדער ווערען געזונגען פון די ארבייטער־מענער און מיידלעך, וועלכע געפינען זיך דאָרטען. פון צייט צו צייט דערהערט זיך א געלעכטער — א הארציגער געלעכטער פון די פרעהליכע און טאַנצענדע יוגענד. זיי לויפען ארום איבער די גרינע פעלדער, ווי קינדער וועלכע זיינען זאָרגלאָז און ווייסען ניט פון דעם מאָרגען, וועלכער ברענגט אָפטמאָל אזוי פיעל זאָרג און אזוי פיעל שמערץ. זיי זיינען ווייט פון די שעפּער, ווייט פון די פאַבריקען, און זיי דאַרפען ניט אָנקוקען די ליעבהאַרציגע פּנים'ער פון די פאָרלייטע און פון די באָסעס, וועלכע זיינען גאַנץ אָפט אזוי שטרענג און אונאַנגענעהם. ווי פרייע פויגעלעך זיינען זיי און זיי ווילען זאָגאַר ניט טראַכטען פון דעם מאָרגען. היינט זיינען זיי פריי, היינט זיינען זיי אין דער פרייער וועלט, אויף דער פרייער נאַטור, און די לופט איז אזוי רייך און געווירציג! די הערצער זיינען פול מיט פרייד און ענטציקונג.

* * *

עס איז וואונדער. די לופט איז קיהל; די ווינטלאַך טראָגען זיך ארום פון איין פלאַץ אויפ'ן אנדערען און איבעראַל לאָזען זיי איבער פּאַרפיומען, וועלכע זיי האָבען איינגעאָטעמט אויף זייערע שפּאַצירען, ווייל זיי זיינען ניט אזוי ענגהערציג ווי די מענשען זיינען. איבער דער „יוניטי הויז" שפּיגעלט זיך די לבנה און מיליאָנען שטערען שיינען און פינקלען און מאַכען רייך און פאַנטאַסטיש דעם הימעל פון דער „יוניטי הויז". די יוגענד טאַנצט, לאַכט און שטיפט. יונגע פּאָרלעך וואַנדערען ארום איבער די גרינע פעלדער און איבער די פארשיעדענע וועגען, וועלכע פיהרען אריין און ארויס פון דער „יוניטי הויז".

און איבעראַל הערען זיך די זיסע געזאַנגען, וועלכע ווערען צוזאַמענגעמישט מיט די טענער פון דער פּיאַנאָ, וועלכע געפינט זיך אין דער לייברערי. פּלוצלונג דערהערען זיך גלאָקען־קלאַנגען — דאָס איז דער סיגנאַל, אז אלע יוניטי מיידלעך און מענער, וועלכע געפינען זיך דאָרטען, זאָלען זיך פארזאַמלען עסען, אָדער צו א געוויסען פלאַץ, וואו זיי וועלען אלע פארברענגען. עס איז שוין אבער נאָכ'ן עסען, און דיעזע גלאָקען־קלאַנגען מיינען עפּעס אנדערש, און אלע לויפען, אזוי לייכט ווי די יוגענד קען, און זיי לויפען אין איין ריכטונג — דאָרט, וואו א פייער ברענט און וואו די פלאַמען טראָגען הויך, הויך. ארום דעם פייער געפיניען זיך א סך בענק און שטולען, און די לויפענדע זעצען זיך אוועק שטיפעריש און לאַבענדיג. דאָס האָלץ קנאַקט און פונקען טראָגען זיך אין דער לופטען העכער, העכער פון דעם געדיכטען רויך, פון וועלכען זיי האָבען זיך ארויסגעגנב'עט. באַלד דערהערט זיך א ליעד פון איינער פון די פרעהליכע און גליקליכע, און אלע, וואָס געפינען זיך דאָרטען, העלפען זינגען. די לופט ווערט אָנגעפילט מיט געזאַנג און א מונטערע שטימונג רינגעלט ארום אלעס און אלעמען.

עס קומען באַלד אָן עטליכע מיידלעך אין אינדיאַנער קליידער אָנגעטאָן און זיי הויבען אָן צו טאַנצען ארום דעם פייער אינדיאַנישע טענץ. איך ווייס ניט אויב די טענץ זיינען ווירקליך אזעלכע, וועלכע די אינדיאַנער טאַנצען, אבער עס איז שעהן, עס איז אָנגענעהם; זיי וואַרפען זיך צום פייער, קניהען זיך צו איהם און הויבען וויעדער אָן צו טאַנצען און צו שפּרינגען; זיי הויבען אָן צו מאַכען מיט די הענד, אויסדריקענדיג פארשיעדענע געדאַנקען, געבענדיג פארשיעדענע צייכענס, און אלעס לעבט און לאַכט.

און באַלד הערען די טענץ אויף. די „אינדיאַנערקעס" טוען זיך איבער און זיי זיינען אין דעם נעקסטען מאָמענט צווישען זייערע חבר'טעס. מען הויבט וויעדער אָן ארומצושפּאַצירען איבער די גרינע וועלדער און איבער די וועגען, און די שטימונג איז אזא פרעהליכע.

און אָט דערהערען זיך רוסישע ליעדער, וועלכע דערמאָנען אזוי פיעל אָן דער אַלטער היים און וועלכע רופען ארויס אזוי פיעל זיסע עראינערונגען! מען הויבט אָן אריינצובליקען אין דער ווייטער פארגאַנגענהייט, ווען מען איז נאָך אליין געווען אזוי יונג און אזוי לעבענסלוסטיג; ווען מען האָט נאָך אליין געטאַנצט און ווען מען האָט נאָך אליין זיך געשפּיעלט, אויב ניט אין „אינדיאַנער", איז אין אנדערע יוגענדליכע שפּיעלערייען, וועלכע האָבען די הערצער דערפרעהט און וועלכע האָבען די נשמות אין די העכסטע הימלען פארטראָגען. אין דיעזע מאָמענטען פארגעסט מען אָן דער יעצטיגער ווירקליכקייט און מען איז פארטיעפט אין זיך אליין און אין דער ווייטער פארגאַנגענהייט. אבער לאַנג זיין פארטיעפט מיט זיך אליין קען מען ניט, ווייל אלץ מעהר גייע שטראָמען פון פרייד קומען אָן און זיי וועקען אויף פון דער טיעפסטער פארטיעפטקייט.

אָט אזוי פארברענגען זיך די קינדער פון די שעפּער און פאַבריקען, און קוקענדיג אויף דיעזע הערליכע סצענעס און בילדער, ווילט זיך א פראַגע טאָן: זיינען עס ווירקליך דיעזע יענע ארבייטער־קינדער, וועלכע האָבען אמאָל קיין פרעהליכען געלעכטער ניט געגעבען? זיינען עס ווירקליך די זעלבע ארבייטער־קינדער, וועלכע האָבען אין זיך די הייליגסטע געפיהלען דערשטיקט, וועלכע האָבען קיין האָפנונגען אין זייערע הערצער ניט געהאַט אויף בעסערע, אויף גליקליכערע צייטען?

איך האָב זיי געזעהן ארבייטענדיג ביי די מאַשינען. איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו הערען זייערע זיפצען, און איך האָב אויך געזעהן די שטרענגע בליקען פון די יעניגע, וועלכע האָבען געהאַט צו זאָגען איבער זייער פרייהייט און אָפטמאָל איבער זייערע לעבענס, און מיין רייכסטע פאַנטאַזיע האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דיעזע שקלאַפען וועלען זיך אמאָל קענען באַפרייען פון זייער שווערען יאָך, אז זיי וועלען זיך אמאָל קענען באַפרייען פון זייער פעסימיזם, וועלכער האָט זיי געדריקט און געשטיקט. זיי האָבען אבער געקענט!

זייערע לעבענס זיינען נאָך ניט אזוי גליקליך, ווי זיי וואָלטען געדאַרפט זיין. זיי ארבייטען נאָך שווער און ביטער ביי די מאַשינען און זיי קריגען ניט פאר זייער שווערער ארבייט דאָס, וואָס זיי דאַרפען קריגען. אבער ווי גליקליכער זיי זיינען ווי זיי זיינען אמאָל געווען! ווי פרייער זיי זיינען!

און עס איז דער געפיהל פון איינינקייט, דער באַוואוסטזיין זייערער, וואָס האָבען זיי פון שקלאַפען פאר פרייע מענשען געמאַכט. זיי האָבען שוין מעהר קיין מורא ניט פאר דעם בליק פון דעם פאָרמאַן, פאר דעם שטרענגען קוק פון דעם באַלעבאָס, ווייל זיי ווייסען, אז הינטער זיי געפינט זיך זייער יוניאָן, וועלכע וואַכט איבער זייערע אינטערעסען, וועלכע פאָדערט מיט א פעסטען וואָרט גערעכטיגקייט פאר זיי.

און הינטער זייער יוניאָן וואַכט די גרויסע און מעכטיגע אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, — און זיי ווייסען דאָס.

איינינקייט, ווי מעכטיג דו ביזט!

פילאַדעלפיער ווייסט מייקערס אין א לופט באַלון צו די ניאַגראַ פאָלס

נישט אלע קאָנען זיך פארגינען צו פאָהרען אָנקוקען דיזען וועלט וואונדער־שעהנעם פלאַץ, די ניאַגראַ (פאָלס,, אבער אלע וועלען זיכער קאָנען זעהן און באַוואונדערען

שבת, דעם 26טען דזשולי, אויף דעם פּיקניק פון דער ווייסט מייקערס יוניאָן אין מייפּעל גראָוו פּאַרק

וואו עס וועלען אויך געצייגט ווערען בילדער פון כינא און יאַפּאַן'ס לעבען. 56 נומערען פון פייער־ווארקס זיינען פארברייטעט געוואָרען. די קונסט פון פליהען אין א לופט באַלון וועט דעמאָנסטרירט ווערען, און נאָך פיעלע ספּאָרטס און אמיוזמענטס.

א טיקעט קאָסט בלויז 25 סענט אין אָפיס פון דער יוניאָן

אונזערע יוניטי מיידלעך מאַכען אלע פארבערייטונגען פאר דיזען יום טוב.

מאכען א וועלכע עס איז בעטלערשע 25 פראצענט?

נאר וואס מאכט עס נאך אלעמען אויס, וועלכען ארגומענט זיי געברויכען. די הויפטזאך, זיי פיהרען אויס, וואס זיי ווילען, און פון דעם 1טען אויגוסט אן וועט דער עולם אין ברוקלין און ניו יארק, וואס פאהרט אויף די גרינע קארס, אויב ער וועט דארפען א טרענספער, און ניט וועלען געהן צופוס, וועט ער מוזען זיין אזוי פריינדליך און באצאהלען צוויי סענט עקסטרא.

די לוסק־קאמיטע נאך אימער ביי איהר ארבייט.

דער באלשעוויזם, דער ראדיקאליזם און יעדע אנדערע באוועגונג, וואס שייכט ניט צו זיין גאנץ כשר, ווערט נאך אלץ נעטרייבערט פון אונזער לוסק־קאמיטע, און, ווי זי ערקלערט דורך די ציימונגען, וועלכע גיבען איהר פלאץ, וויפיעל זי דארף נאר, נעהם זי אן מיט דער ארבייט גרויסארטיג: וואס מעהר זי זוכט, אלץ מעהר געפינט זי. עס איז א סברא, אז זי זאל האבען שוין אויסגעפונען אן אנפאנג פון א רויטער גווארדיע אין ניו יארק. איהר פארשטעהט, איינינע סאלדאטען און מאטראזען האבען מיט א צייט צוריק זיך ארגאניזירט אום צו קעמפפען, ערשטענס, געגען די בויאנעס אין יוניפארם, און, צווייטענס, צו זעהען קריגען וואס גיכער א דזשאב פאר די צוריקגעקערענע סאלדאטען, זעהט אין דעם די לוסק־קאמיטע דעם שפראץ, דעם אנפאנג פון א צוקונפטיגער רויטער גווארדיע. נאר דאס איז ניט זעהר וויכטיג.

דעם אויבען־אן אין די ציימונגען פון דער וואך האט אין פארבינדונג מיט דער לוסק־קאמיטע געהאט דזשיימס פ. האלאנד, פרעזידענט פון דער ניו יארק סטייט פעדערײשאן. דאס איז שוין דער צווייטער אנגעזעהענער ארבייטער פיהרער, וועמען זיין פאטריאטיזם האט געטריבען אויסצוזאגען אלעס, וואס ער ווייס וועגען די געפעהרליכע באלשעוויקעס. דער ערשטער איז געווען ברודער פריי. האט זיך מסתמא ברודער האלאנד מתקנא געווען און ער האט זיך נאך אויסגעצייכענט. ער האט פשוט גערעטעט דאס פאטערלאנד. ער האט אנגעוויזען אויף די סאמע נעסטען, וואו די געפעהרליכע באלשעוויקעס פלאדען זיך. דער הויפט קיואל פון דער צרה איז מייסטענס אין די יוניאנס פון די פאראיינערס. ער האט אנגערופען די אמאלגאמייטעד, די פאריערס יוניאן, די פרעסמענס יוניאן. ער האט זאנאר איינינע בעאמטע פון יוניאנס געבראנדמארקט אלס געפעהרליכע באלשעוויקעס. מר. בעגליך, פון די פרעססמענס יוניאן איז, נאך זיין מיינונג, אן אויסוואורף שבאויסוואורף. ער האט אויף דעם פלאך פון דער סענטראל לייבאר יוניאן אנגירט פאר סאבאטאזש, און האלאנד האט פאר דער קאמיטע אויסגעדריקט זיין ערשטוינונג, וואס די רעגירונג האט שוין לאנג זיך ניט אפגערעכענט מיט איהם. א חוץ די, וועלכע ער האט אנגערופען עפענטליך, האט ער דער קאמיטע געגעבען איינינע נעמען אין געהיים. מען זאגט, אז צווישען די נעמען זיינען דא הילמאן, דער פרעזידענט פון דער אמאלגאמייטעד און אויך אונזער פרעזידענט, בענדזשאמין שלעזינגער.

אט דאס איז א בעאמטער, וואס מאכט עהרע דער א. פ. אוו ל. און דער גאנצער ארבייטער באוועגונג, און אויך זיין לאנד, אלס בירגער. זאלען זיי זיך נאר מעהרען, און אונזער דעמאקראטיע איז געזיכערט אויף אייביג.

נייע מלחמה וואלקעס?

די באציהונג צווישען אמעריקא און מעקסיקא זייגען די לעצטע צייט זעהר אנגעשטרענגטע. מיט איין מאל דערוואכען מיר זיך, אז די מעקסיקאנער האלטען אין איין אויסמארדען די ארימע, שוצלאזע אמעריקאנער, אז אמעריקאנער מאטראזען ווערען בארויבט, און דאס עס איז איבערהויפט ניט אויסצוהאלטען פון די מעקסיקאנער.

פארשטעהט זיך, אז וואלט געווען אין מעקסיקא א שטארקע, א מעכטיגע רעגירונג, וואלט דערצו ניט געקומען. אין וואלט שוין יע פאסירט א פארברעכען, וואלט די רעגירונג געווען שטארק גענוג צו באשטראפען דעם פארברעכער. איז אבער די צרה די וואס די מעקסיקאנישע איצטיגע רעגירונג איז א שטארקע ענטוישונג פאר אונז. קאראנזא איז עפעס נאך א האלבער סאציאליסט. נאך ערגער איז דאס, וואס ער האט כמעט געהאלטען מיט די דייטשען אין דער צייט פון קריג.

אבער דאס ערנסטע איז, דאס ער האט דערלאזען, אז עס זאל געפאסט ווערען א געזעץ, לויט וועלכען די מעקסיקאנישע רעגירונג מעג קאנפיסקירען אלע געשעפטען פון די אויסלענדער.

מיט דעם געזעץ האט דער שלימאזעל קאראנזא זיך פארטשעפעט מיט די גרעסטע אויל־מאגנאטען אין אמעריקא, ענגלאנד, יאפאן און ז. וו. עס איז מעקסיקא'ס אומגליק צו זיין רייך אין אויל, און פון אויל מאכט מען געלט, אבער גאר שווערע געלט. און דא קומט א געזעץ, וועלכער ערלויבט די קאנפיסקאציע פון אלע אויל־קוואלען אין די הענט פון אויסלענדער.

זייט דאן האט זיך אנגעפאנגען א געוואלדיגע פראפאגאנדא אין דער פרעסע, פאר דאס אריינמישען זיך פון אמעריקא אין מעקסיקא, און זייט דאן ווערען טאג־טעגליך באגאנגען אין מעקסיקא אלערליי רויבערייען און מארדען, אזוי ווי זיי וואלטען פאבריצירט געווארען טו ארדער אום צו העלפען דער היגער פראפאגאנדע.

דער סענאט אונזערער האט זיך די וואך שטארק באשעפטיגט מיט מעקסיקא, און, ווי עס זעהט אויס, וועט זיך עפעס ארויסדרעהען דערפון, סיידען די קאראנזא־רעגירונג זאל זיך כאפען באצייטענס און אפשאפען דעם נארישען און שעדליכען געזעץ, וואס מאכט אזוי קאליע די ביזנעס פון אונזערע אויל־סוחרים.

נייע פראבלעמען אין דער קלאוקמאכער יוניאן

פון פ. קאטלער

דער סטרייק איז שוין גאט צו דאנקען פאראיבער, די מלחמה האט זיך געענדיגט, דער פריעדענס־אפמאך איז אויך אונטערגעשריבען, ביידע צדדים האבען זיך צוריקגענומען צו זייערע פריעדליכע באשעפטיגונגען, די מאנופעקטשורערס צו זייערע ביזנעס צוצופאסען זייערע ביזנעס צו די נייע קאנדיציאנען אין טרייד און די יוניאן צו איהר טעטיגקייט צו זעהן אז די נייע קאנדיציאנען זאלען אריין אינ'ם לעבען און זאלען דורכגעפיהרט ווערען אין דעם גאנצען טרייד.

עס איז נאך אפילו צו פריה צו זאגען א באשטימטע מיינונג וואס פאר א ווירקונג ענדערונגען די נייע סיסטעמע און די נייע קאנדישאנס וועלען ברענגען אין דער אינדוסטריע אין דער צוקונפט, און נביאות זאגען איז היינטיגע צייטען ניט זעהר קיין זיכערע זאך, אבער מיר קענען שוין האבען א שטיקעל באגריף וועגען דער אלגעמיינער לאגע און ווי אזוי זי וועט זיך ענטוויקלען פון דאס, וואס עס קומט שוין פאר אין טרייד.

עס ציינט זיך ארויס, אז די נביאות זאגונג פון אלע צדדים אין אונזערע אייגענע רייהען זיינען ניט מקוים געווארען, סיי די נבואה אז די אפערייטארס וועלען ניט אננעהמען קיין וואך ארבייט אונטער קיינע אומשטענדען און סיי די אז די אפערייטארס וועלען ארבייטען פאר א קליינעם סקייל אבי נאר צו קריגען וואך־ארבייט.

דער אפריייטאר האט אנגענומען וואך־ארבייט און איז צופריעדען מיט וואך ארבייט ווען ער קען קריגען אנשטענדיגע שכירות. ער קריעגט דאס יעצט און איז דערמיט צופריעדען.

אויב אבער עס זיינען געווען פאנטאזיארען וועלכע האבען גערעכנט אז מיט דער אפשאפונג פון דעם שטיק סיסטעם וועלען אויך אבגעשאפט אלע צרות, וועלען זיי מוזען ענטוישט ווערען. אבער די וואך סיסטעמע האט געמוזט איינגעפיהרט ווערען אום צו פארהיטען די אינדוסטריע פון אונטערגאנג. די הויפט אויפגאבע איז אלזא ערדייכט געווארען און יעצט וועט מען זעהן צו לייזען אלע אויפגעבלאזענע און אמת'ע פראבלעמען וועלכע די נייע סיסטעם ברענגט מיט זיך.

נאך איידער די אפיסעס האבען זיך איינגעשטעלט, נאך בעפאר די ביזנעס אייגענטימער האבען געהאט א מעגליכקייט אריינצוקומען אין די שעפער צו זעהן ווי אזוי עס געהט דארט צו, זיינען אריינגעקומען קאמפליינטס פון א פערשידענעם כאראקטער. און פון דיזע קאמפליינטס קען מען זיך מאכען א בעגריף ווי אזוי די לאגע קען זיך ענטוויקלען אויב מען וועט גלייך פון אנפאנג אן ניט האבען קיין שטארקע קאנטראל איבער די שעפער.

אט זיינען א צאהל קאמפליינטס ווי זיי זיינען אריינגעקומען אין אונזער אפיס.

1) מען ארבייט פון שטיק.
2) מען מאכט אב צו קריגען באנוסעס.
3) קאמפליינטס וועגען פרייזען.
4) דיסטשארדזש.
5) מען יאגט זיך ביי דער ארבייט צו קריגען א רייז.

פון די אלע קאמפליינטס איז די קלענסטע פאר וועלכע מען דארף מורא האבען — די שטיק ארבייט. די יוניאן דארף קיין מורא ניט האבען און וואס אנבעלאנגט די אפרייטארס וועט די שטיק סיסטעם ניט קענען אריינגע'גנב'עט ווערן, ווייל אויב די שטיק ארבייט סיסטעם איז בעפאר געווען א פראבלעמע ביי די פרעסערס קען דאס פאר קיין פאל ניט ווערען ביי די אפרייטארס. ביי די פרעסערס האט דאס געקענט מעגליך ווערען אין די קליינע שעפער צוליעב דעם וואס די פרעסערס זיינען א קליינע צאהל 2 אדער 3 אין א שאפ און אין די גרעסערע שעפער דערפאר וואס עס איז פאראן א מענעדזשער פרעסער וועלכעס האט מעגליך געמאכט ער זאל בגנבה ווערען א קאנטראקטאר און צאהלען די פרעסערס פון וואך און אליין ארבייטען פון שטיק. ביי די אפרייטארס איז דאס ניט מעגליך. קיין מענעדזשער איבער די אפערייטארס אין שאפ קאן ניט זיין, און אז די אפערייטארס זאלען צווישען זיך אפמאכען אז זיי זאלען ארבייטען פון שטיק קען דאס לאנג ניט אויסהאלטען, ווייל זאל נאר איין אפעריייטאר אין וואך האבען א קלענערע פעי ווי ער האט גערעכנט אז ער דארף האבען וועט ער חרטה האבען אויפ'ן בארגיין און וועט ברייגגען זיין קאמפליינט אין זיין לאקאל, וויסענדיג אז דער לאקאל וועט איהם ניט בעשטראפען ווען ער ברייגגט דעם קאמפליינט און וועט נאך אנשטאט דעם זעהן אז ער זאל דערביי ניט ליידען. וואס אנבעלאנגט אלזא די מורא פאר די איינפיהרונג פון שטיק ארבייט אפילו אין די קליינע שעפער איז די מורא איבערטריבען ווייל עס קען אין לעבען צוריק ניט געבראכט ווערען. שטיק ארבייט פאר'ן אפרייטאר איז א פארגאנגענע זאך וועלכע קען זיך קיינמאל צוריק ניט אומקעהרען.

אויב אבער די פראבלעמע פון שטיק ארבייט איז איבערהויפט קיין פראבלעמע ניט און וועט קיין מאל ניט ווערען וואס אנבעלאנגט דעם אפרייטאר, ווערען אבער די אנדערע קאמפליינטס מיט דער צייט גאנץ ערנסט. ווי א שטיינער דער קאמפליינט וועגען פרייזען.

ווען מיר זאגען די קאמפליינטס וועגען די פרייזען מיינען מיר ניט דעם מינימום סקייל. ווייל וואס אנבעלאנגט דעם מינימום סקייל האט דער אגרימענט דעם אפרייטאר פארזיכערט. ווען אבער דער אגרימענט האט פארזיכערט דעם פרייז פאר דעם מינימום אפרייטאר וועלכע זיינען א קליינע צאהל אין טרייד, האט אבער דער אגרימענט קיין זאך ניט באזארגט די גרויסע מעהרהייט פון די אפרייטארס וועלכע פארלאנגען א העכערען פרייז ווי דער סקייל איז און האט איבערגעלאזען פאר איהם אליין אויסצופייטען זיין פרייז צו וועלכען ער איז בארעכטיגט. דערפון קאן זיך ענטוויקלען דער פארלאנג צו יאגען זיך, צו צייגען דעם באס אז ער איז בארעכטיגט צו א גרעסערען פרייז. און ווען איינער יאגט זיך מוז ער מיטשלעפען מיט זיך דעם גאנצען שאפ און עס קען ווערען אין שאפ א „רייס טרעק", ווי די אפרייטארס רופען דאס. און די גאנצע האפנונג איינצופיהרען נארמאלע קאנדישאנס אין טרייד, דאס הייסט, אז דער אפעריייטאר זאל ארבייטען נארמאל קען שוין דורך דעם געהן פארלארען. די יוניאן אין אזא פאל מוז נעהמען א שטעלונג. און אונזער לאקאל האט דאס שוין געטהאן, — אז קיין אינדיווידועלע רייזעס זאל מען ניט קענען קריגען; אויב א רעיז, איז פאר'ן גאנצען שאפ. אבער מיר גלויבען קוים אויב דאס איז דער ריכטיגער מיטעל, ווייל דאס מאכט אז די אונצופריעדענע זאלען טרייען אדער צו גנבענען פון דער יוניאן און ארבייטען אויף א באנוס, אדער פארלאזען דעם פלאץ. איבערהויפט, נאך ווען עס איז א דוחק אויף ארבייטער ווען עס פעהלען אוים ארבייטער אין טרייד. מען קען ניט ערווארטען אז אן אפעריייטאר וועלכער דענקט און פיהלט אז ער איז ווערט מעהר וויפיעל ער קריגט זאל זיצען אין א שאפ ווען ער ווייס, אז ער קען קריגען אין א צווייטען פלאץ מעהר. עס איז דארום טאקע געווארען א רעגעלע אומוואנדערונג פון איין פלאץ צום צווייטען און זייער פרייז שטייגט פון טאג צו טאג. עס זיינען פאראן אפילו גאנץ אקטיווע מעמבערס אין דער יוניאן וועלכע פרעהען זיך מיט דער ערשיינונג, איך גלויב אבער אז צופיעל פרעהען זיך איז ניטא וואס, ווייל דער צושטאנד איז ניט קיין נארמאלער און קען מיט דער צייט פיהרען צו ערנסטע צוזאמענשטויסונגען מיט די בעלי בתים. עס איז אמת אז אין צייט פון סיזאן איז ניטא וואס מורא צו האבען. די יוניאן מוז אבער האבען אין זינען ניט נאר דעם יעצטיגען גינסטיגען מאמענט נאר אויך די צוקונפט, ווען די ביזי וועט פאראיבער און דער בעל־הבית וועט קענען אויסקומען מיט א קלענערען סעט ארבייטער. דאן קען די דיסטשארדזש פראגע, וועלכע האט די לעצטע עטליכע יאהר פערלארען איהר בעדייטונג, ווידער ווערען אן ערנסטע און א שארפע פראגע.

מאנכע בעלי־בתים זיינען אפילו געפאלען אויף א סקים ווי אזוי אבצושרעקען די אפערייטארס פון צו בעטען פרייזען, אדער פארלאזען די שעפער ווען זיי קריגען עס ניט. זיי פערלאנגען רעפערענס וואו מען האט געארבייט און ווען זיי געפינען אויס אז דער אפעריייטאר איז אוועק פון פלאץ ווייל ער האט געוואלט מעהר געלד נעהמען זיי איהם ניט אן. דאס וועט זיי אבער זעהר ווענינ העלפען, ערשטענס האט דער אפעריייטאר א ברירה ניט צו זאגען וואו ער האט געארבייט, צווייטענס, ווען די אפערייטארס וועלען דערפילען אז דאס שטערט זיי צו קריגען א בעסערען פלאץ מיט מעהר געלד וועלען זיי ברייגגען דערצו אז דער גאנצער שאפ וועט פאדערען א רעיז און אויב זיי וועלען דעם רעיז ניט קריגען וועלען זיי אלע פארלאזען דעם שאפ, און דאס איז שוין אויך א פערברעכען געגען דער יוניאן.

דיזער צושטאנד ווי שוין באריכטעט איז זיכער ניט קיין נאמאלער. אבער אזוי לאנג ווי די בעלי־בתים וועלען ניט געבען די יוניאן די פולע מעגליכקייט צו קריגען פאר יעדען ארבייטער זיין גערעכטע פאדערונג בנוגע צום פרייז: און אזוי לאנג די בעלי־בתים וועלען נאך אלץ פראקטיצירען זייער אלטע מעטהאדע צו זוכען בעלי־מלאכות אין דער 5טער עוועניו אנשטאט צו פארלאנגען זיי פון דער יוניאן און וועלען קוקען מיט פאראכט אויף יעדען איינציגען ארבייטער וועלכער ווערט געשיקט פון דער יוניאן, וועט דער צושטאנד זיכער ניט ווערען בעסער און וואס שנעלער די בעלי בתים וועלען קומען צו דיזער איבערצייגונג אלץ בעסער וועט זיין פאר'ן טרייד.

אונזער עקזעקוטיווע, וועלכע האט אין צייט פון סטרייק נאכגעפאלגט מיט בעזאנדערע אויפמערקזאמקייט די ענטוויקלונג פון סטרייק און איז פיעל פאראנטווארטליך פאר זיין אויסגאנג אין בעצוג צו דעם סקייל פון די אפערייטארס, באשעפטיגט זיך גאנץ ערנסט מיט דיזער פראגע און אזוי שנעל ווי די פלענער וועלען אויסגעארבייט ווערען וועלען זיי פארגעבראכט ווערען צו דער גאנצער יוניאן.

ווי איהר זעהט, איז די הויפט פראגע ווי אזוי צו ברייגגען דעם טרייד צו א נארמאלען געזונדען צושטאנד. לאמיר האפען אז אונזער יוניאן וועט געלינגען צו געפינען דעם ריכטיגען וועג.

פ. קאטלער, מענעדזשער לאק. 1

זייענדיג אויף אייער וואקיישאן פארגעסט ניט אן די מלחמה־קרבנות

מיר גלויבען, אז עס איז ניט נויטווענדיג, אז מיר זאלען שרייבען לאנגע אפיעלס. מיר ווילען אבער אייך דערמאנען, אז איהר האט א חוב צו באצאהלען און איהר קענט עס באצאהלען מיט דעם, וואס איהר וועט מאכען קאלעקשאנס פאר די מלחמה קרבנות. איהר דארפט ניט ווארטען ביז וואנען א פארטרעטער פון אונזער ארגאניזאציאן אדער פון אנדערע רעליעף קאמיטעס זאל אייך קומען דערמאנען אן אייער חוב. שפארט איין די רייזע הוצאות, שפארט איין די צייט, וועלכע עס דארף אוועקנעמען ביי אונזער רעליעף קאמיטע. זאלען זיך אין יעדען פלעשור־הויז געפינען איינינע, וועלכע זאלען זעהן, אז אין דער צייט, ווען זיי פארבלייבען אויף וואקיישאן, זאל וואס מעהר געלד געזאמעלט ווערען און שיקט צו אט די געלד אין הויפט אפיס פון דער פיפעלס רעליעף קאמיטע, 175 איסט בראדוויי, ניו יארק.

טהוט אייער פליכט!

פיפעלס רעליעף קאמיטע.

אב. [illegible], טרעזשורער.

יעדער דעפארטמענט אין דער פעקטארי א קאמיטע פון יוניאן־מעמבערס, וועלכע זאל שטעהן אונטער דער קאנטראל פון דער יוניאן. און די האט דאס רעכט און די פליכט צו פארהאנדלען מיט די באסעס אין אלע פארקומענדע פראגען.

5. דער טשארדזש פאר קאטען אפגעשאפט. קאטען צו דער ארבייט קריגען די ארבייטער פאלשטענדיג פריי.

6. א גאנץ היבשע רעכענונג אין וויידזשעס פאר די פארשידענע ארבייטער. פאר קיינעם איז די העכערונג אין וויידזשעס ניט ווייניגער ווי 20 פראצענט.

7. די פראגע פון די ארבייטס־שטונדען איז איבערגעגעבען געווארען צו ארביטריישאן. ביידע צדדים האבען זיך ערקלעהרט איינפארשטאנען זיך צו אונטערווארפען דעם באשלוס פון דער ארביטריישאן־קאמיטע.

נעהמענדיג זיך א גוטען ביישפיעל פון די ארבייטער אין ווארנערס קארסעט־פעקטארי, זיינען ארויס אין סטרייק לעצטען מאנטאג די ארבייטער פון נאך דריי אנדערע פעקטארים. די קראן בעטשלער, לא רעזיסטא און בוירדסי סאמערס.

די סטרייקערס פון די דריי אויבענגענאנטע פעקטארים האבען ארויסגעשטעלט די זעלבע פאדערונגען, וואס די ארבייטער פון ווארנער־פעקטארי.

אין דער צייט, וואס מיר שרייבען די צייל'ען, זיינען מיר נאך ניט זיכער, אויב די ארבייטער פון די דריי אנדערע פעקטארים האבען שוין זייער סטרייק געוואונען. לויט א טעלעגראמע אין דער „טיימס", האבען אויך די סטרייקער צו פארצייכענען דעם זעלבען זיעג, וואס די ארבייטער פון דער ווארנער־פעקטארי, אבער מיר זיינען ניט זיכער אין דעם. פון ברודער זיידמאן, וויס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער איז דארט אויפ'ן פלאץ און איז געווען דער פיהרער פון דעם סטרייק, האבען מיר דערוויל נאך ניט געהערט.

עס איז אבער כמעט ווי זיכער, אז דער סטרייק איז געוואונען געווארען פון די קארסעט־ארבייטער אין ברידזשפארט אויף דער גאנצער ליניע, און מיר מעגען זיי שוין גראטולירען מיט דעם גרויסען זיעג.

א גוטער, ווי א שלעכטער ביישפיעל, איז אנשטעקענד. קוקענדיג אויף אונזערע סטרייקער זיינען ארויס אין א דזשענעראל סטרייק אלע מאשיניסטען. זיי פארלאנגען א קלאוזד שאפ, א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך א. ז. וו. דאס זעלבע טוען פיעלע אנדערע ארבייטער. מיר ווינשען זיי אלע דעם בעסטען ערפאלג.

סעקרעטער באראף צוריק ביי זיין דעסק

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" ווייסען, האט ברודער אב. באראף, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל, דורכגעמאכט א שווערע אפעראציאן און ער איז א צייט לאנג גאנץ ערנסט קראנק געווען. די לעצטע פאר וואכען האט ער פארבראכט אויף א פארם אין קאנעקטיקוט סטייט, און, ווי מען זאגט, ווידער קומען צו זיך.

דעם דינסטאג איז ברודער באראף געקומען אין ניו יארק און ער איז שוין ווידער ביי זיין דעסק אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, אטענדענדיג צו זיין ארבייט.

עס פרעהט אונז צו מעלדען, דאס ברודער באראף, ניט אכטענדיג וואס ער האט דורכגעמאכט אזא שווערע קראנקהייט, פיהלט זיך גאנץ פריש און מונטער, און מיט באנייטע כחות נעמט ער זיך ווידער צו דער ארבייט. ברודער באראף בעט אונז אין זיין נאמען צו באדאנקען די פיעלע פריינד אין אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, וואס האבען זיך אינטערעסירט מיט זיין לאגע און האבען זיך כסדר נאכגעפרעגט וואס ער מאכט. ער דאנקט זיי אלעמען און ווינשט זיי דאס אזעלכעס וואס ער האט דורכגעמאכט איצטער זאלען זיי קיינמאל ניט דארפען דורכמאכען.

די וואָך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on July 25, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

נעגער־ראיאטען אין וואשינגטאן

דערוויל איז נאך ניט ערקלערט געווארען קיין קריעגס־צושטאנד אין וואשינגטאן. אבער מעהר ווי די ערקלערונג פעהלט ניט. דער קריעגס־צושטאנד איז דא. עס שלאגען זיך אמעריקאנער מיט אמעריקאנער: ווייסע אמעריקאנער מיט שווארצע אמעריקאנער, און עס פעהלט קיין זאך ניט, וואס געהערט צו א מלחמה: ביקסען, רעוואלווערען, געטויטעטע און פארוואונדעטע, אפילו די מאדערנע כלי זין, די „טענקס" — די זיינען אויך דא אין וואשינגטאן, אין פאל מען וועט זיי דארפען.

די אמת'ע אורזאכע פון דער מלחמה איז פונקט אזוי ניט קלאר, ווי די אורזאכען פון פיעלע אנדערע גרעסערע מלחמות. מען זאגט, אז אנגעפאנגען האט זיך די מלחמה פון דעם, וואס א שווארצער סאלדאט זאל האבען צוגענומען די געליעבטע פון א ווייסען. דאס זאל האבען אויפגעבראכט דעם צארן פון אלע ווייסע סאלדאטען אין וואשינגטאן, און זיי האבען איהם אויסגעלאזען ניט נאר צו די נעגער־סאלדאטען, נאר צו דער שווארצער באפעלקערונג אין וואשינגטאן אין אלגעמיין. די שווארצע אין וואשינגטאן האבען אבער אין דער לעצטער צייט, ווי עס שיינט, אנגעהויבען פיהלען, אז זיי זיינען באשאפען געווארען פאר עטוואס בעסערעס אויף דער וועלט, ווי צו זיין לינטש־קרבנות פון די ווייסע, און אנשטאט איבערצוטראגען מיט דער נויטיגער מארטירער־געדולד די באהאנדלונג פון די ווייסע, האבען זיי אנגעהויבען אפצוענטפערען מיט רעוואלווער־שיסע. אזוי האט זיך די מלחמה צווישען די שווארצע און ווייסע אלץ שטארקער און שטארקער צופלאקערט אין דעם משך פון דער וואך, און וואשינגטאן זעהט איצט אויס ווי א קריעגס־לאגער. עס וועט געווים געדויערען נאך א היבשע ווייל'ע איידער וואשינגטאן וועט ווידער אריינגעהן אין די אלטע קאלעע.

די ריאטען אין וואשינגטאן זיינען, ווי עס זעהט אויס, פון א גאנץ גרעסערער באדייטונג, ווי די ניגער־לינטשערייען, צו וועלכע מיר זיינען שוין צוגעוואוינט. דער פאקט, אז אזעלכעס האט געקענט פארקימען אין וואשינגטאן, דעם הויפט־קוואל פון געזעצע און געזעצליכקייט, דאס אליין איז שוין פון גרויסער באדייטונג און באוויזט, אז די נעגער־פראגע ווערט אלץ מעהר און מעהר פארשארפט דא, אין אמעריקא. אין דעם איצטיגען פאל, אזוי וויט, ווי איינער קען אורטיילען, שיינט עס פון איין זייט, אז די ווייסע סאלדאטען באטראכטען זיך איצט אלס גאנצע בעלי־בתים אין אמעריקא, און אז זיי מיינען, דאס זיי זיינען איבער דעם געזעץ ניט נאר בנוגע צו די שווארצע, נאר אפילו בנוגע צו די ווייסע, וואס זיינען ניט אנגעטאן אין א סאלדאטסקע יוניפארם, ווארום עס איז דאך ניט קיין קליינינקייט, וואס זיי האבען אויסגעטאן און געאפפערט פאר'ן פאטערלאנד. אבער צוליעב דיזעלבע אורזאכע, און אויך צוליעב דעם, וואס אזוי פיעל אונטערדריקטע פעלקער האבען געקראגען אדער האלטען ביים קריגען זייער פרייהייט און אינאפהענגיגקייט, האט דער שווארצער אין אמעריקא אנגעהויבען אנדערש צו פיהלען, ווי ער האט ביז איצט געפיהלט, און ער קען ניט מעהר פארטראגען אלע באליידיגונגען און ברוטאליטעטען פון די ווייסע, ווי דאס איז ביז איצט געווען דער פאל.

דערפאר קען זעהר מעגליך זיין, אז דאס וואס האט די וואך פאסירט אין וואשינגטאן, זאל זיך ווידערהאלען אין פארשידענע פארמען איבער'ן גאנצען לאנד.

דעם פרעזידענטס פריוואט־אגיטאציע ווירקט ניט.

דער סכסוך צווישען פרעזידענט און סענאט איבער דעם פרידענס־אפמאך איז ניט שטילער געווארען, נאר ער צופלאקערט זיך אלץ מעהר און מעהר. מען האט געדענקט, אז ווען פרעזידענט ווילסאן וועט האבען די געלעגענהייט זיך דורכצורעדען מיט די געגנערישע סענאטארען פריוואט, אויג אויף אויג, ערקלערענדיג זיי די געהיימסטע מאטיווען, וואס האט באוואויגען די פאריזער פרידענס־קאנפערענץ צו איהרע פיעלע זאנסט אויבען־אויפיג־אומערקלערליכע האנדלונגען, וועלען זיי ווייכער ווערען און זייער געגנערשאפט וועט ביסלעכוויז פארשווינדען. פאסירט האט אבער גראדע דאס אומגעקערטע. ערשטענס, זיינען דא אייניגע סענאטארען, וואס זיינען מוחל דעם כבוד פון א פריוואטער אונטעררעדונג מיט'ן פרעזידענט. זיי זאגען, אז זיי ווילען ניט וויסען פון קיין זאך, וואס דער גאנצער סענאט טאר ניט וויסען. און די עטליכע סענאטארען, וואס האבען שוין יא געהאט אונטעררעדונגען מיט'ן פרעזידענט, זיינען נאך אלץ געבליבען ביי זייערע פריהערדיגע מיינונגען, און עס הייסט, אז אהן געוויסע „רעזערוויישאנס", פארטייטשונגען פון געוויסע פאראגראפען, אויב ניט זאגאר גאנצע נייע אמענדמענטס צו דעם פרידענס־אפמאך, האט דער לעצטער גאנץ קנאפע שאנסען אנגענומען צו ווערען.

ווי ווייט די געגנערישע סענאטארען זיינען פארביסען, קען מען זעהן פון דעם פאלגענדען פאל. פרעזידענט ווילסאן האט זיך געווענדעט צו דער קאמיטע פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען וועגען דעם, אז ער זאל דערוויל קענען אפאינטען א קאמישאנער פון אמעריקא אין די רעפאריישאן קאמיטע. ער האט אין זיין בריף ערקלערט, אז דאס איז זעהר נויטיג; אז ניט, קען דארטען דער פרידען און די ביזנעס אין אמעריקא שטארק ליידען. האט אבער די קאמיטע ערקלערט, אז זי קען עס געזעצליך ניט טאן. אז פריהער מוז מען דעם פרידען גוטהייסען, און נאכהער ערשט קען מען באשטימען דעם מאן אין דער קאמיטע.

עס איז קלאר, אז ווילסאן מעג זיך ריכטען אויף א גרויסען ערנסטען קאמף. נאטירליך, אין דער צייט פון דער מלחמה האט דער פרעזידענט געהאט די גאנצע דעה. זיין ווארט איז געווען געזעץ, אין ער האט זיך טאקי דערמיט זעהר שטארק באנוצט. ער האט קיינמאל ניט געהאלטען פאר נויטיג זיך צו בעראטען מיט דעם סענאט. אפילו צו די פרידענס־פארהאנדלונגען האט ער ניט געהאלטען פאר נויטיג איינצולאדען א צוויי—דריי סענאטארען, וועלכע זאלען איהם העלפען אין דעם. ווי עס זעהט אויס, האט ער געוואלט דעם גאנצען כבוד פאר זיך. איז איצט, אז די סענאטארען האבען שוין יא די מעגליכקייט, רעכענען זיי זיך אפ מיט איהם אויף ז'ער שטייגער, און זייער גאנצע האנדלונג, ווי עס זעהט אויס, צילעוועט צו ווייזען, אז דאס בעסטע, וואס וועט זיין אין דעם פרידענס־אפמאך אין אין דער פעלקער־ליגע וועט זיין זייער בייטראג, זייער ארבייט, אדער זיי וועלען עס אינגאנצען ניט דערלאזען. פאליטיקס, יו נאו.

ענגלישע און פראנצויזישע פארלאמענטען זיינען מסכים צום פרידענס־אפמאך.

דער ענגלישער פריים־מיניסטער ללאיד דזשארדזש און דער פראנצויזישער פריים־מיניסטער קלעמענסא האבען געהאט א זעהר לייכטע ארבייט מיט זייערע פארלאמענטען אין באצוג צו דעם געשלאסענעם פרידען. און עס איז דאך אויך פארשטענדליך. ענגלאנד האט זיך דורך דעם קריעג געווים ניט אפגענארט. זי האט געוואונען, ווי איינער פון איהרע גרויסע שטאאטסמענער האט זיך אויסגעדריקט, אזוי פיעל, וויפיעל עס האט זיך איהר קיינמאל ניט גע'חלום'ט. טו ווארום זאלען די ענגלישע מ. פ.'ס זיין דאגעגען? געוויס, מען האט מורא געהאט, פון איין זייט, אז די באוועגונג אין אירלאנד זאל ניט קאליע מאכען דעם שעהנעם פרידען, און פון דער אנדערער זייט, אז די ארבייטער זאלען ניט מאכען קיין צו גרויסע געוואלדען. אבער צום גליק האט זיך אויסגעלאזען אלעס גוט. די איירישע הערט מען גאנץ ווייניג דערוויל, און אויב זיי וועלען צופיעל שרייען, זיינען דאך דא איצט גענוג קאנאנען און ביקסען, און מען וועט זיי שוין איינשטילען. און וואס אנבאטרעפט די ארבייטער, זיינען זיי אויך מעהר מויל־העלדען, ווי אמת'ע טוער.

מען האט ערווארט א דזשענעראל סטרייק דעם 21טען דזשולי אלס פראטעסט געגען די עליי־אליסי בנוגע צו רוסלאנד און אלס פאדערונג פאר א באלדיגע דעמאביליזאציע, און פאר די באפרייאונג פון אלע מלחמה געגנער אין דער צייט פון מלחמה. אבער דער סטרייק איז ניט פארגעקומען, און דערוויל האט זיך אלעס געענדיגט פרידליך.

דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען אין פראנקרייך. אמת, פראנקרייך איז אויפ'ן שוועל פון באנקראט, דאס לאנד איז רואינירט, מיליאנען מענשען פעהלען אין פראנקרייך. נאך מעהרערע מיליאנען זיינען דא די אלמנות און יתומים. אבער וואס פאר א באדייטונג האט דאס אלץ געגען דעם געפיהל פון נקמה, וועלכער איז אזוי גרויסארטיג צופרידענגעשטעלט געווארען!

און דאן, ווער קען זאגען, אז מען האט מיט דייטשלאנד געהאט די מינדעסטע איינזעהעניש, אז מען האט איהר איבערגעלאזען עפעס, וואס מען האט נאך געקענט צונעמען! פאלגליך האט אויך דער פראנצויזישער פארלאמענט גאר אנדערש ניט געקענט, ווי גוטהייסען דעם געשלאסענעם פרידען. יע, ללאיד דזשארדזש און קלעמענסא האבען דערוויל געהאט א פארהעלטניסמעסיג לייכטען דזשאב. זיי האבען „דעליווערט די גודס". אי, וואס, וואס שפעטער וועט זיין, נו וועגען דעם וועט זיין צייט שפעטער צו טראכטען.

נאך א פאר סענט פאר די קאר־קאמפאניעס.

פון ערשטען אויגוסט אן וועט דער עולם אין ברוקלין און טיילווייז אין ניו יארק מוזען זיין אזוי פיין, און באצאהלען עקסטרא צוויי סענט פאר א טרענספער. דאס איז דער באפעהל, וואס קאמישאנער ניקסאן, פון דער פאבליק סורוויס קאמישאן, האט אונטערשריבען די וואך. און אז ער האט עס געמעגט טאן, אויף דעם האט ער געהאט די הסכמה פון א העכערען געריכט, אז די פאבליק סורוויס קאמישאן האט א פאלשטענדיגע רעכט צו האנדלען אין דער הינזיכט, ווי זי האלט פאר רעכט. זי קען העכערען אדער פארקלענערען די קאר־פעיר, ניט קוקענדיג אויף קיינע פריהעריגע קאנטראקטען.

דאס מיינט צו זאגען, אז דער קאנטראקט הויבט דאך אן אויסצופיהרען דאס זייניגע. די לעזער וועלען זיך דערמאנען אן דעם אלבאני־סקאנדאל מיט א פאר מאנאטען צוריק, אין וועלכען עס איז געווען פארמישט ניט קיין קלענערע פערזענליכקייט, ווי דער געוועזענער גאווערנאר, אלס אגענט פון דער אינטערבארא, אז זי זאל קענען העכערען די פעירס. דער סקאנדאל האט דאן געטויטעט דעם פארזוך צו העכערען די קאר־פעיר. אבער, אויב אימיצער האט געמיינט, אז דאס וועט שוין טאקע אזוי בלייבען, זעהט ער מסתמא איצט איין זיין טעות.

נאטירליך, אז קאמישאנער ניקסאן האט אנגעפאנגען מיט צוויי קאמפאניעס, איז ניטא קיין גרונד, ווארום די אנדערע קאמפאניעס זאלען באלד ניט קריגען דיזעלבע פריווילעגיע צו נעמען פאר א טרענספער צוויי סענט. און דאן, אז דאס וועט שוין ווערען אלגעמיין איינגעפיהרט, איז ניטא קיין גרונד, ווארום אנשטאט זיך צו דרעהען א מוח מיט טרענספערס, מען זאל ניט מאכען אן אלגעמיינעם פרייז פון 7 אדער 8 סענט.

וואס איז, אונזער עולם וועט ניט געבען? נארישקייטען! הלמאי ניט ער דעם בעקער, דעם בוטשער און אלע, ווער עס וויל נאר? זאלען גראדע די קאר־קאמפאניעס זיין די איינציגע, געגען וועמען ער וועט מאכען מלחמה?

דאס איז דאך אונמעגליך. און דאן טאקע, וואו איז יושר? די קאמפאניעס שרייען, אז זיי זיינען באנקראט, אז זייערע עקספענסעס זיינען פארדאפעלט און פארדריפאכט געווארען, און זיי קענען ניט אפארדען צו פיהרען די פאסאזשירען פאר דעם פריהערדיגען פרייז. דאס איז א ליגען. אין דער אמת'ען מאכען זיי נאך איצט גאר גרויסע פראפיטען. אבער זיי האבען א פיעל בעסערען ארגומענט: אז אלע האלטען אין איין רייסען פון עולם, און מען מאכט הונדערט פראצענט פראפיט, צו וואס מען ריהרט זיך נאר צו, טא פארוואס זאלען מיר זיין צדיקים, און

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 28. New York, Friday, July 25, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

אין די בראנזווילער קלאוק און סקירט שעפער

פון א. באבימש.

די בראנזווילער קלאוק און סקירט שעפער, אבוואהל קאנטראלירט פון'ם ניו יארקער דזשאינט באארד, זיינען זיי דאך א באזונדער וועלטעל פאר זיך. און ווען מען שרייבט וועגען דער ניו יארקער ארגאניזיישאן קאמיטע אדער סעטעלמענט קאמיטע, נעמט עס ניט אריין אין חשבון בראנזוויל. און דאריבער וויל איך טאקע אין דיזען באריכט איבערגעבען בקיצור דעם סך הכל פון דער ארבייט אין בראנזוויל אין דער צייט פון'ם סטרייק, אזוי גוט ווי באריכטען וועגען דעם צושטאנד פון דעם יעצטיגען מאמענט אין דעם בראנזווילער דיסטריקט.

* * *

איידער דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען, ווען מיר האבען אויסגעארבייט אונזערע פאדערונגען, האבען מיר צווישען אנדערעס אויך ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון 14 מאשינען, באטענהאל מאשינען, א. ז. וו. האב איך מיר פארגעשטעלט, אז זעהר א קליינע צאהל שעפער וועלען פארבלייבען אין בראנזוויל. אבער מיר האבען זיך אביסעל גענארט אין חשבון. א געוויסע צאהל שעפער האבען זיך טאקע ווירקליך צוגעמאכט. נאטירליך, די ערגסטע און קלענסטע שעפער. אבער דאך זיינען פארבליבען א גאנץ היבשע צאהל פון די קלענערע שעפער, וועלכע האבען פארזוכט דעם טעם פון „באסעריי" און ווי עס צייגט אויס, איז עס אפנים ניט קיין שלעכטער מאכל, און זיי האבען ניט געוואלט ארויס פון דעם פאר קיין געלד. און די לאגע האט זיך אנטוויקעלט אזוי, אז אין איניגע פעלע האבען מיר געמוזט מאכען מיט זיי א שטיקעל קאמפראמיס. אין אלגעמיין אבער האבען זיך די בראנזווילער באסעס אנגעשטריינגט און נאכגעקומען די פאדערונגען פון דער יוניאן.

אבער מיט די קאמפראמיסען פון אונזער זייט און מיט די אנשטריינגונגען פון די באסעס זייט, זיינען דאך ארויס פון ביזנעס דורך'ן סטרייק 23 שעפער און 14 זיינען נאך געבליבען ביז היינט צו טאג ניט געסעטעלט. אבער דער גאט פון בראנזוויל פארלאזט ניט די בראנזווילער קלאוק מאכער, אויף דעם פלאץ פון די 23 שעפער, וועלכע זיינען ארויס פון די ביזנעס האבען צו אונז אריינגעמופט א געוויסע צאהל שעפער פון ניו יארק. ווייל אין בראנזוויל קען מען נאך אלץ קריגען גיכער א לאפט ווי אין ניו יארק.

ארום און ארום זעהט עס אויס, אז אונזער „טעריטאריע" וועט בלייבען אונבאריהרט, וואס אנבעלאנגט דער צאהל פון די שעפער.

* * *

ווי אין מיט וועמען מיר האבען געסעטעלט

צוליעב געוויסע שוועריגקייטען, האבען מיר ניט געקענט אויספיהרען צו שיקען אלע בעלי בתים פון אונזער דיסטריקט צו דער סעטעלמענט קאמיטע אין ניו יארק, און מיר האבען געמוזט סעטלען מיט זיי אויפ'ן פלאץ ביי אונז אין אפיס. און דאריבער וויל איך טאקע דא זאגען א פאר ווערטער אין באצוג די סעטעלמענטס.

מיר האבען מיט קיין איין באס אין בראנזוויל ניט געסעטעלט אהן א סעקיוריטי. די קלענסטע סעקיוריטי איז געווען 200 דאלער פאר א מאנופעקטשורער און 100 דאלער פאר א קאנטראקטאר. מיט דער אויסנאמע פון די באסעס, וועלכע זיינען געווארען מעמבערס אין דער „אמעריקאן אסס'ן", און האבען זייער סעקיוריטי איינגעלייגט דארט, האבען אלע איבריגע געגעבען סעקיורידיטיס, און די אלגעמיינע סומע פון סעקיוריטיס גלייכט איבער צעהן טויזענד דאלער. ביז היינט צו טאג האבען מיר אפגעסעטעלט 82 שעפער, וועלכע זיינען איינגעטיילט ווי פאלגט:

29 אינדעפענדענטס, 12 סעטעלמענטס מיט מעמבער פון דער אמעריקאן אסס'ן, 2 קאנטראקטארס און 14 סטארס. צוזאמען 82. דער סך הכל פון די 116 שעפער און סטארס, וועלכע מיר האבען אפגעסטאפט ביי דער ערקלערונג פון'ם סטרייק, און דורך דעם סטרייק, איז ווי פאלגט:

82 געסעטעלטע שעפער;
21 שעפער ארויס פון ביזנעס, אדער צוועקגעמופט;
13 שעפער זיינען נאך אין סטרייק, מיט וועלכע די יוניאן קען ניט סעטלען. די בעלי בתים'לעך פון דיזע 13 שעפער לעבען נאך ווארשיינליך מיט דער האפנונג צו קריגען א פאר גאראנים וועלכע וועלען געהן צו זיי סקעבען, אבער מיר זיינען זיכער אז זייער האפנונג איז אן אומזיסטע. עס איז פשוט ניטא מעהר קיין אפרייטארס; וואלט געווען א פאר אפרייטארס צו קריגען, וואלטען מיר מיט זיי גיכער אויסגעפילט די שעפער וואו עס פעהלט די צאהל פון 14 אפרייטארס.

אבער דאך וועלען מיר דא דערמאנען די נעמען פון דיזע שעפער. אום אימיצער זאל ניט פארבלאנדזשען און פרעגען אויף ארבייט.

אט זיינען זיי:
גאלדבערג, 54 טאמפארד עוו.
קאניס, 128 גלענמאר עוו.
בלוי און גאהדאן, 536 שעפארד עוו.
סינגער און ראזענבוים, 47 וואטקין סטריט.
פריעד און גאלדבערג, 315 אסבארן סטריט.
קאהאן און פליטער, 245 ראקעוויי עוועניו.
שניידערמאן בראס., 116 אסבארן סט.
קאנטערמאן, 116 אסבארן סט.
שויב, 568 שעפארד עוו.
עבסעל, 1045 סוטער עוו.
פערים מאדעל (סטאר), פיטקין עוו.
ווינער, 1731 לינקאלן פל.

וואס הערט זיך מיט די פרעסער?

איך וויל דא זאגען א פאר ווערטער וועגען די פרעסער פון בראנזוויל און ניט וועגען קיין אנדער פאך באזונדער, דערפאר ווייל עס איז ניט געווען קיין סוד פאר קיינעם אז די מאיאריטעט פרעסערס פון בראנזוויל האבען געארבייט פון שטיק. ווען מיר האבען זיך פארטראכט איבער די אורזאכען, וואס האבען געמאכט די פרעסערס פון בראנזוויל צו ארבייטען פון שטיק, איז פאר אונז געווען גאנץ קלאר איין זאך: אזוי ווי דער קלאוק סיזאן איז אין בראנזוויל קירצער ווי אין ניו יארק, און דער סקייל אוו ווידזשעס פאר די פרעסערס איז נאך דאן געווען ניט אזוי גלענצענד, און ווען א בראנזווילער פרעסער האט געהאט א סיזאן פון 8 אדער 10 וואכען אויף דעם פרעסער סקייל איז איהם אמאל ניט געווען צו פארדינען ווען ער האט עובר געווען אויף א ל"ו. מיר האבען דיזע לאגע קלאר פארשטאנען, און מיר האבען איינגעזעהן, אז די איינציגע זאך צו מאכען די פרעסער ארבייטען פון שטיק, איז קריגען פאר זיי בעסערע פרייזען פון וואך. און דאס האבען מיר ווירקליך געטאן. מיר האבען באהאנדעלט די פרעסערס אין בראנזוויל ביים מאכען די פרייזעס ניט ערגער ווי דעם אפערייטאר, און זעהר א קליינע צאהל פרעסערס ארבייטען פאר'ן סקייל. אלע איבעריגע קריגען פון 40 ביז 65 דאלאר א וואך. און מיר קענען יעצט ווירקליך מיט צופריעדענהייט באריכטען אז די פרעסערס פון בראנזוויל ארבייטען פון וואך אויף אן אמת. און אויב א פרעסער וועט יעצט ארבייטען פון שטיק נאכדעם ווי דער אפיס גיט איהם אלע הילפע צו קריגען אן אנשטענדיגען פרייז, וועלען מיר איהם ווירקליך באהאנדלען ווי א פאררעטער.

באטאנהאל מאשינען.

ביז דעם יעצטיגען סטרייק, האבען די בראנזווילער באטאנהאל מאכער אויפגעהאלטען שאפקעס פאר זיך אליין און געפיהרט די קלאקס צו זיך אין די סעלערס מאכען די לעכער. דיזע סיסטעם האט געצוואונגען לאקאל 64 אויסצושליסען דיזע באטאנהאלמאכער פון דער יוניאן. אין דעם היינטיגען סטרייק אבער האבען מיר זיך גענומען די מיה, און מיט דער הילף פון לאקאל 64 זיינען די אלע בראנזווילער באטאנהאלמאכער געווארען מעמבערס אין לאקאל 64, האבען אויפגעגעבען זייערע שאפקעס און די בראנזווילער באסעס האבען אריינגענומען מאשינען אינסייד. און אזוי זיינען מיר פטור געווארען אין בראנזוויל פון נאך אן איבעל וועלכער האט אונז ניט צוגעגעבען קיין כבוד די גאנצע צייט.

די ארבייט נאך'ן סטרייק

אזוי שנעל ווי שעפער האבען זיך אנגעפאנגען סעטלען און בעלי מלאכות האבען זיך גענומען צוריקקעהרען צו דער ארבייט, האבען נאטירליך אנגעפאנגען צו קומען קאמפליינטס. און אינטערעסאנט איז, וואס די קאמפליינטס פון יעצט זיינען ניט די קאמפליינטס פון אמאל. די מערסטע קלאגען וועלכע זיינען אריינגעקומען צו אונז אין אפיס, זיינען געווען אדער דיסטשארדזש קייסעס, אדער פאר ניט באצאהלען דעם ריכטיגען פרייז. פון דיזען סארט קאמפליינטס האבען מיר געהאט עטליכע און זעכציג, און נאטירליך זיינען אלע קאמפליינטס געשליכטעט געווארען צו גונסטען דער יוניאן. דיזער רעפארט וואלט זיך פארצויגען צו לאנג ווען איך זאל אויסרעכענען יעדען קאמפליינט באזונדער. א גרויסע צאהל פון דיזע קאמפליינטס זיינען ארויסגעקומען צוליעב מיספארשטענדניס. די סיסטעם פון וואך ארבייט איז נייע פאר'ן באס, אי פאר די ארבייטער. און דאריבער זיינען ארויסגעקומען פיעלע קאמפליינטס צוליעב איינפאכע ניט קלארקייט און ניט פארשטענדיגונג אין דער נייער סיסטעם. אבער דיזער נייער פיבער וועט פאראיבער און עס וועט זיך פיעלעס אליין פון זיך אויסגלייכען. צווישען די פיעלע דיסטשארדזש קייסעס און אנדערע קאמפליינטס האבען מיר אויך געהאט א באדייטענדע צאהל קאמפליינטס פאר ניט באצאהלען פאר דעם 4טען דזשולאי. א חוץ די קאמפליינטס וועלכע זיינען אויסגעגליכען געווארען גלייך אין'ם שאפ און די ארבייטער האבען געקראגען זייער געלד אין שאפ. פאר דער צייט האבען מיר קאלעקטעט פאר די ארבייטער די סומע פון 336.82 דאלער.

* * *

אין אלגעמיין איז ביי אונז אין דיסטריקט יעצט גאנץ ביזי. אלע ארבייטען און וואס אנבאלאנגט די פארדינסטען איז ניט צו פארזינדיגען. מען קריגט, גאט צו דאנקען גאנץ שעהן באצאהלט. טאמער האט מען זיך אפגענארט צום ערשטען מאל ביים איינשטעלען דעם פרייז פיקסט מען דאס אביסעל שפעטער.

ארום און ארום קאן איך מיט פרייד באריכטען אז דער סטרייק ביי אונז אין בראנזוויל איז דורכגעגאנגען שעהן, שטיל, רוהיג, אהן טומעל אדער קריגעריי. דער עולם איז יעצט ביי דער ארבייט און די שטימונג צווישען דעם עולם איז א זעהר גוטע און ווען מיר בליקען צוריק, לאמיר זאגען, א 2 יאהר, און וואס פאר א צושטאנד די קלאוק מאכער פון בראנזוויל זיינען געווען דאן און וואס פאר א שטאנד זיי געפינען זיך יעצט מעגען מיר זיך ווירקליך גראטולירען. ערשט דאן זעהט מען ריכטיג וואס די יוניאן האט אויפגעטאן פאר די קלאוק מאכער אין בראנזוויל.

א. באבימש,
מענעדזשער בראנזוויל דיסט.

אין דער רעינקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20

א פיבערהאפטע טעטיגקייט ווערט יעצט אנגעפיהרט אין דער רעינקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20.

די פראגע וועגען איינפיהרען וואך-ארבייט אין אונזער טרייד איז איינע פון די וויכטיגסטע פראגען וואס שטעהט אויפ'ן טאגעס ארדנונג אין אונזער יוניאן פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען.

אונזער נייער עקז. באארד וואס איז נאר וואס אריין אין אמט, האט גלייך אויפגענומען די וויכטיגסטע לעבענס-פראגען וואס האבען שוין פון פריהער געווארט אויף א לעזונג.

די פראגע פון איינפיהרען וואך-ארבייט אין דער ריינקאוט אינדוסטריע איז געווען די ערשטע פראגע מיט וועלכער אונזער נייער עקז. באארד האט זיך פארנומען און די רעקאמענדיישאנס פון עקז. באארד זיינען שוין פארגעבראכט געווארען אויפ'ן מעמבער מיטינג פון אונזער יוניאן.

צוליעב דעם לעצטען עלעקשאן פאר באאמטע אין אונזער יוניאן איז דיזע פראגע אביסעל פאררוקט געווארען אן א זייט. אבער אין דער אמת'ן האט דאס שוין לאנג געדארפט זיין קלאר און באשלאסען. דער פאקט אז פון 40 ביז 50 פראצענט פון אונזערע מעמבערס ארבייטען היינטצו טאג אונטער א וואך סיסטעם וואס דער אפיס האט געסעטעלט מיט איינצעלנע מאנופעקטשורערס און אז מעהרערע שעפער פארלאנגען פשוט אז אין זייערע שעפער זאל וואך ארבייט איינגעפיהרט ווערען, מאכט אונז צו גלויבען, אז די מעמבערס וועלען זיכער אננעמען דיזע נייע פארמע פון ארבייט וועלכע איז מעהר מענשליכער און פערנינפטיגער און אז מיר וועלען ניט האבען קיין איבריג גרויסע שוועריגקייטען דיזע פארם פון ארבייט פאלשטענדיג אריינצובריינגען אין אונזער טרייד. שוין אבגעזעהען דערפון וואס דאס וועט אויסקומען מיט פיעלע, פיעלע איבלען מיט וועלכע אונזער טרייד איז אזוי פיל באשאנקען, אונטער דעם שטיק-ארבייט סיסטעם.

ווי געזאגט, איז וואך-ארבייט ניט דער איינציגער פארלאנג אונזערער. צוזאמען מיט וואך-ארבייט וועלען מיר אויך פארלאנגען א מינימום סקייל און ווידזשעס און 44 שטונדען א וואך ארבייט, ליגעל האלידעיס, סאניטארע קאנדישאנס אין די שעפער, א. ז. וו. דער ריינקאוט מייקערס לאקאל 20 איז געווען דער ערשטער לאקאל אין דער אינטערנעשיאנאל איינצופיהרען אן 48 שטונדיגע ארבייטס-וואך, און יעצט וועט דער לאקאל זיכער ניט בלייבען הינטערשטעליג אין די 44 שטונדען ארבייטס-וואך.

* * *

די צווייטע וויכטיגע פראגע מיט וועלכער אונזער נייער עקז. באארד האט זיך געמוזט גלייך פארנעמען איז געווען די פראגע פון רעיזען די דיוס אין אונזער לאקאל. היינט-צו-טאג איז פילייכט לאק. 20 דער איינציגער לאקאל אין דער אינטערנעשיאנאל אין וועלכען די דיוס איז ניט מעהר ווי 20 סענט א וואך. און מיט אזא קליינע דיום איז היינטיגע צייטען שווער אויסצוקומען, ווען מען נעמט אין אנבעטראכט די גרויסע ארגאניזאציאנס ארבייט וואס לאק. 20 האט אנגעפיהרט אוט אוו טאון און אין ניו יארק, איז זיך ווירקליך צו וואונדערען ווי אזוי דאס האט געקענט געטאן ווערען מיט אזא קליינע צאהלונג פון דיוס. באזונדער האט זיך יעצט די טעריטאריע פון אונזער לאקאל פיעל פארגרעסערט. לאקאל 20 דארף אויף איהר איינענעם רעכנונג קאנטראלירען א טעריטאריע וואס זעלטען אן אנדער לאקאל טהוט דאס. די צאהל שעפער וועלכע מיר קאנטראלירען זיינען צושפרייט אין מאנהעטען, ברוקלין, בראנזוויל, איסט ניו יארק, יוניאן היל, וועסט ניו יארק, מאונט ווערנאן, סאוט נארפאלק, סעמפארד, א. ז. וו. דיזע נייע צאהל שעפער וואס מיר האבען פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען ארגאניזירט ספעציעל די אוט אוו טאון שעפער פאדערען א ספעציעלען מענשען וואס זאל צו זיי אטענדען און נעמען שטענדיגע קעהר אויף זיי, און דאס קען מיט 20 סענט א וואך דיוס ניט געטאן ווערען. אונזער לאקאל האט שוין לאנג געדארפט העכערען די דיוס. עס האבען זיך אבער געפונען ביי אונז איניגע מענשען מיט גרויסע פרעטענזיעס וואס האבען ניט געקענט איינזעהן און קענען דאס נאך היינט אויך ניט איינזעהן ווי אזוי לאקאל 20 קען ניט עקזיסטירען אפילו מיט 16 סענט א וואך דיוס. צום גליק, זיינען דיזע אין אן אונבאדייטענדער מינאריטעט.

אבער די נייע ערוועהלטע עקז. באארד האט ריכטיג פארשטאנען די לאגע אין אונזער לאקאל, און האט באשלאסען אז די דיוס זאל געהעכערט ווערען אויף 5 סענט א וואך. דאס מיינט, אז די דיוס זאל זיין 25 סענט א וואך.

אורטיילענדיג פון דעם סענטימענט וואס עקזיסטירט אין די שעפער צווישען די מעמבערס פון אונזער יוניאן, וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאגען, אז די מעמבערס וואלטען געווען צופרידען ניט נאר צו צאהלען 25 סענט דיוס, נאר אפילו מעהר, אבי צו האבען א געזונדע, קאמפספעהיגע ארגאניזאציאן.

זיי וויסען, ווי באדייטענד זייערע קאנדישאנס אין די שעפער האבען זיך פארבעסערט פאר די לעצטע 6 מאנאטען, און זיי וויסען דאס ווי אפצושעצען און זיי וועלען זיכער ראטיפיצירען דעם באשלוס פון דער עקז. באארד אז די דיוס אין אונזער לאקאל זאל זיין 25 סענט א וואך.

* * *

אין דעם עלעקשאן וואס איז פארגעקומען אין אונזער לאקאל דעם 28טען און 30טען דזשון, זיינען פאלגענדע באאמטע ערוועהלט געווארען: אלס מענעדזשער פון לאקאל איז ערוועהלט געווארען נעג. לואיס וועקסלער, אלס סעקרעטער-טרעזש. איז ערוועהלט געווארען דער שרייבער פון דיזע צייל(ע)ן, און אלס עקז. באארד דעלעגאטען זיינען ערוועהלט דזש. סאקס, מאריס סטעמפער, לואיס ווייסמאן, מייער פאלינסקי, דוד העלער, סיימאן ריטש, אייזאק ווייסמאן, מאקס פארמאן, נעמיראווסקי, אשר ראווסקי, אייק בערמאן, כ. לעוויט, סעם נידעלמאן, מיקי קאהען און איזי אלטשולער.

לאמיר האפען אז די נייע עקז. באארד וועט אריינברייגען א נייעם גייסט פון

מיטינג פון ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן

א קאמיטע פון דער „ניו יארק קאלל" פארלאנגט אויב מעגליך זאל זיי דער דזש. באארד אויסצאהלען די 4000 דאלאר פאר די באנדס וואס די יוניאן האט געקויפט פאר העלפען אויפבויען די אויבענדער־מאנטע צייטונג.

עס ווערט באשלאסען אז די געלט זאל אויסגעצאהלט ווערען.

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען.

לאקאל 1 אינפארמירט פאלגענדעס:

1) ברודער נ. פינק איז ערוועהלט געווארען צום דזשאינט באארד אויף דעם פלאץ פון ברודער שנייד, וועלכער האט רעזיגנירט. 2) דער לאקאל הייסט גוט די סאלאריס פון די אפיסערס. 3) ברודער וואלבערג איז ערוועהלט געווארען צו דער עקזאמיניישאן קאמיטע פון ביזנעס איידזשענטס.

דער צושריפט ווערט גוטגעהייסען.

* * *

לאקאל 3 אינפארמירט, אז זייער עקזעקוטיוו באארד האט גוטגעהייסען די סאלאריס פון די אפיסערס.

לאקאל 48 רעקאמענדירט אז די ביזנעס איידזשענטס סאלאריס זאלען געהעבערט ווערען מיט 5 דאלאר.

* * *

ברודער מאקס פינקעלשטיין, פון פראטעקטיוו דעפארטמענט, זעגענט זיך מיט דעם דזשאינט באארד נאך דעם ווי ברודער מ. זיגמאן ערקלערט, אז ברודער פינקעלשטיין ענטזאגט זיך אויף ווייטער צו בלייבען אלס אפיסער פון דער יוניאן. ברודער פינקעלשטיין איז געוועזען פאר די לעצטע 3 יאהר דער טשיעף קלוירק פון דעם פראטעקטיוו אפיס אין די שטורמדיגסטע צייטען וואס אונזער יוניאן האט דורכגעמאכט. ברודער פינקעלשטיין איז געווארען דער טשיעף קלוירק פון דעם פראטעקטיוו אפיס אין 1916, נאך דעם היסטארישען לאק־אוט, ווען אונזערע מאנופעקטשורערס האבען געמאכט א פארזוך צוברעכען די יוניאן. מיט זיין אוועקגעהן, פארלירט די יוניאן א פעהיגען מענשען. מיר האבען איהם ניט געקענט צווינגען צו פארבלייבען מיט אונז און ווייטער ברענגען נוצען אונזער ארגאניזאציאן. מיר ווינשען איהם ערפאלג אין זיינע ווייטערדיגע אונטערנעמונגען און מיר האפען אז ברודער פינקעלשטיין ווערט בלויז אוים אפיסער אבער ניט אוים יוניאן מאן, און ווען די ארגאניזאציאן וועט איהם דארפען, וועט ער אימער זיין אויפ'ן ארט צו העלפען מיט אלעם וואס ער וועט קענען.

עס ווערט באשלאסען אז ברודער פינקעלשטיין זאל פרעזענטירט ווערען מיט א שעהנעם פרעזענט.

אויך ברודער סאפין רעזיגנירט אלס מענעדזשער פון דער יוניאן. ברודער סאפין איז א יונגער אפיסער, אבער ניט קיין יונגער אין יוניאן טעטיגקייט. ער איז געווארען א מענעדזשער אין איינעם פון די דעפארטמענטס פון דזשאינט באארד אין דער צייט ווען די יוניאן האט דורכגעמאכט אן אינערליכען קריזיס. ער האט געהאלפען צוריק אויפבויען לאקאל 1. ברודער סאפין געהט צוריק צו דער מאשין. ער ווערט בלויז אוים אפיסער, אבער ניט אוים יוניאן מאן. מיר האפען אז ברודער סאפין וועט ווייטער זיין טעטיג אין זיין לאקאל און ער וועט ארבייטען פאר דעם וואהלזיין פון דער גאנצער יוניאן.

דער דזשאינט באארד באשליסט אויך ברודער סאפין צו פרעזענטירען מיט א שעהנעם פרעזענט.

ברודער לעווענטהאל, מעמבער פון לאקאל 1, ווערט ערוועהלט צו באארד אוו דירעקטארס אויף דעם פלאץ פון ברודער שנייד.

לאקאל 11 לאדעט איין דעם דזשאינט באארד צו זייער זיעגעס באנקעט. די איינלאדונג ווערט אנגענומען און די ברידער סטודענט, בעלסאן און קאהען ווערען אפאינטעט.

* * *

באריכט פון באארד אוו דירעקטארס.

ברודער י. בילינג אינפארמירט, אז ברודער גראסמאן, אן עקס אפיסער פון דער יוניאן, געפינט זיך קראנק און ער איז געקומען צו דעם באארד אוו דירעקטארס, פארלאנגענדיג אז די יוניאן זאל דעם ברודער שטיצען מיט עטליכע דאלאר. עס ווערט באשלאסען איהם צו שטיצען מיט 100 דאלאר.

א קאמיטע פון לאקאל 80 פארלאנגט אז מען זאל ערלויבען צו ארבייטען זייערע מעמבערס אין די קלאוק שעפער אומגעשטערט. די קאמיטע ערקלערט אז זיי האבען געהאט א פארשטענדניס מיט לאקאל 3, אז די לעצטע זאל ערלויבען צו ארבייטען מעמבערס פון לאקאל 80 אין די קלאוק שעפער און ניט פארלאנגען פון זיי קיינע טרענספערס און דאס לאקאל 80 זאל ערלויבען צו ארבייטען מעמבערס פון לאקאל 3 ביי די ליידיס טיילארס און אויך פון זיי ניט פארלאנגען קיין טרענספערס. יעצט ערקלערט די קאמיטע, ווייל נים לאקאל 3 מעהר פארטזעצען די אראנדזשמענטס, פארלאנגענדיג טרענספערס פון יעדען ליידיס טיילאר, וואס געפינט ארבייט אין א קלאוק שאפ.

אזוי ווי די פראגע איז א קאנסטיטוציאנעלע, ענטזאגט זיך די באארד אוו דירעקטארס צו האנדלען אין דער פראגע, און עס ווערט באשלאסען, אז לאקאל 80 זאל זיך ווענדען יועגען דעם צו דער אינטערנעשאנעל.

ברודער א. איידעלמאן, אן אפרייטאר פון קאטלאנסקי'ס שאפ, אינפארמירט, אז ער איז פארוואונדעט געווארען דורך יוניאן אקטיוויטעט און ער איז יעצט אומפעהיג צו ארבייטען. דער ברודער פארלאנגט אז עפעס זאל פאר איהם געטאן ווערען.

עס ווערט איבערגעשיקט צום באארד אוו דירעקטארס.

די פראגע פון דער צוזאמענשטעלונג פון די אפיסעס ווערט אויפגענומען און עס ווערט באשלאסען פאלגענדעס:

1) די דאון טאון און אפ־טאון שעפער פון דער אמעריקען אסאסיאיישאן זאלען אטענדעט ווערען פון מענעדזשער ברודער מעטץ. פון דער 15טער סטריט ארונטער זאלען קאמפליינס גענומען ווערען אין דעם דאון־טאון אפיס. פון דער 15טער סטריט און העכער זאלען קאמפליינס גענומען ווערען אין דעם א־טאונער אפיס. צו ברודער מעטץ וועט אן אסיסטענט צוגעגעבען ווערען פאר דעם דאון־טאונער אפיס.

2) די אפ־טאונער אינדעפענדענט שעפער און די ריפער שעפער זאלען אטענדעט ווערען פון מענעדזשער ד. ניסנעוויטש מיט דער ענדערונג, אז דער ביזנעס איידזשענט וואס אטענדעט צו די יעצטיגע גערופענע ריפער שעפער, זאל צו די שעפער ווייטער אטענדען ווי ביז יעצט.

* * *

רעפארט פון מענעדזשערס.

ברודער פריזמאנט באריכטעט אז א קאמפליין איז אריינגעקומען אז די ארבייטער פון דער פירמע פלארינג ארבייטען פון שטיק. נאך דעם ווי דער קאמפליין איז אונטערזוכט געווארען, זיינען די פינישערס געארדערט געווארען צו פאלאזען דעם פלאץ. די אפרייטארס יוגלען געסופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע און מר. פלארין איז ערקלערט געווארען, אז ער וועט זיין סעקיוריטי נים מעהר צוריקקריגען.

ברודער זיגמאן באריכטעט אז ברודער קאטאני וועט עקטען אלס קאמפליין קלוירק אין דעם אפ־טאונער אפיס פון דער אמעריקען אסאסיאיישאן.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

שיקאגא פעד. און ליבאר וועט שטעהן זייט ביי זייט מיט אונזער אינטערנעשאנאל

א מערקווירדיגע ארגאניזאציאנס באוועגונג קומט איצט פאר צווישען די ווייסט און דרעס מאכער און די ווייט־גודס ארבייטער אין שיקאגא. ווי די לעזער וועלען זעהן אויפ'ן ערשטען זייט פון דער צייטונג, איז פרעזידענט שלעזינגער איצט דארטען און ער דירעקטירט אלע באוועגונגען פון דער יוניאן. ער האט דעם פולסטען צוטרויען פון די ארבייטער און אויב עס וועט מוזען קומען צו א קאמף, וועט ער דארט שטעהן ביים רודער, ביז דער קאמף וועט געוואונען ווערען. די ארבייטער זיינען העכסט באגייסטערט און רייסען זיך צום קאמף מיט די איינגעשפארטע בעלי בתים.

ווי אונזערע לעזער ווייסען, האבען אונזערע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערייטאן אוו לייבאר אין אטלאנטיק סיטי פארגעשלאגען א רעזאלוציע, דאס די פעדערייטאן פארפליכטעט זיך צו העלפען אונזער אינטערנעשיאנאל אין די בעפארשטעהענדע קעמפע אין קליוולאנד און אין שיקאגא. די רעזאלוציאן איז פון דער קאנווענשאן אנגענומען געווארען.

אין איינקלאנג מיט דער דערמאנטער רעזאלוציע האט זיך אפגערופען די שיקאגא פעדערייטאן אוו ליבאר. די דארטיגע פעדערייטאן פארשפרעכט צו שטעהן זייט ביי זייט מיט אונזער אינטערנעשיאנאל, נעגען די מאנופעקטשורער און העלפען די ארבייטער געווינען זייערע פאדערונגען, מיט אלעס וואס די פעדערייטאן וועט נאר קאנען.

לעצטע וואך האט דער פרעזידענט פון דער שיקאגאער פעדערייטאן אוו לייבאר צוגעשיקט צו לאקאל 100 פון שיקאגא דעם פאלגענדען בריעף:

„מיט גרויס צופרידענהייט האב איך זיך דערוואוסט פון אייער וואונדערבארען קאמפיין צו ארגאניזירען די ווייסט און דרעס מייקערס פון שיקאגא. עס טוט אונז הויפטזעכליך הנאה צו הערען פון דעם פראגרעס וואס איהר האט געמאכט. די גרויסע צאהל שעפער, וואס איהר האט ארגאניזירט, און די פיעלע מיטגלידער, וואס איהר האט אריינגענומען אין אייער ארגאניזאציע.

„מיר זיינען זיכער, אז אונטער דער איצטיגער קורצקייט פון ארבייט און די פיעלע וואונדערבארע זיעגע פון ארגאניזירטער ארבייט און איבערהויפט די זיעגע וואס די א. ל. ג. וו. י. האט געהאט איבער גאנץ יונייטעד סטייטס און קאנאדא, וועט איהר זיכער האבען ערפאלג אז אייער ארגאניזיישאן זאל אנערקענט ווערען און עס זאל פארבעסערט ווערען די לאגע פון די ארבייטער פון דיזער אינדוסטריע.

„מיר האפען, אז איהר וועט עררייכען אלעס דורך פארהאנדלונג און פרידליכע פארשטענדנים מיט אייערע באסעס. אבער זאלען די באסעס זיך ענטזאגען פון א פרידליכער סעטעלמענט און צווינגען צו א סטרייק, פארזיכער איך אייך אין נאמען פון דער שיקאגא פעדערייטאן אוו ליבאר, אז אלעס וואס עס וועט זיין אין אונזער מאכט וועט געטאן ווערען, אז א יוניאן אגרימענט זאל געמאכט ווערען".

דזשאהן פיטצפאטריק,
פרעזידענט שיקאגא פעדערייטאן אוו ליבאר.

א ווארט צו די סקוירט מאכער פון לאקאל 23

פון ה. וואנדער

ענדליך איז דער טרוים פארווירקליכט געווארען! דאס וואס איז נישט לאנג צוריק באטראכט געווארען אלס א טרוים פון איינצעלנע, גוט־מיינענדע מענשען, ווי מאנכע געגנער פון וואך־ארבייט פלעגען זיך אויסדריקען, איז יעצט שוין געווארען א ווירקליכקייט. די קלאוק און סקוירט מאכער ארבייטען שוין ווירקליך פון וואך, און דוקא 44 שטונדען, מיט א באשטימטען מינימום סקייל אף ווייזשעס. און נישט נאר אין ניו יארק, נאר אין יעדער שטאדט אין די יונייטעד סטייטס און קאנאדא וואו קלאוקס און סקוירטס ווערען געמאכט קומען פאר אינדוסטריעלע רעוואלוציעס. דער קאמף האט זיך צופלאקערט איבער דער גאנצער ליניע. די מערסטע „פאזיציעס" זיינען שוין גענומען געווארען פון אונזער אינטערנעשיאנאל און די איבריגע וועלען באלד גענומען ווערען. אונזערע פעלד־מארשאלס האבען שוין די סטראטעגיקע אויסגעארבייט פאר די נאך ביז איצט נישט איינגענומענע „פאזיציעס" און ווי עס צייגט אוים וועט לאנג נישט נעהמען און מיר וועלען האבען געזיגט אויף אלע פראנטען.

מיר לעבען יעצט אין א צייט פון איבערקעהרענישען. מיר געהען מיט אזעלכע האסטיגע טריט פאראווערטס, אז מיר באמערקען אליין נישט וואס פאר א ווייטען מהלך מיר זיינען אין אזא קורצער צייט אפגעגאנגען.

און ווירקליך, ווער האט זיך עס מיט א צייט צוריק פארגעשטעלט, אז מיר זאלען אזוי שנעל פטור ווערען פון דעם אלטען איינגעווארצעלטען סיסטעם פון שטיק ארבייט מיט די פארשידענע צרות וואס דער סיסטעם האט מיט זיך געבראכט? ספעציעל נאך אין אונזער קאמפליצירטען טרייד, מיט די פארשידענע עלעמענטען און גראדען פון בעלי מלאכות, פון וועלכע אונזער יוניאן איז צוזאמענגעשטעלט. ווען מען האט דאס אלעס אין זינען, ערשט דאן קאן מען ריכטיג אפשאצען די רעוואלוציע וואס עס איז פארגעקומען אין דער קלאוק אינדוסטריע און אין די מוחות פון אונזערע מיטגלידער.

איך זאג אין די מוחות פון אונזערע מיטגלידער, ווייל היינט־צו־טאג געפינט זיך נישט איינער וועלכער זאל נישט אנערקענען אז וואך־ארבייט איז דער איינציגער מענשליכער סיסטעם אונטער וועלכען ארבייטער דארפען ארבייטען, אויב זיי ווילען פארלענגערען זייער לעבען און פארבעסערען זייער לאגע. און יעצט, ווען די אייזערנע וואנט, וועלכע איז פאר 9 יאהר צייט געשטאנען אין דער יוניאנס וועג צו פראגרעס, איז דורכגעבראכען געווארען, דארפען מיר זעהען אז דער נייער סיסטעם, וועלכער איז נאר וואס איינגעפיהרט געווארען, זאל זיך אין דער פראקטיק אויסארבייטען אזוי ווי מיר האבען זיך פארגעשטעלט. ווען מיר האבען אגיטירט פאר וואך ארבייט, האבען מיר אין זינען געהאט ווי ווייט מעגליך אפצושאפען די קאנקורענץ פון איין שאפ מיט'ן צווייטען, דאמיט וואס די פרייזען סעטלען אין יעדען שאפ באזונדער וועט אפגעשאפט ווערען, און א סקייל פון ווייזשעס וועט איינגעשטעלט ווערען פאר יעדען בעל מלאכה, מאכט נישט אוים וואו ער ארבייט. צווייטענס, אפצושאפען דאס איבערגאסטירליכע יאגעניש ביי דער ארבייט. דאס דורכצופיהרען פאדערט זיך אז אונזערע מעמבערס זאלען זיין אמת'ע יוניאן לייט און זאלען פארשטעהען זייער אויפגאבע אלס אזעלכע. ווען איהר מאכט פרייזען דארפט איהר אין זינען האבען, אז די פרייזען זאלען זיין אם ווינציגסטען פאר איין סיזאן און יעדער דארף מאכען א עהרליכען טאג ארבייט פאר די ווייזשעס וואס ער קריגט. יאגען זיך אום צו קריגען מעהר געלד האט נישט קיין ענדע און די רעזולטאטען קאנען זיין גאר ניט קיין גוטע.

* * *

אונזער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען צו פייערען אונזער זיעג דורך א אונטערנעהמונג, וואו אונזערע מעמבערס זאלען זיין די געסט און זיך אמוזירען. ליידער איז אונז נאך ביז יעצט נישט געלונגען צו קריגען א פאסענדען פלאץ וואו מיר זאלען קאנען מאכען א אונטערנעמונג פאר אונזער גרויסער מעמבערשיפ. אלע פארקס און פאסענדע האלס זיינען פארנומען ביז שפעט נאך'ן זומער. וואס מיר קאנען נאך יא קריגען איז א שיף פאר אן עקסקיורשאן פאר א שבת. איז דאס, ערשטענס, פארבונדען מיט גרויסע עקספענסעס און, צווייטענס, ארבייטען אונזערע מעמבערס שבת א האלבען טאג. מיר וועלען זיך דארום צוזאמענקריידען אויב עס קאנען געמאכט ווערען אראנזשאמענטס אז אונזערע מעמבערס זאלען סטאפען די 4 שטונדען איין שבת און אפארבייטען די צייט אין מיטען וואך. אויב יא, וועלען מיר אזא אונטערנעמונג מאכען.

* * *

מיר האבען זיך שוין א לענגערע צייט נישט צוזאמענגערעדט מיט אונזערע מעמבערס אויף מיטינגען. בעפאר דעם סטרייק ווען מיר האבען אי גערופען, זיינען בלויז א קליינע צאהל געקומען, דורך דער צייט פון סטרייק האט מען קיין מיטינגען נים געקאנט רופען, יעצט ווען אלעס איז צוריק אין א נארמאלען צושטאנד וועלען מיר צוריק איינפיהרען לאקאל־מיטינגען. צי עס זאל זיין אין סעקשאנס ווי ביז יעצט, צי מיר זאלען פון צייט צו צייט האבען גענעראל מעמבער־מיטינגען, דאס וועט זיך ווענדען ווי די מעמבערס וועלען באשליסען. דערווייל רופען מיר דעם ערשטען מיטינג פאר מיטוואך דעם 30טען דזשולי, גלייך נאך דער ארבייט, אין לייבאר טעמפעל, 14טע סט. קאר. 2טע עוו. וואו מיר וועלען באשפרעכען דעם לעצטען זיעג וואס מיר האבען געהאט און ווי דעם זיעג אנצוהאלטען אין די שעפער. שוועסטער און ברידער, קומט צו דעם מיטינג אין מאסען און לאמיר אלע צוזאמען זעהן ווי צו באפעסטיגען אונזער יוניאן אזוי אז קיין שטורם זאל איהר נישט קאנען שאדען.

ה. וואנדער,
מענעדזשער לאקאל 23.

בריעף פון אטלאנטיק סיטי

פון דזש. העללער

ארימער פורעסטה, נעבאכדיגער פורעסטה, דו אונבאזיגבארער „ים־וואלף“, ווי טיעף דיין קערפער איז יעצט דורכגעלעכערט פון דעם שארפען שווערד פון דיין באזיעגער.

אה, וויפיעל האפנונג מיר האבען אויף דיר געלעגט; וויפיעל אנגענעהמע טרוימען דו האסט אונז געגעבען. דו, דער מאן וואס האט געטריבען אונזער פאר־שטעלונגס־קראפט צו דער העכסטער אק־טאווע פון צוטרויען אין דיינע קרעפטען, האסט אונז אזוי ביטער ענטוישט! דו, דער גאט פון קאנווענשאן, דו, וועמען אלע האבען ביז מיט א צוויי שעה צוריק בא־וואונדערט, און פאר וועמען'ס קוראזש און אינטעליגענץ אלע האבען געציטערט, ווערסט איצט באשפיגען פון אלעמען. דו ליגסט אויסגעצויגען אויף דער ערד, ווי א באזיעגטער אטלעט און דער שפאט פון די צושויער פאלט נעבאך אויף דיין גרויז־גראהען קאפ ! . . .

ארימער פורעסטה, נעבאכדיגער פורעסטה !

* * *

אנדריי פורעסטה, דער פארשטעהער פון די „סי־מענס“ יוניאן, האט אונז גע־האלטען אויפ'ן שטריקעל פאר די לעצטע 2 יאהר. זינט די פאראייניגטע שטאאטען איז אריין אין קריעג האט ער פלוצלינג פארשלאסען זיין מויל. אבער איינפאך פארשלאסען. פורעסטה פלעגט זיין, איי־נער פון די אקטיווסטע דעלעגאטען פון די קאנווענשאנס פון דער פעדעריישאן. ער פלעגט זיין א מיטגליד פון די וויכטיג־סטע קאמיטעס, וועלכע גאמפערס פלעגט אפאינטען, און די קאנווענשאנס פלעגען באלוינט ווערען יעהרליך, מיט זיינע רע־דעס. זיך פארצושטעלען פורעסטה'ן אהן לשון ביי א קאנווענשאן, האט געשיינט צו זיין אונמעגליך. אבער ס'האט פאסירט. אין באפלא און אין סט. פאול איז ער שוין מעהר אויף קיין קאמיטע ניט געוועזן און האט קיין איין ווארט ניט געזאגט אויף דיזע היסטארישע קאנווענשאנס פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר.

זיין שטיל שווייגען האט איהם צוגע־געבען נאך מעהר חן אין די אויגען פון די דעלעגאטען. אלע האבען אויף איהם גע־קוקט ווי אויף א מארטירער, וועמענס נשמה עס דריקט א פארדרוסליכער סוד, וועלכען ער קען ניט ארויסגעבען. פורע־סטה האט אין די צוויי יאהר אויסגע־זעהן ווי א נביא, וועמען גאט האט ארונ־טערגעשיקט אויף דער זינדיגער ערד צו־צוזעהן די גרעסטע זינד פון דעם מין־מענש, צו ליידען און צו שווייגען.

וויפיעל לעגענדעס עס האבען זיך פארשפרייט וועגען איהם! וואו נאר א גרופע דעלעגאטען זיינען געשטאנען האט מען גערעדט וועגען איהם. אלע האבען געזוכט אין ענטפער אויף זיין שטיל־שווייגען און, יעדער איינער האט גע־טרייעט צו געבען זיין אויסטייטשונג ווע־גען דיזער פלוצלונדיגער טראגעדיע פון זיין נשמה. מאנכע האבען עס צוגעשרי־בען צו זיין ש א ר פ ע ר געגנער־שאפט צו מלחמה, מאנכע צו זיין פאר־דרוס וועגען דעם קאנסערוואטיזם אין דער פעדעריישאן, אנדערע צו פערזענלי־כע אומגליקען, א. ז. וו.

אלע האבען גערעדט אין ער האט גע־שוויגען.

וואס פאר א הערליכע פיגור ער האט מיט זיך פארגעשטעלט, ווען א טשערעדע רעפארטערס פלעגען איהם ארומרינגלען און טרייען פון איהם עטוואס ארויסקריי־גען, ארומגערינגעלט פון אלע זייטען ווי א סאלדאט אין פלען; די רעפארטערס מיט זייערע באיאנעטען, פענסילס אין די הענט לאזען איהם ניט געהן ווייטער. זיי מוזען וויסען אלעס פאר זייערע צייטונגען. און ער דרעהט זיך ארום אין אלע זייטען און זאגט א ווארט ניט. זיין גרויז־גראהע פאטליע האר צופודעלט, זיין פארמעטענע געזיכט צוקנייטשט, זייגע אויגען ווי „סוירטש לייטס“ ווארפען זו־כענדע בליקען אהין און אהער, און זיין גאנצער קערפער טראגט זיך אויף זיינע לאנגע פיס אלץ פארווערטס און פאר־ווערטס, צו א רעטונגס פלאץ פון דיזע רוהע־שטערער זייגע. ווי א למד־וואווניק פלעג איך איהם באטראכטען אין אזעל־כע מינוטען.

וואס פאר א טויטע שטילקייט עס הערשט יעצט אין קאנווענשאן־זאאל. אלע זיצען מויל און אויערן אפען. שא, שא, ששש... ששש... פ ו ר ע ס ע ט ה האט גענומען דאס ווארט! דאס איז גע־ווען מיטוואך דעם 8טען טאג פון קאנ־ווענשאן, ווען פורעסעהט האט זיך אויפ־געהויבען און געבעטען דאס ווארט. ער האט דאס געקראגען און האט פארלאנגט אז דער רעפארט פון דער „קאמיטע אוו אינטערנעשיאנאל לייבאר רילייש'אנס“ זאל געגעבען ווערען אויף א ספעציעלער זיצונג פון דער קאנווענשאן, וועלכע זאל ספעציעל פארהאנדלען דיזען רעפארט. אזעלכע פארלאנגען ווערען געוועהנליך געמאכט, ווען א דעלעגאט וויל האבען גענוג צייט צו פארהאנדלען א געוויסע פראגע. נאטירליך איז זיין פארשלאג אנ־גענומען געווארען, און פרייטאג נאכמי־טאג איז באשטימט געווארען צו זיין א ספעציעלע זיצונג צו הערען דעם בא־ריכט פון דער אויבענדערמאנטער קא־מיטע.

True translation filed with the Postmaster at New York City on July 25, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער פרייטאג איז געקומען. די קא־מיטע איז ארויף אויף דער פלאטפארמע באריכטען. זי האט אנגעפאנגען מיט די פרידענס באדינגונגען. די קאמיטע האט רעקאמענדירט גוט צו הייסען דעם פרי־דענס־אפמאך וואס איז אויסגעארבייט געווארען ביי די „ביג פינף“ אין פאריז, צוזאמען מיט דער „ליעג אוו ניישאנס“. פורעסטה האט גענומען דאס ווארט און האט אונבארמהערציג אטאקירט דעם פלאן פאר א ליעג אוו ניישאנס. ספע־ציעל האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דעם פונקט פון דער ליעג אוו ניישאנס וואס באציהט זיך צו דער פארטיידיגונג פון דעם ארבייטערס רעכטע. ער איז געווען ניט צופרידען מיט דעם. ער האט גע־טענה'ט, אז די „ליעג“ וועט מיט דער צייט ווערען די אויבער־הערשערין איבער דעם אמעריקאנער ארבייטער, און אזוי ווי מאנכע מיטגליעדער פון דער ליעג זיינען האלב ציוויליזירטע נאציאנען, און מאנ־כע וועלכע האבען נאך אויטאקראטישע פארמען פון רעגירונגען, קען נאך די „ליעג“ מיט דער צייט ארויפצווינגען ני־דעריגערע לעבענס באדינגונגען אויף דעם אמעריקאנעם ארבייטער. ער האט אויך געטרייעט צו באווייזען, אז זאגאר דאס וואס גאמפערס האט געקראגען, איז זינט זיין צוריקקומען פון פאריז אפגעשוואכט געווארען, דורך ענדערונגען וואס זיינען געמאכט געווארען, ווען דער אויסגעפיק־סטער טעקסט איז אנגעשריבען געווארען. ער האט גערעדט, געשטורעמט, זיין שטי־מע האט זיך צוטראגען אין אלע ווינקעלעך פון זאל, און ווען ער האט געענדיגט ריי־דען, איז דער האל פארהילכט געווארען פון אפלאדיסמענטען. עס האט אויסגע־זעהן ווי פורעסטה איז ניי־געבוירען גע־ווארען און אז די קאנווענשאן וועט איהם זיכער באלוינען פאר די אלע שווייגענדע יאהר פון קאנווענשאן דערמיט וואס מען וועט אננעמען זיין מיינונג וועגען דער ליעג אוו ניישאנס.

אבער דיזע שטימונג האט ניט לאנג אנגעהאלטען. זיין ממשלה האט בלויז גע־דויערט ביז גאמפערס האט געעפענט דאס מויל. אזוי שנעל אבער ווי גאמפערס האט אנגעפאנגען ריידען, און שיסען זיינע גיפטיגע פיילען אין ארימען פורעסטה'ן, האט ער שטופענווייז אנגעפאנגען צו זינ־קען, זינקען אלץ ארונטער און ארונטער (ביי די דעלעגאטען), ביז וואנען ער איז נעבאך געפאלען אין גאנצען אונטער דער אומבארמהערציגער אטאקע פון גאמ־פערס'ן. אוים מיט דיר, מיין מיסטישער פורעסטה.

וואס פאר א גוואלדיגע קראפט אט דער גאמפערס באזיצט. אין זיין פארטיי־דיגונג פון דער ליעג אוו ניישאנס האט ער דאך כמעט גאר ניט געזאגט, און דאך, ווען פורעסטה האט געבעטען נאך אמאל דאס ווארט צו ענטפערען, האט מען איהם איינפאך פארשריען. גאמפערס, אנשטאט צו איבערצייגען די מ ע ל ו ת פון דער ליעג אוו ניישאנס, האט בעסער גע־טרייעט צו באווייזען די ח ס ר ו נ ו ת פון פורעסטה'ן און מיט דיזען איינפאל האט ער אזוי פאלשטענדיג באזיגט אזא ריעז ווי פורעסטה. אי, ווי ער האט איהם געביסען און געריסען אהן רחמנות. יעדען מאל וואס גאמפערס האט ארויסגעלאזען א גיפטיגע פייל פון זיין מויל און זי האט ר י כ ט י ג געטראפען, פלעגט די „מא־סע“ ענטפערען מיט אזא הימעל־רייסענ־דען יה־ הו, יו־ הו ! און יעדער „יוהו“ פלעגט ארויסרופען א שארפערע פייל (און אפשר א טעמפערע), און יעדע נייע פייל א הילכיגערען „יו־הו“ מיט א טופעריי פון די פיס, מיט א בראזגעריי פון די טי־שען, מיט געוואלדען, מיט טומלען און אזוי איז פורעסטה געפאלען אונטער דעם גרימצארען פון גאמפערס'ן.

וויינט, ברידערלאך, וויינט, ברידער־לאך ! ארימער פורעסטה, נעבאכדי־גער פורעסטה, דו אונבאזיגבארער „ים־וואלף“, א. ז. וו.

* * *

אין דער טראגעדיע פון דער ליעג אוו ניישאנס האט די גרעסטע ראלע געשפילט „מירעלע“. פון וואנען „מירעלע“ האט זיך גענומען, ווייס קיינער ניט, און פיליכט וועט דאס פארבלייבען צווישען די אייבי־גע געהיימניסע אין דער היסטאריע. אבער „מירעלע“ האט א סך צרות אנגעמאכט און גענוג אונאנגענעמע מינוטען ברודער גאמפערס'ן פארשאפט.

„מירעלע“ איז געווען דער גרעסטער געפאהר פאר דער ליעג אוו ניישאנס. אזוי שנעל ווי גאמפערס איז איבערגאנגען דיזען שטרויכעל־שטיין, האבען אלע לייכ־טער אפגעאטעמט, ווייל יעדער האט גע־פיהלט אז די ליעג אוו ניישאנס, דער אידעאל, פאר וועלכען אזוי פיעל בלוט האט זיך פארגאסען, איז געראטעט.

אבער וואס איז דאס פאר א „מירעלע“ ווילט איהר וויסען ? וועל איך אייך זא־גען. אבער האט נאר אביסעל געדולד, ווייל די גאנצע געשיכטע פאדערט אבי־סעלע „באלייכטונג“.

„מירעלע“ איז ניט קיין פרוי, נ־ין. נאר לאמיר אייך דערצעהלען די גאנצע געשיכטע. ברודער גאמפערס איז זעהר שטאלץ אויף א געוויסע זאך וואס ער האט אויפגעטאן. און אז ער איז שטאלץ זיינען שוין אלע שטאלץ מיט איהם. ברו־דער גאמפערס האט, דורך די מיח פון א געוויסען קאנגרעסמען מיט'ן נאמען קליי־טאן, דורכגעפיהרט א געזעץ וואס איז יעצט באקאנט אונטער דעם נאמען „די קלייטאן עקט“. דער געזעץ איז מעהר „ערקלערונג“ ווי „געזעץ“, און באשטעהט אין די באהויפטונג, אז „לייבאר איז נ א ט איי קאמאדיטי“. אין אידיש וואלט דאס געהייסען, אז „ארבייט איז ניט קיין סחורה“.

גאמפערס האט דעם „לייבאר איז נ א ט איי קאמאדיטי“ געבראכט צום ערשטען מאל צו דער באלטימארער קאנ־ווענשאן, ווי נאר ער האט אויסגערעדט דיזע 5 ווערטער, מיט טראפ, פארשטעהט זיך, איז דער האל פארהילכט געווארען פון אפלאדיסמענטען. מען האט אזוי פיעל גע־בראבאנעוועט, אז אונזערע ארימע דע־לעגאטען האבען זיך נעבאך באגאסען מיט א געזאלצענעם שווייס. —

דערזעהענדיג אז „לייבאר איז נאט איי קאמאדיטי“ איז אזא גוטער ארטיקעל פאר דאס פאלק, האט דאס ברודער גאמ־פערס אריינגעפלאכטען אין זיין רעפארט, נאך אמאל, צו דער קאנווענשאן אין באפלא, און, ווייטער האט דער האל גע־שטורעמט. „גענאסע“ וואהיטמאן, דער גע־וועזענער גאווערנאר פון ניו יארק סטייט, וועלכער האט אדרעסירט די קאנווענשאן אין באפלא (ער האט געוואלט נאך אמאל זיין גאווערנאר), זייענדיג א ריכטיגער פאליטישען, האט אונזערע סענטימענטען גאנץ גוט אויסגעניצט. ער האט געפלאכ־טען א רעדע מיט „לייבאר איז נ א ט איי קאמאדיטי“ ביז אונז אלעמען האבען די „לאדאינעס“ פון די הענט אנגעפאנגען וועה צו טאן.

אין סט. פאול האט מען אונז ווייטער געבראכט „לייבאר איז נ א ט איי קאמאדיטי“ און מיר האבען ווייטער גע־קלאפט. און צו דיזער קאנווענשאן, האט מען אן אונז ווייטער ניט פארגעסען און מען האט אונז ווידער דעם פארגעניגען פארשאפט מיט דער מעשה, „לייבאר איז נ א ט איי קאמאדיטי“. און גאנץ נ א־ ט י ר ל י ך, מיר האבען נעבאך ווייטער געפלעסקעט. הקיצור, וואס איהר דארפט וויסען קלאר איז, אז די פראגע „לייבאר איז נ א ט איי קאמאדיטי“ איז גע־ווארען ביי דער פעדעריישאן אזא שלאגס־ווארט, ווי ביי אונז, להבדיל — ארבייטער אלע לענדער פאראייניגט אייך.

ווען גאמפערס איז אוועקגעפאהרען אין פאריז האט ער ניט פארגעסען מיט זיך מיטצונעמען דעם „לייבאר איז נאט איי קאמאדיטי“, און נאך גרויס מיה און שווערע ארבייט איז איהם געלונגען אריינ־צושמוגלען צווישען די הויפט פרינציפען פון דעם ארבייטערס אגרימענט פון דער ליעג אוו ניישאנס אז „לייבאר איז נאט

די קלאוקמאכער פון קליוולאנד נעהמען אן די ענטשיידונג פון דעם באארד אוו רעפערים מיט באגייסטערונג

אויף א ריזיגען מאסענמיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטע וואך אין מוז האל פון אלע ארגאניזירטע מע־נער און פרויען פון דער קלאוקס אינ־דוסטריע אין קליוולאנד, איז פארגעלע־זען געווארען די ענטשיידונג פון דער באארד אוו רעפערים.

די ענטשיידונג איז פארגעלעזען גע־ווארען פון פרעזידענט שלעזינגער, וועל־כער האט אויך געהאלטען אן אויספיהר־ליכע רעדע ערקלערענדיג מיט איינצעל־הייטען די באזונדערע פונקטען פון דער ענטשיידונג.

לויט דער שטימונג וואס האט גע־הערשט די גאנצע צייט פון מיטינג האט מען אויף זיכער געקענט אורטיילען אז די ארבייטער זיינען העכסט צופרידען מיט די רעזולטאטען.

מיט באזאנדערער באגייסטערונג איז אויפגענומען געווארען יענער טייל פון דער ענטשיידונג, וועלכע ערקלערט אז די ארבייטער האבען א רעכט צו האבען זייערע פארטרעטער אין די שעפער, וועל־כע זאלען צו יעדער צייט זיין בארעכטיגט אויפצונעמען קאמפליינטס און אויסצו־גלייכען סכסוכים וואס קומען פאר צווי־שען ארבייטער און ארבייטסגעבער.

אין פארלויף פון זיין רעדע האט שלע־זינגער ערקלערט, דאס די קלאוק מאכער פון קליוולאנד האבען פארהעלטניסמעסיג געוואונען פיעל בעסערע באדינגונגען ווי די קלאוק מאכער פון אייניגע אנדערע שטעדט אין וועלכע די אינדוסטריע איז ארגאניזירט שוין פיעל לענגער ווי אין קליוולאנד. ער האט אויך פאראויסגע־זאגט אז די צייט איז ניט זעהר ווייט ווען אין דער קלאוקס אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד וועט מען ארבייטען ניט מעהר ווי 5 טעג א וואך צו 8 שטונדען א טאג.

אבער איידער מען וועט שטעלען דיזע פאדערונג, האט ער ערקלערט, מוז די קלאוקס אינדוסטריע פון קליוולאנד אזוי גוט ווי אין אנדערע שטעדט זיין הונדערט פראצענט ארגאניזירט. ער האט אנגעווי־זען אויף דעם פאקט, אז ווען ניט די אר־גאניזאציאן וואס די קליוולאנדער קלאוק מאכער האבען אויפגעבויט פאר די לעצטע פאר יאהר וואלטען זיי דיזע אויסבעסערונגען ניט געוואונען.

אויסער שלעזינגערען, האבען אויך גערעדט מ. פערלשטיין, דער דזשענעראל ארגאנייזער פון דער היגער קלאוק מא־כער יוניאן, מיסס סאליוואן די ארגאניי־זערין פון די טעלעפאן אפערייטארס און מיס מאריאטא, די פיהרערין פון דער וואומענס סאפרעדזש באוועגונג.

די קליוולאנדער לאקאלס האבען פרע־זענטירט שלעזינגערען מיט צוויי גרויסע בעסקעטס בלומען, וועלכע זיינען ארויפ־געטראגען געווארען אויף דער פלאטפאר־מע צו איהם דורך קאמיטעען פון די בא־טרעפענדע לאקאלס.

שלעזינגער האט דאן זעהר הארציג באדאנקט די ארבייטער פאר דער זעהר װארעמער אויפנאהמע וואס ער האט בא־קומען און פאר דעם צוטרויען וואס זיי האבען צו איהם און צו אלע אנדערע פיה־רער פון דער יוניאן.

דער מיטינג האט זיך געשלאסען אונ־טער א זעהר באגייסטערטער שטימונג און עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען אז די ארבייטער זיינען זעהר צופרידען מיט דער ענטשיידונג וועלכע די באארד אף רעפערים האט פאר זיי ארויסגעגעבען. עס איז קיין צווייפעל, דאס די ענטשיידונג פון באארד אף רע־פערים, וועט די קלאוק מאכער יוניאן אין קליוולאנד נאך פיעל שטארקער מאכען. יעדער איינער אין קליוולאנד פיהלט דאס איצט.

א קליוולאנדער.

וואס הערט זיך אין לאקאל 17?

צוליעב פארשיידענע אורזאכען האבען מיר זיך פאר א לאנגער צייט ניט דורכ־גערעדט מיט אייך, ריפער מאכער, דורך דיעזער צייטונג. מיר ווייסען, אז איהר האט זיכער געבענקט עטוואס צו לעזען וועגען דעם, וואס עס הערט זיך ביי די ריפער מאכער, אבער מיר האבען זיך ניט געקענט העלפען. די צייט, די אומשטענ־דען, די אלגעמיינע לאגע אין דער אינ־דוסטריע זיינען די שולדיגע אין אונזער אפהאלטען זיך פון שרייבען.

פון היינט אן און ווייטער אבער, ווע־לען מיר טרייען צו זיין רעגעלמעסיג מיט אונזערע באריכטען, פונקט ווי מיר האבען דאס געטאן אמאל, אין די גוטע, אלטע צייטען.

* * *

וואס הערט זיך ביי די ריפער מאכער? דאס וואס אימער. קיינער האט נא־טירליך ניט געקענט ערווארטען דעם גן עדן אליין, און די ריפער מאכער זיינען זיכער ניט געווען פון די יעניגע זיך איינ־צורעדען, אז נאך דעם דזשענעראל סטרייק וועט מען רייסען בולקעס פון די בוימער. מיר האבען יעצט, ווי אלע מאל, ליכט און שאטען, פרעהליכע און אומעטי־גע מאמענטען, אנגענעהמע און אומאנ־גענעהמע צייטען, אזוי אז דער רעגעלער גאנג פון דעם ארבייטערס נויטווענדיג־קייט פון ארגאניזאציאן פאר יעדען אר־בייטער איז יעצט פונקט אזוי שטארק און פיליכט נאך שטארקער, ווי פאר דעם דזשענעראל סטרייק.

אט נעהמט דעם שאפ פון ווינשטיין בראס. דארטען האבען זיך מיט 4 וואָ־כען צוריק 800 ארבייטער געפרעהט מיט'ן זיג. מען האט אפגעסטעלט אלע אפע־רייטארס, אויף מעהר אדער ווייניגער צו־פרידענשטעלענדע פרייזען, און אזוי ווי די גאנצע געשיכטע פון וואך ארבייט איז געווען ניי, און דער שאפ איז גרויס, און די פעהיגקייטען פון די פארשיידענע אפע־רייטארס זיינען פארשיידען און די געניגע ווערטה פון יעדען איינעם איז געווען שווער, זעהר שווער אפצושאצען דעם ער־שטען מאל, איז איינפארשטאנען געווא־רען, אז די פרייזען זאלען גוט זיין בלויז פאר 4 וואכען צייט און נאך די 4 וואָ־כען זאלען זיך ביידע צדדים צוזאמענקו־מען און העכערען די פרייזען פון אלע גע־קריוודעטע, און די לעצטע אויסגלייכונג זאל בלייבען די פעסט־געשלאסענע פרייז פאר'ן גאנצען סיזאן. דאכט זיך, ס'איז גאר ניט אזוי שלעכט.

איז אבער יעצט „נייע" צייטען, אין ווי זאגט מען דארטען: נייע צייטען נייע ווינטען. זיינען גראדע די ארבייטער ארוים פון געדולד. זיי האבען ניט גע־קענט אויסהאלטען די 4 וואכען. נו, איז געווארען בלויז שאטען.

וואס אונזער ארימער ברודער בער־קאוויטץ האט זיך געהאט אויסצושטעהן; אטאקעס פון אלע זייטען. מען האט גע־מאכט דעם הייליגען פלאם פון „רעוואָ־לוציאן" דארטען אין שאפ פון אלע זיי־טען, און די פעהיגסטע רעדנער האבען דאס געטאן. עס האט אויסגעזעהען, אז אט, אט, און די רויטע צונגען פארכאפען דעם בלאסען ברודער בערקאוויטץ, און ער ווערט פארניכטעט פאר די גוטע ארבייט וואס ער האט געטאן פאר די ארבייטער פון ווינשטיין בראדערס.

אבער געלויבט זאל זיין דער, וואס עס פיהרט אונזער קליינינקע און קליינליכע וועלטעל. ער האט אויפגעפאסט אויף די עהרליכע, איבערגעבענע און אינטעליגענ־טע פון דיעזען ערד קוגעל. די 4 וואכען זיינען אוועק, דער אפמאך פון ברודער בערקאוויטץ איז געהאלטען געווארען, און זיין אינטעליגענטע און פראקטישע אר־בייט ווערט שוין היינט אנערקענט. די ארבייטער האבען געקראגען א זעהר בא־דייטענדע העכערונג אויף דעם צייטוויי־ליגער פרייז, וואס איז אפגעמאכט גע־ווארען מיט 4 וואכען צוריק, און ווען מיר וועלען נעקסטע וואך דרוקען דעם פרייז־ליסט פון ווינשטיין בראס., וועלען אלע אונזערע מעמבערס קענען איינזעהן וואס עס איז אויפגעטאן געווארען פאר דיעזען שאפ.

* * *

יעצט איז דער פאליטישער יאריד אין דער קלאוקמאכער יוניאן. דער רעדאק־טאר פון דער „גערעכטיגקייט" רופט עס דער „ריקאנסטראקשאן" פעריאד. זאל זיין אזוי.

אבער דיזע „ריקאנסטראקשאן" קומט פאר יעדען יאהר און אין יעדער ריקאנ־סטראקשאן ווערען די ריפער מאכער (פי־לייכט ניט אבזיכטליך) ארייננעכאפט צווישען די מיל־שטיינער, און אזוי געהט עס אן פון יאהר צו יאהר.

זייט דעם לעצטען יאהר האט מען שוין אויף אונז געמאכט א „מואיווינג דזשאב" פאר דער „גאנצקייט" פון דער יוניאן. נאך דיעזען ספעקטאקעל פון מואפען, האט מען אונז גענומען בייטען מענע־דזשערס אזוי, אז אין דעם לעצטען יאה־ר האבען שוין אונזערע מעמבערס געהאט די „עהרע" און דעם „פארגעניגען" צו האבען דריי מענעדזשערס — דריי מע־נעדזשערס אין איין יאהר!*) פרעג פאר־וואס און פרעג פאר ווען?

פון די פארשיידענע „ריקאנסטראק־שאן" פלענער זיינען מיר ארויסגעקומען צוקיילטע און צוביילטע, טאקי, ווי מען זאגט, קוים, קוים מיט'ן לעבען. עס איז שוין געווען אמאל אזעלכע „ריקאנסטראק־שאנס" יואו מען האט פון אונז געפא־דערט איינגאנצען דאס לעבען. און קוים מיט צרות איז עס גוטע מענ־שען געלונגען צו ערוועקען מיטלייד ביי די וואס האבען געהאט בכח אונז אומ־צוברענגען און מען האט אונז געשענקט דאס לעבען. א דאנק דיר גאטעניו דער־פאר אויך!

יעצט איז „ריקאנסטראקשאן" ווייטער אויפ'ן טאגעסארדנונג, און לויט ווי מיר האבען געהערט, געהט מען שוין „אי־בערהעקאנסטראקטעווען" דאס וואס מען האט שוין אמאל רעקנסטראקטעט. פון דעם ריפער דעפארטמענט געהט מען מא־כען כמעט א דעפארטמענט און די פערזאן, וואס האט אטענדעט צו די שעפער פאר דער לעצטער צייט, געהט מען געבען אנייעם פאסט. דאס זאגט מען, איז ריקאנסטראקשאן. די פראגע איז בלויז:

ווי לאנג וועלען דאס די ריפער מא־כער קענען אויסהאלטען. מיר מיינען מאטעריעל און מאראליש. ביז ווי לאנג וועלען זיי דאס דולדען צו זיין דער פינפטער ראד צום וואגען?

ניין, ברידער, מיר קענען, ליידער, אזא ארבייט ניט אנרופען „ריקאנסטראק־שאן". אונז זעהט עס גיכער אין פאס־נער אויס צו זיין דעסטראקשאן.

אפשר וואלט טאקע מעגליך געווען אז די אינטערנעשאנעל זאל איין מאל פאר אלע מאל זעהן קלאר מאכען אונזערע רעכטע און באשטימען א גרענעץ, ביז וואנען מען קען אויף אונזערע מעמ־בערס עקספערימענטירען? אזוי, אז מיר זאלען ווייסען, וואס מען מעג אונז טאן און וואס מען טאר זאגאר אונז ניט טאן? מיר וואלטען דערפאר זעהר דאנקבאר גע־ווען.

* * *

אונזערע רעגעלע מיטינגען ווערען שוין אפגעהאלטען רעגעלמעסיג יעדען דאנערשטאג אווענט, אין 79 דעלענסי סטריט. דער נגזעץ וועגען אטענדען די מיטינגען וועט יעצט זיכער דורכגעפיהרט ווערען, און אלע מעמבערס ווערען דער־פאר ערזוכט צו קומען צו די מיטינגען.

דזש. העלער, סעק.

*) פון דער רעדאקציע: מיר האבען זיך וועגען דעם ענין דורכגערעדט מיט ברודער זיגמאן, און לויט זיין ערקלערונג, זיינען אין דער ביזעניש די ריפער־מאכער אליין די הויפטשולדיגע.

איינינגקייט און הארמאניע אין דער טע־טיגקייט פון אונזער ארגאניזאציאן.

* * *

אלע מעמבערס פון אונזער יוניאן ווע־רען אינפארמירט דאס פון'ם 1טען דזשולייי און איז ארייין אין קראפט די נייע 6 מאָ־נאטדיגע דיוס־קארד, וועלכע איז פון א רויטען קאליר. די יעצטיגע קארד, וועלכע איז פון א בלויען קאליר, מוז גלייך אי־בערגעביטען ווערען פאר א רויטע קארד, און דערביי מוז אויך אפגעצאהלט ווערען דער סאניטאריום אסעסמענט, וועלכער באטרעפט ביז דעם 1טען דזשולאי, 75 סענט.

אנמערקונג פון דער רעדאקציע: דער רעפארט איז געשריבען געווארען מיט א וואך צוריק. איצט האט די יוניאן שוין ערקלעהרט א גענעראל־סטרייק צו באקר־מען די פאדערונגען.

סעם פרידמאן,
סעקרעטער, לאקאל 20.

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסט און דרעססמאכער יוניאן לאקאל 25

דער סעקרעטער ציהט די אויפמערק־זאמקייט פון'ם עקז. באארד אזוי ווי אויף דעם לעצטען מיטינג איז באשלאסען גע־ווארען צו ארגאנזירען מיטינגען פון די יעניגע ברענטשעס וועלכע האבען ניט זייער פולע רעפרעזענטאציאן אין עקז. ב. און זעהען דאס דיזע ברענטשעס זאלען אויספילען זייערע קוואטאס ביז אלגעמיי־נע וואהלען וועלען פארקומען. האט ער גע־לאזט וויסען יעדען איינעם עקז. באארד מעמבער ניט פארפעלען צו זיין אנוועזענד צו דעם היינטיגען עקז. באארד מיטינג, און די אלע וואס וועלען זיין אבוועזענד פון דעם מיטינג וועלען פאזיטיוו אויסגע־שלאסען ווערען און נייע מעמבערס וועלען ערוועהלט ווערען אויף זייערע פלעצער, און אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס ווערט באשלאסען אויסצושליסען די פאל־גענדע מעמבערס פון דער עקז. פאר ניט אטענדען רעגעלמעסיג די מיטינגען פון'ם עקז. באארד: סערעה טשייקין, אנא מא־ראן, רעי אסטרינסקי, דאלטשימאסקאלי, ס. דזשייקאבס, דזשין דזשעלא, פ. פע־רינא, און איידא שטיין.

דער באריכט פון דער אפיעל קאמיטע ווערט אויסגעהערט און פארהאנדעלט.

אויף דעם פארלאנג פון בר. רייזבערג, מענעדזשער פון אינדעפענדענט דעפארט־מענט, ווערט א קאמיטע פון די ברידער הארוויץ, גודמאן און עסענפעלד, ערוועהלט וואס זאל צוזאמען מיט איהם האנדלען איבער א סטרייקענדען שאפ אין מאונט ווערנאן.

א פינאנץ בעריכט ווערט אריינגע־שיקט פון דעם אודיטאר פון אינטערנע־שאנאל פאר דעם פארלויף פון יאנואר דעם 1טען 1919 ביז מאי דעם 24טען 1919, אריינרעכענענדיג די צייט פון דעם דזשענעראל סטרייק פעריאדע, וועלכער גיט אן אויספיהרליכען באריכט וועגען אלע איינגאמען דורך דער צייט. אויך איין אויספיהרליכען באריכט פון די הוצאות פון דזשענעראל סטרייק. פון זיין באריכט איז צו זעהן דאס דער לעצטער דזשענעראל סטרייק האט אפגעקאסט מעהר ווי א האלבער מיליאן דאלער.

דער אודיטאר ברענגט אויך ארייין א רייהע רעקאמענדאציעס און נאך א לאנ־גער דיסקוסיאן ווערט דער באריכט גוט־געהייסען און א 5ער קאמיטע ווערט ער־וועהלט צו באטראכטען די רעקאמענדא־ציעס פון'ם אודיטאר און אריינברייינגען א באריכט איבער זיי צום עקז. באארד.

עס ווערט פארגענומען רעפארטס פון די מענעדזשערס און עס ווערט אויסגע־הערט א באריכט פון בר. הארוויץ פון דער דרעס קאנטראקטארס אסס'ן דעפט. זיין באריכט איז פאר דעם פארלויף פון אפריל דעם 5טען ביז מאי דעם 24טען 1919. ער גיט אן אויספיהרליכען באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון זיין דעפארט־מענט. א געגויען באריכט וויפיעל קאמפ־ליינטס עס זיינען אטענדעט געווארען דורך דער צייט, אויף וויפיעל שאפ־מי־טינגען עס זיינען אפגעהאלטען געווארען. זיין באריכט ווערט דיסקוטירט און גוט געהייסען.

דער באריכט פון בר. ס. טייטעלצווייג, דער געוועזענער טשיעף־קלוירק פון אונ־זער יוניאן, וועלכער האט צוריק מיט עט־ליכע וואכען רעזיגנירט, ווערט פארגעלע־זען, און וואס איז דאטירט דעם 24טען יוני, 1919, וועלכער דעקט א פעריאדע פון אפריל דעם 24טען ביז דזשון דעם 24טען 1919. ער גיט אין זיין רעפארט אן אויספיהרליכען באריכט וועגען דער גע־נויער צאהל קייסעס וואס זיינען דורך דער צייט פארהאנדעלט געווארען, דעם צושטאנד פון דער אינדוסטרי, אויך וועגען די באציהונגען צווישען דער יוניאן און אסס'ן. זיין באריכט ווערט דיסקוטירט און גוט געהייסען.

אויף דער איינלאדונג פון דער פינאנץ קאמיטע, פון דער סאצ. פארטיי, וואס האט גערופען א קאנפערענץ פון פארשי־דענע ארבייטער ארגאניזאציאנען, פאר מיטוואך אווענד דעם 23טען דזשולייי, אין פיפעלס הויז, 7 איסט 15טע סט. פאר דעם צוועק אויסצוארבייטען פלענער אויפ־צוהאלטען די פארשידענע אינסטיטושאנס און ניט דערלאזען די שונאים פון דער ארבייטער באוועגונג זיי צו פארניכטען ווי זיי האבען געמאכט זייער אויפגאבע. א קאמיטע פון די ברידער אנטאניני, שעהנהאלץ און שוועסטער אנא מינטץ ווערט ערוועהלט צו אטענדען דיזען קאנ־פערענץ.

שוועסטער דזשעני מאטיאס שיקט אריין איהר רעזיגנאציע אלס אויט אוו טאון ארגאנייזער און די רעזיגנאציע ווערט צוריקגעוויזען.

בר. ע. ליבערמאן שיקט אריין א צו־שריפט אין וועלכען ער שלאגט פאר וויכ־טיגע פלענער בנוגע געוויסע ענדערונגען אין דער פארוואלטונג פון דער ארגאניזא־ציע. ווי אזוי ענגער צו פאראינטערעסירען די מיטגלידער און זיי מאכען צו באטיי־ליגען זיך אין דער אקטי.ויטעט פון יו־ניאן, נאר אזוי ווי עס איז געווען שפעט ווערט באשלאסען דאס זיינע רעקאמענ־דאציעס זאלען אפגעלעגט ווערען צום נעקסטען מיטינג פון'ם עקז. באארד און זאלען פארהאנדעלט ווערען אלס ערשטער פונקט אויף דער טאגעס ארדנונג.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

איהר פיהלט אויסגעמאטערט?

איהר האט קיין אפעטיט?
עס ווילט זיך ניט ארבייטען?

עקס־לאקס

דער בעריהמטער מאגען־רייניגער

וועט אייך מאכען לוסטיג און לעבעדיג, עס וועט אייך אומקעהרען אייער אפעטיט און וועט אייך מאכען אלל־רייט אין אלע הינזיכטען. — עס קאסט בלויז 10 סענט א באקס. גרויסע סייזעס 25 און 50 סענט.

גוט פיילען מיט די פינגער אויפ'ן טיש ווי ער, אדער זאל אזוי שפאסהאפט צוזאמענציהען די ליפען ווי ער, ווען ער פייפט אדער שפיעלט אין קארטען.

און צייט אויף צו צערטלען זיך האבען זיי געהאט איבערגענוג, ווייל דער ווינד איז געווען גענען זיי און די שיף איז אמאל אויף איין זייט און אמאל אויף דער צווייטער געלעגען.

זי האט א גאנצען טאג גע'דאגה'ט פאר איהם, געהאלפען איהם, אי אונטען, אין דער קאיוטע, אי אויבען, אויפ'ן דעק. זי האט אזוי פיעל זיך באמיהט פאר איהם, אז איהם איז אפילו נים געלונגען זיך אליין אויסצוטאן.

און ער האט זיך, פארשטעהט זיך, אויסגעהיט און געשעמט פאר'ן שטייערמאן און די מאטראסען, ווען זי האט פארלאנגט, אז ער זאל זיך אומקעהרען צו איהר מיט דער פלייצע און זי וועט צונעהען א לעדערנע לאטע צו זיינע הויזען.

זיי האבען ווידער דערגרייכט די צפונ'דיגע ברעגען און ווידער האבען זיי אנגעלאדען די שיף מיט פיש, אום זי אפצופיהרען נאך בערגען.

זי איז ארונטער אויפ'ן ברעג און געקויפט זיך א ווילדע קאץ, וואס האט זיך נאר וואס געהאט אפגעקעצעלט, און זי האט איהר אויסגעבעט צוזאמען מיט די קעצלעך אין דעם קעסטעל, וואו עס איז געלעגען דער קאמפאס.

זי האט ערקלעהרט, אז עס וועט איהר זיין אנגענעהם צו פארנעהמען זיך און שפיעלען זיך מיט זיי אין דער צייט פון דער רייזע.

א גאנצען טאג איז זי געזעסען, געקוקט אויפ'ן גלעזערנעם קאמפאס־שאכטעל און בעאבאכט די ווילדע קעץ.

„קיין זאך אמוזירט נים אזוי" — האט זי געזאגט — „ווי צו זיצען און בעאבאכטען קעצישע אויגען, די געלע און ווילדע, ווי זיי עפענען זיך אויף, ווי זיי פארמאכען זיך און ווי זיי גלאנצען.

„אבער מען דארף די קאץ אויסלערנען צו לעקען הייסען זופ."

און זי האט איהר פארקוועטשט די קין־באקען אינטער די אויערען, ביז די קאץ האט געעפענט דאס מויל, זי האט איהר אריינגעגאסען מילך; די קאץ האט גענומען מורליטשען.

אויפ'ן דריטען טאג, ווען מען האט געדארפט ארויספאהרען אין אפענעם ים, איז נויטיג געווארען דער קאמפאס.

— מען דארף די קעצלעך אריבערטראגען אויף א צווייטען ארט, — האט געזאגט דער שיפער און ער האט פאר זיי אויסגערייניגט אן אלטע הינער־שטייג.

אבער עפעס אומגעלומפערטעס דערפון האט זי נאך קיינמאל נים געהערט.

דארף ער דאך האבען גענוג שכל צו פארשטעהן, אז די קעצלעך וועלען זיך דורכשפארען דורך די ברעטער און צוקלאפען זיך. און אזוי ווי זיי זיינען נאך בלינד, קענען זיי נאך אמאל ארויפאלען און אין גאנצען דערטרונקען ווערען.

און ווען ער האט אהן איבעריגע רייד געוואלט טאן דאס זייניגע, האט זי זיך צושריען, אז ער וועט נאר דאמאלט קענען ארויסנעהמען די קעצלעך פון דעם קאמפאס־שאכטעל, ווען ער וועט באנוצען געגען איהר געוואלט. זי האט קיינמאל נים געטראכט, אז איהם זיינען גלייכגילטיג די זאכען, וואס זיינען איהר ליעב און טייער.

דער שיפער האט באשלאסען צו־ליעב טאן זיין ווייב אויף א צייט, זעהענדיג ווי ליעב די קעצלעך זיינען איהר.

און ער איז א גאנצען טאג געשוואומען לוים דער זון.

עס איז געווען א גוט וועטער.

אין אווענד אבער האט דער מאטראס, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך, מיט א מאל באמערקט פעלזען און שטיינער.

איצט איז שוין געווען א פראגע וועגען לעבען, און מיט דריי שפרונג איז ער שוין געווען ביים קאמפאס, אום ארויסצוווארפען די קאץ פונ'ם שיכטעל.

ווען ער האט די גרויסע קאץ געכאפט פאר'ן האלז, האט לינדעלין גענומען יאמערען און דראהען, אז זי וועט זיך אריינווארפען אין ים אריין, אויב ער וועט ארויסווארפען די קאץ.

ניך, ווי א קאץ, האט זי א שפרונג געטאן אויפ'ן פענסטער, איהרע קליידער האבען גענומען וועהען אין ווינד און זי האט גענומען קוקען אויף איהם מיט גרינע אויגען, פון וועלכע עס זיינען געפלויגען פונקען.

איידער לאזען דעם ווייב זיך ווארפען אין ים אריין, איז שוין בעסער אלץ איבערצולאזען אויפ'ן מזל; עפעס ערגערס, ווי א שיף־ברוך קען דאך נים פאסירען און שטארבען מוז מען דאך סיי־ווי־סיי אמאל.

זיי האבען זיך פארלאזען אויפ'ן מזל, איינשטעלענדיג דאס לעבען.

אלץ איז געגאנגען אזוי גוט, אז אפילו דאס מאל זיינען זיי אריבער בשלום.

נאך דעם האט זיך לינדעלין צוגעדריקט צו איהם א דערשראקענע און איבערגעבענע און זיך באמיהט צו זיין וואס צערטליכער און ליעבער. איהרע שעהנע אויגען האבען פלאמענדיג געבעטען, אז ער זאל איהר מוחל זיין. זי האט ארומגענומען זיין האלז און מילך און ליעב איז זי געווען ווי א פופע.

דאך, ווען ער האט ארומגעשפאנט אויפ'ן דעק, האט ער געקוקט מיט שרעק אויף דער ווילדער קאץ. זי האט איהם באטראכט מיט איהרע גלאנצענדיג גריך־געלע אויגען, און ער האט זיך דערמאנט, ווי ער האט איהר א כאפ געטאן פאר'ן האלז.

אלץ אין איהם האט געקאכט פונ'ם באוואוסטזיין, אז לינ־

רעלין וואלט ניכער איינגעשטימט צו ווארפען איהם אין ים אריין, ווי אט דאס פארזעהעניש.

איינמאל האט זי איהם ווידער פאר'כישופ'ט, זי האט פארדרעהט איהם דעם קאפ און געצוואונגען איהם צושטעלען זיך און פארפלעכטען איהר די לאנגע האר, וואס זי האט געהאלטען אין קעמען.

אין דער צייט, ווען זיי האבען געפלוידערט און אונטערהאלטען זיך, האט דער שטייערמאן ארויפגערופען איהם אויפ'ן דעק.

„זאל ער פריהער איהר פארפלעכטען די האר" — האט זי געשריען.

אבער ווען זי האט דערזעהן, אז ער האט זיך גענומען פאר זיין רעקעל, האט זי זיך אריינגעווארפען אין זיינע ארעמס, אום איהם אפצוהאלטען.

קיין שום באוויזען האבען נים געהאלפען.

און ער איז געשטאנען, ברענענדיג פאר אונגעדולד, און פארפלאכטען איהרע צעפ און ווי א רונג זיי פארלעגט ארום איהר קאפ, ארום איהר נאקען און זי האט געווארפען אויגלעך צו איהם און צערטליך געלאכט; אבער די אויגען האבען געלויכטען מיט א געל־גרינעם פייער, ווי ביי דער ווילדער קאץ.

און יעדעס מאל, ווען ער האט געוואלט מיט א האר־נאדעל באפעסטיגען איהרע צעפ, האט זי עקשנות'דיג א דרעה געטאן מיט'ן קעפעל, און ער האט נים געקענט ענדיגען. אבער ווען זי האט בייז א דרעה געטאן דעם נאקען, איז דאס גאלדענע, שעהנע אורינגעל ארויסגעפאלען פון אויער־לעפעל און ער האט מיטאמאל דערזעהן, אז דאס גאלד האט פארדעקט אן עקעלהאפטען קארב אויפ'ן אויער, וואס איז געוועזען באוואקסען מיט האר.

ער האט א ציטער געטאן און שיער נים אומגעפאלען.

עס איז קיין צווייפעל נים געווען, אז דאס איז א טייוועלשער צייכען.

און זי איז אזוי צוטומעלט געווארען און מיט אזא האסטיגקייט גענומען זוכען דאס אורינגעל, אז זי האט נים באמערקט זיין צושטאנד.

און אין דער צייט, ווען זי האט, שטעהענדיג פאר'ן שפיגעל, אן אויפגערעגטע, אנגעטאן דאס אורינגעל, האט זי באמיהט זיך צו ווייזען, זי האט געזאגט, אז ער דארף איהר קויפען אורינגלעך, ווען זיי וועלען אנקומען נאך בערגען, מיט מעהר גלאנצענדיגע גרינע שטיינער.

די גאנצע נאכט נאכדעם האט ער ארומגעשפאנט אויפ'ן דעק.

ווען די וואכט האט זיך געביטען, האט ער איהר ארונטערגעשריען, אז ער מוז פארבלייבען אויבען, ביז די שיף וועט זיך נים פאראנקערען אין בערגען.

ער איז די גאנצע צייט געשטאנען, געקוקט אויפ'ן שווארצען ים און געזונגען איין און דאס זעלבע ליעד.

ער האט מיט די פינגער באטאפט זיין פנים און געטראכט וועגען זיין באַרד און אן פיעל אנדערע זאכען.

אלץ איז געווען אזוי אמוזאנט.

ער האט איצט אין קיין פאל נים געקענט פארשטעהן, ווי אזוי האט דאס פאסירט, אז ער האט אין אזא איילעניש חתונה געהאט מיט איהר דארט, אין צפון, צווישען די שרעזען. ער איז אזוי הינגעריסען געווארען פון איהר שעהנהיים, אז איידער זיי האבען נאך באוויזען ארויסצורעדען א פאר ווערטער, זיינען זיי שוין אוועק צום גלח.

איצט האט ער גוט פארשטאנען די אורזאכע, פאר וואס זי האט געענטפערט דעם פריסטער „ניין" שטאט „יא". שפעטער האבען זיי פיעל געלאכט און געוויצעלט זיך וועגען דעם.

ער האט מורא געהאט א קוק צו טאן אין דער קאיוטע.

ווער ווייס, ס'ארא שרעקליך פארזעהעניש ער וועט דארט טרעפען. ער וואלט נארנישט פארוואונדערט געווארען, ווען ער וואלט דארט, אויפ'ן שלאף־באנק געטראפען ליגען א בלוט־דורשטיגען האי־פיש.

אבער איצט האט מען געדארפט האלטען די צונג צווישען די ציין און מיט קיין זאך זיך נים ארויסגעבען.

ווי נאר זיי האבען געאנקערט אין בערגען און גענומען אויספאקען די געטריקענטע פיש, האט ער באמערקט, אז דער סוחר'ישער זוהן שטעהט אויפ'ן בריקעל נעבען דער וואג און קוקט צי זי געפינט זיך נים אויף דער שיף.

דאמאלט איז דער שיפער צוגעלאפען מיט א טומעל צו דער טיר, וואס האט געפיהרט צו דער קאיוטע און אויסגעשריען, אז איצט וועט ער קענען אפהיטען זיין הערליכען אוצר בעסער, אלס דאס פריהערדיגע מאל.

ער האט פארשלאסען די טיר, אז זי זאל נים קענען ארויסגעהן אויפ'ן דעק און שמועסען מיט'ן יונגען סוחר.

ער האט געווארפען קרומע בליקען אויף דעם סוחר'ישען זוהן, וואס האט אכטונג געגעבען אויף דער וואג; ער האט איהם געוויזען, אז דער שליסעל פון דער טיר איז איצט אין דער קעשענע פון זיין רעקעל. ער איז ארומגעגאנגען שווער אטעמענדיג און געהאלטען אין איין ארייפקוקען צו איהר קאיוטע, אום דעם סוחר'ל צו ווייזען, ווי ער היט זי אפ און ווי ער איז אייפערזיכטיג אויף איהר.

(פארטזעצונג פאלגט)

ביי די ריינקאוט מאכער אין באסטאן

די ריינקאוט מאכער פון לאקאל 7 אין באסטאן, זיינט נאך דער מלחמה, פיהלען ווי ארופגעזעצטע קיסרים. אזא ריר סעניש אויף ארבייטער געווען, אזא ביזי און נאדיר. דארף זיך אין מיטען דרינגענדיגען די „סליקערס", אוים יחוס פאר די ריינקאוט ארבייטער.

לאקאל 7 פון באסטאן איז געווען אין מלחמה צייט איינער פון די שענסטע לאקאלס אין אמעריקא. מעמבערס פון אלערליי טריידס האבען זיך געטוליעט צו לאקאל 7, געארבייט אין די ריינקאוט שעפער און געגאסען די „פראספעריטי". צוליעב דעם וואס ארום באסטאן איז ארייגעפאלען אזא גרויסער טייל פון די „סליקער"־קאנטראקטען זיינען די באסטאנער ריינקאוט ארבייטער געווען אמת'ע מלחמה קרבנות. נעבאך געארבייט אווערטיים. אבער זינט די מלחמה האט זיך געענדיגט איז געווארען ביטער.

דאס האט אבער נים אפגעשוואכט לאקאל 7. די ארגאניזאציאן איז זיך אריבערגעגאנגען מיט וואונדערבארען מוט. נים נאר איז לאקאל 7 נים געווארען שוואכער נאר זאגאר שטארקער ווי בעפאר. לעצטען מאי, אין סאמע שלאפקייט פון דער ארבייט, איז זיך לאקאל 7 מישב און ארגאניזירט נאר די „וואשינגטאן ריינקאוט קא." די ערגסטע סקעב־שאפ וואס באסטאן האט ווען אנגעזעהן. צוליעב איז געווען, זאגען יעצט די ריינקאוט מאכער, האבען מיר דאס אריינגעלייגט אין ארגאניזאציאנס ארבייט. דער שאפ פון דער פירמא איז איינער פון די גרעסטע שעפער אין באסטאן. יאהרען־לאנג האט די יוניאן געמוזט צוקוקען ווי דער שאפ איז פארזעצט געווארען מיט שיקסעס וואס האבען געארבייט פאר א קלענליכען פרייז. דער באלעבאס פון די „וואשינגטאן ריינקאוט קא." האט זיך הונדערטער מאל שוין געשווארען אז ער וועט פריהער געהן געבראכען איידער ער וועט ערלויבען א יוניאן ביכעל זאל זיך געפינען אין זיין שאפ. קען מען זיך פארשטעלען ווי שווער עס איז אנגעקומען צו ארגאניזירען דעם שאפ. אפילו אין מלחמה צייט איז דער שאפ נים געווען ארגאניזירט. יעצט איז דאס א יוניאן שאפ. לאקאל 7 האט איינמאל פאר אלע מאל זיך גענומען צו איהם און ארגאניזירט. די ארבייטער האבען גלייך געקראגען א פופצעהן פראצענטיגען רעיז און יעצט וויסען זיי שוין וואס עס הייסט א יוניאן שאפ.

א גרויסען זיעג האבען די ריינקאוט מאכער יעצט געהאט אין סטאוטאן, מאס. די סטאוטאן ראבער קא., א טייל פון די „יונייטעד סטייטס ראבערט קא.", דער אמת'ער ראבערט טראסט פון אמעריקא, האט שוין אויך א שאפ טשערמאן און יוניאן ביכלעך, א דאנק די אונאויפהערליכע טעטיגקייט פון לאקאל 7. דאס איז א גרויסער אויפטו, א גרויסער געווינס פאר דער יוניאן.

אין באסטאן איז פאראן א סי ענד סי ראבערט קא. און זייט די סי ענד סי האט דא געעפענט דעם שאפ, האט די יוניאן מיט איהם טראבעל געהאט. שוין עטליכע מאל האט די פירמא געמופט פון באסטאן און איז אלץ צוריקגעקומען. נים לאנג צוריק האט זי ארויסגעמופט אין סטאר טאן, און וואס מיינט איהר האט די יוניאן געטאן? אוועקגעשיקט דעם ארגאנייזער אהין און געמאכט דעם שאפ פאר א יוניאן שאפ. איצט איז די „סי ענד סי" איבער־א־נייעס א יוניאן שאפ, און די פירמא האט נעבאך געמוזט מאכען אן אגרימענט מיט דער יוניאן און איינליגען א טויזענד דאלער קעש סעקיוריטי, אז די יוניאן קאנדישאנס וועלען דארט אפגעהיט ווערען.

די עלעקשאנס אין לאק. 7 זיינען נאך וואס אריבער, דער שרייבער פון די שורות איז דער נייער ביזנעס־מענעדזשער. קארל קאהן דער געוועזענער מענעדזשער פון דעם לאקאל האט געקראגען א פרעזענט פון 50 דאלער פאר זיין גוטער ארבייט אין דער ארגאניזאציאן.

די פאלגענדע נאך אנדערע באאמטע זיינען עלעקטעט געווארען: ה. גיורעס־בער, וויים־פרעז.; ה. וויינער, פינ. סעק. ב. בערמאן, רעק. סעק.; קארל קאהן, טשערמאן פון עקז. באארד.

דער עקז. ב. פון לאק. 7 שטעהט פאר וואך־ארבייט און פאר א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך. אין עטליכע שעפער איז שוין דאס איינגעפיהרט געווארען.

פרעד מאנאסאן,
מענעדזשער לאק. 7.

אײ קאמאדיטי". גאמפערס איז אוועקגע־פאהרען אהײם א גליקליכער, וויסענדיג, אז „לייבאר איז נאט איי קאמאדיטי" איז פארזיכערט פאר דער גאנצער וועלט.

ווען די פראגע פון דער „ליעג אוו ניישאנס" איז פארגעקומען ביים קאנ־ווענשאן, האט מען זיך אבער דערוואוסט אז חברה דארטען אין פאריז האבען גאמ־פערס'ן אפגעטאן א שפיצעל. מען האט צוגעזעצט דעם ווארט „מירעלי" צו דער פראזע „לייבאר איז נאט איי קאמאדיטי" און די גאנצע געשיכטע לעזט זיך יעצט ווי פאלגט: „לייבאר איז נאט מירעלי איי קאמאדיטי", אין אידיש שיינט דאס צו מיינען „ארבייט איז נים נאר א סחורה". די דעלעגאטען זאגען, אז מיט דער צוגע־שטעלטער „מירעלי" מיינט עס, אז אר־בייט איז נ י ט נאר א סחורה, נאר ס'איז נאך ערגער פון א סחורה. אזוי אם וויינינגסטענס האבען אלע גע'טענה'ט.

קענט איהר זיך פארשטעלען ווי די דעלעגאטען האבען זיך געפיהלט ווען זיי האבען זיך דערוואוסט וועגען „מירעלי"? זיי האבען איינפאך געוואלט צוריקווייזען די ליעג אוו ניישאנס, צוליעב „מירעלי". און איהר קענט זיי בליימען? וואס טויג אונז דער גאנצער ביטערער לעבען, מישטיינס געזאגט, אהן „לייבאר איז נאט איי קאמאדיטי"?

גאמפערס האט אבער געמאכט א סוף צו די צרות און יעצט איז אונז אלעמען לייכטער אויפ'ן הארצען. ער האט בלויז אויסגעטייטשט אנדערש דעם פסוק, מיט א דרעה מיט'ן גראבען פינגער און אלעס איז לעבעדיג. לויט גאמפערס'ן מיינט „לייבאר איז נאט מירעלי איי קאמאדיטי" פאלגענדעס: (לעזט עס מיט'ן ריכטיגען ניגון, פליעז), ארבייט איז נ י ט — בלויז א ס ח ו ר ה. ס'הייסט, ארבייט איז מ ע ה ר פון א סחורה! אי, אי, אי, אי, אי, אי!

יעצט פרעגט זיך בלויז די קשיה — אויב עס איז ווירקליך ווי גאמפערס האט פארטייטשט „מירעלי"? צי וואס האבען דארטען אין פאריז, די גרויסע חכמים, דיפלאמאטען, אין גאנצען געדארפט הא־בען „מירעלי"? — טאקע, בלייבט א קשיא.

יעצט וועל איך אייך אנזאגען א שמחה, חברה־לייט, דאס איז שוין מיין לעצטער בריוועל. איך קען אייך שוין מעהר נים שרייבען, ווייל די קאנווענשאן איז שוין געשלאסען. איך האף בלויז, אז איהר וועט אנערקענען מיין ש ו ו ע ר ע אר־בייט און אן מיר נים פארגעסען ביי א נעקסטער געלעגענהייט.

איך דאנק אייך, ברידערלעך, פאר אייער אויפמערקזאמקייט, און מיט א פייערדיגען קוש שלים איך, דיזען, מיין לעצטען בריוועלע צו אייך.

אייער,

דזש. העללער.

א באנקעט לכבוד דעם קלאוק־מאכער זיעג

די ארבייטער פון שטיינהויז און גומ־בינער, 19 וועסט 34טע סט. האבען דעם 15טען דזשולאי געהאט א גרויסארטיגען באנקעט אין „ליטל אונגארי" צו פייערען דעם זיעג פון לעצטען גענעראל סטרייק. אויך די באסעס זיינען געווען אנוועזענד און זיי האבען זיך גאנץ גוט אמוזירט.

ביי דעם באנקעט האט מען פרעזענ־טירט דעם שאפ־טשערמאן, ברודער מאקס שטיינבערג, מיט א שעהנע סילווער לאווינג קאפ, און דער שאפ־טשערמאן האט געענטפערט מיט א האַרציגע רעדע דאנקענדיג פאר דעם כבוד וואס מען האט איהם געגעבען. עס האבען אויך אנדערע ברידער גערעדט, געזונגען, דעקלאמירט און זיך פיין אמוזירט. עס איז כדאי צו באמערקען אז די באסעס זיינען זעהר באַ־גייסטערט געווארען, און איינער פון זיי, מר. גומבינער האט זיך אויסגעדריקט, אז ער האט גאר נים געוואוסט אז א חוץ נעהען קלאוקס, האבען די ארבייטער נאך אנדערע טאלענטע. צולעצט האבען די ארבייטער צווישען זיך געמאכט א קאַ־לעקשאן פאר די מלחמה קרבנות און דאס האט אריינגעבראכט 47 דאלאר. די באסעס האבען צוגעלעגט ביז 100 דאלער וועלכעס איז איבערגעגעבען געווארען צום פיפלס רעליעף.

טשאלי קייעל, מאיר מארעצקי,
מאקס שניידער, איזי קייטען,
קאמיטע.
מאקס שטיינבערג,
שאפ־טשערמאן.

לינדעלין

ערצעהלונג
פון יאנאם ליע
אידיש פון זישא לאנדוי

אמאל איז געווען א שיפס־קאפיטאן, פלעגט ער שטענדיג ארומפאהרען. ענדליך האט ער זיך פארשאפט אן אייגענע שיף און גענומען האנדלען פאר זיך.

האנדלענדיג מיט פיש אויפ'ן צפון, האט ער זיך גענומען א ווייב; איהר נאמען איז געווען לינדעלין.

שטארק האט ער זי ליעב געהאט, און מענשען האבען גע־גלויבט, אז זי איז די שעהנסטע פרוי, וואס זיי האבען אמאל געזעהן. זי האט געהאט שפילעוודיגע אויגען, און ווען זי האט געלאכט, האבען זיך געזעהן איהרע ווייסע ציין. אין אלץ, וואס זי האט ארויסגערעדט, האבען מענשען אנגענומען פאר שעהן און וויציג.

און מיט יעדען טאג, האט זיך איהם אויסגעדאכט, איז זי שעהנער געווארען. ער האט מיט איהר שטאלצירט מעהר אפילו ווי מיט זיין שיף, און ווען ער האט זיך געפונען אין דער גע־זעלשאפט פון אנדערע שיפס־לייט, פלעגט ער זי פארלויבען אין הימעל אריין.

מילד און פריינדליך איז זי שטענדיג געווען; קיינמאל האט איהר מויל נים ארויסגעבראכט קיין אונטאקטיש ווארט.

און ווען ער האט זי געבעטען ארויפצוקומען צו איהם אויפ'ן דעק, האט זי נים געוואלט; צערטליך האט זי איהם געבעטען צו לאזען איהר צו רוה. זי וויל — האט זי געזאגט — געהערען בלויז איהם אליין.

כמעט גאנצענע טעג איז זי געשטאנען אין דער קאיוטע פאר'ן שפיגעל און געהאלטען זיך אין איין פוצען. און ער האט איהר געדארפט זאגען, וואס עס געהט איהר בעסער צום פנים.

ווען ער האט זי אמאל געלאזעןווארטען אויף זיך, האט זי ביטער געוויינט און געמיינט, אז ער האט זי נים ליעב.

טוט זי דאך אלץ פאר זיינעטוועגען, — פלעגט זי זאגען. דאס בעסטע, וואס א פרוי קען געבען א מאן — האט דער שיפער געטראכט — איז ליעבע, און אזא ליעבע, וואס זי פיהלט צו איהם, קען מען דאך נים געפינען אויף גאר דער וועלט.

און האט ער געמעגט שטעהן אויף וואך, און האט ער גע־קענט זיין ווי פארנומען, און האט זיך די שיף אפילו געמעגט געפינען צווישען גרויסע וועלען, וואס פלעגען פארשווענקען דעם דעק און רייסען די זעגלען — ער האט אלץ געמוזט ארונטער־לויפען צו איהר אין דער קאיוטע און ענטפערען איהר, וואס עס געהט איהר בעסער צום פנים.

אזוי האט זיך געצויגען די גאנצע צייט, וואס זיי זיינען געשוואומען צו דרום צו. קיינמאל פריהער איז ער נים אזוי אפט געלאפען פון דעק צו דער קאטיוטע און פון דער קאיוטע צום דעק.

און ווען די שיף איז אנגעקומען צום פארט, האט זי, אים געגענטייל, נים געוואלט פארלאזען דעם דעק. גאנצע טעג איז זי אויפ'ן דעק געזעסען אויסגעפוצט אין איהרע טייערסטע קליידער.

אויפ'ן דעק זיינען געשטאנען די יונגע סוחר'עשע זיהן און אכטונג געגעבען ביים אויספאקען די געטריקענטע פיש צי זיי ווערען ריכטיג געוואויגען. אבער זיי האבען אין גאנצען פאר־געסען צו קוקען אויף די וואגען און געקוקט בלויז אויף איהר.

און איינער פון זיי האט געקוקט און געקוקט, אזוי לאנג געקוקט אויף איהר, ביז זיין קאפ האט זיך איהם פארדרעהט פון פארליעבטקייט; קיינמאל האט ער נאך נים געזעהן אזא שעהנהייט.

אבער ווען דער שיפער האט גענומען אונטערהוסטען און צוברומען: הם... הם..., האט זי געענטפערט, אז זי וויל אכטונג געבען אויף איהר מאן'ס פארמעגען, ווייל זעהן, צי אלץ געהט צו ריכטיג.

און אין די אוועגדען, ווען די ארבייט האט זיך געענדיגט און מען האט דעם לאגער פארמאכט, איז דער סוחר'ישער זוהן פארבליבען אויפ'ן דעק און אין קיין פאל נים געקענט זיך צו־שיידען מיט איהר. זיי האבען זיך געוויצעלט און געלאכט פון דעם, וואס ער איז אזוי נים אויפמערקזאם ביים וועגען די פיש.

זייער שמועסען האט זיך געצויגען אזוי לאנג, ביז זי האט איהם געגעבען די האנד און צוגעזאגט, אז זי וועט מארגען פריה ווידער זיין אויפ'ן דעק.

און דעם שיפער האט זיך געדאכט, אז מען האט זיין הארץ צוזאמענגעדריקט מיט צוואנגען; ער האט ארומגעשפאנט, גע־שפיגען און געשאלטען.

און אין דעם אוונד, ווען מען האט אונטערגעפיהרט די חשבונות און מען האט אלעמען איינגעלאדען אין דער קאיוטע אויף כיבוד, האט דער סוחר'ישער זוהן כמעט אין גאנצען נים געקענט רעדען.

און לאנג האט זי געהאלטען געווענדט אויף איהם איהר טרויעריגען בליק. זי האט געזיפצט און צייטענווייז געשמיי־כעלט, ווייזענדיג דערביי איהרע ווייסע, גלאנצענדיגע ציין.

זיי האבען געהאלטען אין איין דריקען זיך די הענד, און ביז עס איז געווארען אין גאנצען פינסטער, האבען זיי זיך נים געקענט צושיידען.

— נענוג שוין גע'סוד'עט זיך, — האט געזאגט דער שיפער; ווען דער סוחר'ישער זוהן איז אוועקגעגאנגען, האט ער מיט כעס אויפגעהויבען נאך איהם דאס בריקעל.

אבער אויף זייער צוריקרייזע צום צפון איז זי געווען נאך צארטער און מילדער ווי פריהער.

ער האט נאך נים געהאט באוויזען צו זיין א האלבע שעה אויפ'ן דעק, ווי זי האט שוין גענומען ארויסקוקען צו איהם פון דער קאיוטע, לאכען און ווינקען, אז ער זאל שוין גיכער זיך אראפלאזען. אפילו א האלבע שעה האט זי נים געקענט בלייבען אהן איהם.

ער האט געהאלטען אין איין לויפען צו איהר. די מאט־ראסען האט ער געזאגט, אז דאס געהט ער נאך א גלעזעל בראנ־פען, נאך דער שפראך־דעהר, אדער ער האט געזאגט עפעס אן אנדער תירוץ.

ווידעראמאל און אבעראמאל האט זי געוואלט וויסען, צי ער האט זי ליעב. זי האט געלאכט, פרעהליך געקוקט אויף איהם און מיט פינקלענדיגע אויגען געזאגט, אז זי וואלט — האם... האם... — אויפעסען איהם אין גאנצען.

איינמאל, ווען זי איז געזעסען אויף זיינע קני, מיט א פאר־ליעבטען אויסדרוק אויפ'ן פנים, האט זי פלוצים אויסגעשריען „אוי!" און ארונטערגעשפרונגען. איהר איז צואווידער זיין בארד, — האט זי גענומען זיפצען — זי שטעכט זיך אזוי.

ווען ער וואלט געוואלט זיין אין גאנצען גוט צו איהר, וואלט ער געדארפט די בארד אראפנעהמען.

ער האט פאר איהרעטוועגען א סך געטהון, — האט גע־זאגט דער שיפער; — אבער די בארד וויל ער נים אראפנעהמען. א בארד איז נויטיג פאר א מענשען, וואס דארף שטענדיג ארויסשטעלען זיין פנים נעגען די וועלען פון ים, דערצו איז עס א פארהיטונג נעגען האלז־קראנקהייטען.

ווי זי האט איהם נים געבעטען, ווי זי האט איהם נים גע־צערטעלט, געשטעלט איינעלעך צו באוועגען איהם, אז ער זאל איהר פארלאנג צו ליעב טאן, — אבער עס האט נים געהאלפען.

אבער ביים מיטאג האט זי מיטאמאל אפגעקעהרט איהר קאפ.

פוי, זי האט פארלארען דעם גאנצען אפעטיט, א קוק טוענ־דיג אויף דער בארד.

און ווען ער איז שפעטער ארונטערגעקומען אין דער קא־יוטע, איז זי געלעגען אויף דער שלאף־באנק, מיט דער באק אויף דער האנד און שווייגענדיגערהייט געקוקט וואו ער געהט און וואס ער טוט. דאס האט איהם אין גאנצען ארויסגעבראכט פון געדולד.

עס האט זיך אויפגעהויבען אזא שטורעם, אז די מענשען האבען קוים געקענט איינשטעהן אויפ'ן דעק.

ווען ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף א רגע אין דער קאיוטע נאך דעם אויסקוק־רעהר, האט זי זיך צושריען, אז זי קען מעהר נים קוקען אויף זיין שיפערשער בארד, אז עס איבעלט איהר פשוט פון איהר.

דערנאך האט זי זיך מיטאמאל אומגעקעהרט צו דער וואנד און צושריען זיך, אז ער וועט זי אומברענגען, אויב ער וועט נאך ווייטער אלץ געהן מיט אט דעם שטיק עקעל אויפ'ן קין.

אין מיטען פון שטורעם האט ער געכאפט די שער.

די בארד איז פארשוואונדען אין איין רגע:

אבער ווען זי האט דערזעהן, אז עס זיינען נאך פארבליבען האר, האט זיך אלץ נים געוואלט זיך אומקעהרען.

און וויפיעל ער האט נים געשארען, איז איהר אלץ געווען וועניג, עס איז נאך געווארען ערגער, זי האט אזוי לאנג זיך באקלאגט און געיאמערט, ביז איהרע פלייצעס האבען גענומען צוקען אזן זי האט געקראגען קרעמפפען.

ער האט געכאפט דאס ראזיר־מעסער.

ער איז געשטאנען און ראזירט זיך. ביז בלוט האט ער זיך געשניטען מיט'ן מעסער, ווייל דער דיל אונטער זיינע פיס האט געהאלטען אין איין הויבען זיך און פאלען און דערצו האט ער געמוזט געבען באפעהלען דעם שטייערמאן און די מאט־ראסען.

אבער לינדעלין האט זיך אזוי נים דערפרעהט, ווען ער וואלט זיך געראטעוועט פון א שיף־ברוך, ווי זי האט זיך דערפרעהט, ווען זי האט דערזעהן און אנגעטאפט מיט די פינגער זיין ריין־אפגעגאלטען קין. זי האט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן שלאף־באנק, געווארפען זיך אויף זיין האלז און געקושט איהם און אויסגע־זויגען דאס בלוט פון די צושניטענע ערטער, — איהם האט זיך אפילו אויסגעדאכט, אז איהר צונג איז א ביסעל צו שארף, — זי האט געוויינט, געלאכט און געשריען; איהר איז קיינמאל נים איינגעפאלען, אז ער איז שעהן.

און ער איז זיך ארומגעגאנגען און באהאלטען זיין שעהנ־קייט אונטער דער בארד!

און זי האט געצערטעלט איהם, געגלעט זיין פנים, און איהרע אויגען האבען געגלאנצט און געלויכטען און נאכגעפאלגט אלץ, וואס ער האט געטאן און גערעדט.

און עס איז אנגעקומען א צייט פון זונען־שיין, צערטליכ־קייט און קושענייש.

זי האט קיינמאל נים געזעהן, אז אן אנדער מענש זאל אזוי

קאָנגרעסלײַט מיט יוניאָן בּיכלאַך אין קעשענע

פון ב. מײמאַן

.2

האָנ. דזשיימס ס. מיעד.

נאָך קאָנגרעסמען קופּער פון אָהייאָ, דעם רעפּובליקאַנער, בין איך געגאַנגען זעהן און האָבען א געשפּרעך מיט קאָנגרעסמען דזשיימס ס. מיעד, פון ניו יאָרק, אויך א יוניאָן מאַן, אָבער שוין א דעמאָקראַט אין זיינע פּאָליטיקס.

קאָנגרעסמען מיעד איז נאָך גאָר א יונגערמאַנטשיק, אין גאַנצען 34 יאָהר אַלט, אָבער ער האָט שוין דערגרייכט גאַנץ הויך אין פּאָליטיקס, אזש צום קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען. דער היינטיגער קאָנגרעס צייכענט זיך אויס מיט יונגע לייטלעך, אָבער מר. מיעד איז איינער פון די אינגסטע. מיר דוכט, דער אינגסטער אין דעם גאַנצען קאָנגרעס. ער וועט ערשט ווערען פיער-און-דרייסיג יאָהר דעם 27טען דעצעמבער 1919. מיט יאָהרען צוריק פלעגט מען אזעלכע יונגע מענשען אין קאָנגרעס ניט זעהן, היינטיגע צייטען זעהט מען שוין אפילו אין סענאַט יונגע לייט. אין אלגעמיין איז דאָס א פרעהליכער צייכען פון דער צייט. יונגע מענשען קענען גיכער רעפּרעזענטירען נייע צייטען, זיי זיינען נעהנטער צו דער געגענוואַרט ווי די עלטערע און אָפּגעלעבטע פּאָליטישענס. דאָס, זאָגען מיר, קען מען אננעמען אַלס אַן אַלגעמיינעם כלל, אָבער גראָדע די יונגע חברה וואָס זיינען אין דעם היינטיגען קאָנגרעס זיינען ווייט, ווייט פון צו זיין צווישען די פּראָגרעסיווע. מיר שיינט נאָך, פאַרקערט, אַז זיי, די יונגוואַרג, זיינען פיעל קאָנסערוואַטיווער ווי די עלטערע מענשען וואָס געפינען זיך צווישען די מיטגלידער.

ווי יונג קאָנגרעסמען מיעד איז, האָט ער אָבער שוין געהאַט ערפאַהרונג אין מאַכען געזעצע. ער איז שוין פיער יאָהר צייט געווען א מיטגליעד פון דער ניו יאָרקער אַסעמבלי. ער דערצעהלט מיר אויך אַז דאָרטען, אין דער אַסעמבלי פון ניו יאָרק, האָט ער געהאַט „טשאַרדזש" אויף די אַרבייטער בילס. דאָרטען, הייסט עס, איז ער אויך אַנערקענט געוואָרען אַלס דער פאַרטרעטער פון די אַרבייטער.

פּערזענליך מאַכט קאָנגרעסמען מיעד א זעהר שעהנעם איינדרוק. ער איז געבוים הויך און גלייך ווי א סטרונע. אַן ערלעכע, אנגענעהמער און זאָגאַר אינטעליגענטער פּנים. ער קוקט אויס פיעל מעהר ענליך צו א זוהן פון א רייכען פאָטער איידער אַן אַרבייטער. ער רעדט שטיל און אנגענעם און איז זעהר פאַרזיכטיג מיט זיינע ווערטער. ווי עס שיינט פאַרשטעהט ער, אַז איבער זיינע גאָר ווייניג בילדונג וואָס ער האָט געקראָגען אין די יונגע יאָהרען און איבער דעם וואָס ער איז נאָך אַליין גאָר יונג, איז געזינטער פאַר איהם צו זיין מעהר פאַרזיכטיג און צוריקגעהאַלטען.

אויף מיין פראַגע צי ער איז געווען און צי ער איז נאָך איצטער א מיטגליעד פון א טרייד יוניאָן? האָט דער קאָנגרעסמען געענטפערט מיט א געוויסער מאָס באַדעכטיגטען שטאָלץ:

„יעס סער! איך בין דער פּאַסט-פּרעזידענט פון דער סוויטשמענס יוניאָן נומ. 225, און אויך א מיטגליעד פון דער עלעקטריקעל יוניאָן". און אזוי ווי צו באַווייזען זיינע באַהויפּטונגען מיט דאָקומענטען האָט ער גלייך ארויסגעצויגען פון פּאַקעט א יוניאָן ביכעל און א רעסיט פאַר דיוס, צו באַווייזען אַז ער איז גוט-שטעהענד.

איך גיב א שמייכעל און זאָג איהם: „דאָס איז אייער פּאַספּאָרט". ער וואַרפט א בליק אויף מיר אום אויסצוגעפינען צו איך מיין אָפּצולאַכען פון דעם אָדער, פאַרקערט. מר. מיעד איז א נייער קאָנגרעסמען, ער קען מיך נאָך ניט און ווייסט ניט מיינע אַנזיכטען, ער איז ניט זיכער אויף מיין טאָן און פאַרשווייגט בעסער מיין אָנצוהערעניש וועגען דעם יוניאָן-„פּאַספּאָרט". איך זעה אין דעם נאָך איין סימן פון זיין פאַרזיכטיגקייט. — א כאַראַקטעריסטיק וואָס איז לויבענסווערט אין א יונגען מענשען.

מיר געהען דאַן איבער צו פראַגעס און אַנטוואָרטען וואָס זיינען, לויט מיין מיינונג נוגע די אַרבייטער. דאָס הייסט, אזעלכע פראַגעס וואָס וועלען מעהר אָדער ווייניגער געבען א שטיקעל באַגריף וואָס די אַרבייטער קענען ערוואַרטען פון דיזען קאָנגרעסמען אין באַצוג צו פּראָגרעסיווע אַרבייטער געזעצגעבונג און אויך אין באַצוג צו די נייע שטרעבונגען אין דער אַרבייטער באַוועגונג.

איך פרעג איהם וואָס ער דענקט מכח דער נייער שטרעבונג צו אָרגאַניזירען א „לייבאָר פּאַרטיי" אין אַמעריקא? צו דענקט ער ניט, אַז א קאָנגרעסמען געשיקט פון אַן אַרבייטער פּאַרטיי וועט בעסער פאַרטרעטען די אַרבייטער אינטערעסען ווי אַז ער ווערט ערוועהלט פון א דעמאָקראַטישער אָדער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי? אויף דעם ענטפערט מר. מיעד אונגעפעהר פאָלגענדעס:

„צום אַלעם ערשטען דאַרפען מיר אַרבייטער זיין דזשענוין אַמעריקאַנער. אמת, מיר זיינען אַרבייטער און האָבען אימער די אינטערעסען פון די אַרבייטער נאָהענט אם האַרצען, אָבער פריהער פאַר אַלץ קומט אונזער לאַנד. פון דעם איז שוין זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז אונזערער א פאַרטרעטער אין קאָנגרעס דאַרף פריהער פאַר אַלץ זיין א פאַרטרעטער פון א ריכטיגער אַמעריקאַנער פּאַרטיי.

„מיר האָבען צוויי פּאַרטייען אין אַמעריקא: די רעפּובליקאַנישע און די דעמאָקראַטישע. אַלע ווייסען אַז די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי איז די פאַרטרעטערין פון די אינטערעסען. זי פאַרטרעט די רייכע. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווידער, פאַרטרעט דעם פּראָסטען פּאָלק. צו גרינדען א באַזונדערע אַרבייטער פּאַרטיי הייסט איינפאַך צו צערשפּליטערען אונזערע כוחות און דורך דעם ווערען מיר פיעל שוואַכער און קענען פיעל ווייניגער עררייכען פאַר די אַרבייטער. א לייבאָר פּאַרטיי, ביי דער איצטיגער צייט, וועט זיין א גרויסע רעה פאַר די אַרבייטער, אנשטאָט א טובה פאַר זיי".

איך מאַך אויפמערקזאַם קאָנגרעסמען מיעד, אַז אין ענגלאַנד האָבען די אַרבייטער אַן אייגענע לייבאָר פּאַרטיי און אַז דאָרטען האָבען זיי שוין דורכגעפיהרט פיעלע געזעצע דורך זייער אייגענער מאַכט און דורך אייגענעם איינפלוס. אָבער ער ערקלערט מיר, אַז ער איז ניט ריכטיג באַקאַנט מיט די צושטענדע אין ענגלאַנד, אָבער דאָ, אין אַמעריקא, איז ער זיכער, אַז א באַזונדערע פּאַרטיי וואָלט פיעל געשאַדט. ער לאָזט זיך אַריין אין א לענגערער ערקלערונג, וועגען די גרויסע אינטערעסען פון אונזער לאַנד, וועלכע קלייבען אויס פאַרטרעטער וואָס האָבען גרויסע בילדונג און פעהיגקייטען צו פאַרטרעטען זיי. זיי האָבען מעהרסטענטיילס גרויסע קאָרפּאָריישאַן לאָיערס וואָס ווייסען ווי צו קריגען פּאַרציגע פאַר זייערע אינטערעסען. „מיר, די אַרבייטער, די איינפאַכערע, די פּראָסטערע פון דעם פּאָלק, טאָרען דאָרום ניט צושפּליטערען אונזערע כוחות. מיר מוזען זיך האַלטען ביי דער מעטאָרע פון באַשטראָפען אונזערע פיינד און באַלוינען אונזערע פריינד".

אין קורצען גערעדט איז קאָנגרעסמען מיעד'ס פּראָגראַם דערזעלבער וואָס פון דער גאַנצער אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר. מיר דאַרפען קומען מיט אונזערע פּלאַטפאָרמען צו ביידע פּאָליטישע פּאַרטייען, ביי זייערע קאָנווענשאַנס, און פאַר זיי פאָרלעגען אונזערע פאָדערונגען. די פּאַרטיי וואָס נעמט אָן אונזער פּראָגראַם זאָל קריגען אונזער וואָוט. זייענדיג אַליין א דעמאָקראַט, איז נאָך קאָנגרעסמען מיעד זיכער אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז די ריכטיגע, און אַז זי קען און וועט פאַרטרעטען די אינטערעסען פון די אַרבייטער גוט גענוג, און אַז די אַרבייטער דאַרפען דאָרום ניט האָבען קיין באַזונדערע פּאַרטיי. זאָלען זיי זיך פאַרלאָזען אויף דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, זאָלען זיי זי נאָר שטיצען וואָס מעהר, און זאָלען זיי נאָר לאָזען הערען פון זיך וואָס מעהר וועגען די זאַכען וואָס זיי פאָדערען און אַלעס וועט שוין זיין „אָלרייט".

דיזעלביגע שטעלונג, וואָס די אַמעריקאַן פעדעריישאַן האָט אויך דער קאָנגרעסמען אין באַצוג צו פּראָהיבישאַן, מיט דער איינציגער אויסנאַמע וואָס ער וואָלט געוואָלט זעהן א רעפערענדום איבער דיזער פראַגע. „זאָל דאָס פּאָלק אַליין ענטשיידען די פראַגע וועגען דעם טרינקען".

וועגען גאָווערנמענט אונערשיפּ איז די שטעלונג פון קאָנגרעסמען מיעד ניט זעהר קלאָר. ווייזט אויס, אַז ער טאַפּט נאָך אין דער פינסטער וועגען דיזער פראַגע, כאָטש ער וויל דאָס בשום אופן ניט צוגעבען. ער פאַרזיכערט אַז ער האָט שוין פיעל נאָכגעדענקט וועגען דיזער פראַגע און אַז ער האָט באַשטימטע מיינונגען, אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז פאַר מיר איז זיין שטעלונג ניט גאָר קלאָר. וועגען אייניגע זאַכען איז ער יאָ פאַר גאָווערמענט אונערשיפּ און וועגען אַנדערע ניט. אָט, צום ביישפּיעל, זאָגט ער, אַז ער איז דאַפיר אַז „עהרליכע קאָנקורענציע" זאָל נישט אָפּגעשאַפט ווערען. קאָנקורענציע איז די איניציאַטיווע פאַר מסחר און דאַרף בלייבען עקזיסטירען, „אָבער ווען א טראַסט וואַקסט שוין אויס צו גרויס און ווערט שוין צו זעלבסטזיכטיג זאָל די רעגיערונג איבערנעמען יענע אינדוסטריע און זי אַליין פאַרוואַלטען". ער פאַרשפּרייט זיך אַביסעל מעהר מיר צו באַווייזען די חסרונות פון א טראַסט „ווען ער ווערט שוין צו גרויס" און ווי שעדליך דאָס איז פאַר דעם פּאָלק, אָבער פּונקט ווען א טראַסט ווערט נאָך זיין מיינונג „שוין צו גרויס" קען איך פון איהם ניט אַרויסקריגען.

וועגען דער פראַגע וועלכע אינדוס-

באַוואוסטזיין אין דעם ריכטיגען זין פון וואָרט איז דער אַמעריקאַנער אַרבייטער זעהר און זעהר הינטערשטעליג.

געוויס, מען קען זיך מאַכען די זאַך עטוואָס לייכט. מען קען זאָגען, אַז דער קאַמפּף פון דער לאָסק-קאָמיטע ווערט דאָך אָנגעפיהרט אייגענטליך ניט געגען בילדונג, ניט געגען אויפקלערונג, ניט געגען פּראָפּאַגאַנדע, נאָר געגען דעם באָלשעוויזם, און דאָס איז דאָך ניט אזוי שרעקליך. זיינען דאָך דאָ פיעלע סאָציאַליסטען, רחמנא לצלן, וועלכע פאַרשטעהען זיכער, וואָס דאָס איז קלאַסען-קאַמפּף, און די באַקעמפּפען דאָך אויך דעם באָלשעוויזם. טו וואָרום זאָלען עס ניט מעגען א האָלענד אָדער א פּרעיני.

דאָס איז אָבער דאָך ניט אזוי. די אַטאַקע אויף די ראַנד-סקול איז קלאָר און דייטליך אַן אַטאַקע אויף דער בילדונג פון די אַרבייטער, ווייל די ראַנד-סקוהל האָט נאָר דאָס געטאָן, ניט מעהר און ניט ווייניגער. דערפאַר, כאָטש די לאָסק-קאָמיטע האָט זיך בלומרשט גענומען אויסצוגעפינען דאָ דעם באָלשעוויזם, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז איהר אויפגאַבע צו אונטערדריקען אמת'ע בילדונג פאַר'ן אַרבייטער. אַרבייטער-פאַרשטעהער האָבען עס געמעגט פאַרשטעהן.

אָבער מיט די האָלענדס און פּרעיניס איז ניט דאָס דער טראָבעל, וואָס זיי פאַרשטעהען ניט. נאָר זיי זיינען פּשוט געמיינע נפשות. זיי האָבען אין דער איצטיגער העצע געגען אַלעס, וואָס איז אויפגעקלעהרט און פאָרטגעשריטען, געפונען א גוטע געלעגענהייט זיך אָפּצורעכענען מיט א פּאָר אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע צאָהלען ניט קיין פּער-קאַפּיטאַ-טעקס אויפצוהאַלטען זיי אין פּוילענצעריי... און אויף די דאָזיגע אַרבייטער-יוניאָנס האָבען זיי דאָס אָנגעוויזען אַלס באָלשעוויסטישע, אַלס געפעהרליכע!

ווייטער קען די געמיינהייט ניט געהן, און דאָך איז קוים דאָ אימיצער, וואָס רופט זיך אָפּ אויף דעם. די גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבייטער-באַוועגונג האָט גאָר ניט וואָס צו זאָגען. עס איז דער בעסטער באַווייז, ווי ווייט מיר זיינען הינטערשטעליג געגען די אַרבייטער פון אייראָפּאַ אין דער הינזיכט פון קלאַסען-קאַמפּף און קלאַסען-באַוואוסטזיין. דאָרט וואָלטען, אזוי שיינט עס אונז, אַזעלכע איגנאַראַנטען און אַזעלכע געמיינע מוסרים, ניט געקענט פאַר איין קורצער ווייַלע זאָגאַר פאַרנעהמען דעם פּלאַץ אין דער אַרבייטער-באַוועגונג, וואָס זיי פאַרנעהמען דאָ.

ליעדער

פון מ. פּערלמוטער

.1

ניט נעהם דעם שירעם, פריינד,
ניט נעהם —
די צייהן בלויז שטייף פאַרשטשעם
און קום אויף א שפּאַציר:
דער רעגען גיסט אָהן אויפהער היינט,
און מיר? —
מיר געהען שטום
אַרום
גאַס אויס, גאַס איין
און האָרכען צו דעם רעגען-גוס
פון פּיין... —
זאָל טריפען, זאָל
דער עלענד טיעף אין האַרץ אַריין:
זאָל יעדער רעגען-טראָפּען זיין
א טרער,
א גלאַנציגע, ווי שטאָהל,
וואָס קומט פון דאָרט, פון זיי
אַהער, —
דערמאָנט
און מאָהנט
פון אונז דעם חלק וועה,
דעם וועה, וואָס האָט זיך גרענצלאָז-שווער
אַוועקגעלעגט אויף זיי...

.2

זיי געהען מיך פאַרביי, —
און ווער פון זיי'רע ווייסט,
אַז דאָס בין איך,
אָט דער,
וואָס האָט געבראַכט
א ווײַלע טרייסט
צו זיי
אין זייער טריבער נאַכט?
און ווער וועט טרייסטען מיך,
א, ווער?

מיר זאָגט דאָס האַרץ

די אונרוה האַלט מיך אין איהר קלעם:
א בייזע בשורה הענגט אין לופט
און רופט,
און וועקט,
און זייהט א פינסטערניש אין האַרץ,
און שרעקט,
און איך פאַרנעהם, פאַרנעהם
מיט גרויל
דער בשורה'ס וויין, און שריי —
און רוף, און וויין, או שריי —
צו וועם? —
צו וועם איז מיין געשריי,
אַז אַלץ איז שוין פאַרביי:
ניטאָ קיין שפּור פון זיי?!
מיר זאָגט דאָס האַרץ אזוי,
מיר זאָגט דאָס האַרץ אזוי!...

אין רעסטאָראַן

אָט דאָ,
אין שאָטען פון'ם גרויסען, לעהרען רעסטאָראַן,
נאָך איידער ס'קומט די מחנה
הונגעריגע אָן,
איז גוט אזוי צו זיצען
שעה נאָך שעה
און נאַכפּאָלגען די קעלנערינס אין
ווייסען אַנגעטאָן,
וואָס שוועבען אום און פּוצען,
ווישען,
דרעהענדיג זיך צווישען
קיילעכדיגע מאַרמאָר-טישען,
וועלכע בליצען
קעגען דעם עלעקטריק-שיין; —
זיי שוועבען, ווייסע, רונד-אַרום,
און איך — איך זיץ פאַרקלעמט,
פאַרטרוערט,
שטום, —
אך, ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט,
וואָלט איך אַריין
אין איינער פון די נישען
און בלייבען שטעהן אזוי
אויף אייביג איינגעמויערט...

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1 per year.
VOL. I. No. 28 FRIDAY, JULY 25, 1919
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

וויעדער א מאל שיקאגא.

אין שיקאגא, ווי אין ניו יארק, איז דא א לײדיעס װײסט מײקערס יוניאן, א צווייג פון דעם גרויסען בוים, פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן. מיט א פאר יאהר צוריק האבען דארט די לײדיעס װײסט מײקערס געהאט א גרויסען סטרייק, און זיי האבען פארלארען. די פאליס, די גענגסטער-באנדען, געדונגען פון די באסעס, און די דזשאדזשעס מיט זייערע אינדזשאנקשאנס, מיט זייערע גרויזאמע אונמענשליכע פאראורטיילונגען פון די סטרייקער, האבען זיך ארויסגעוויזען צו שטארק פאר די סטרייקער, און נאך פיעלע וואכען פון אן אמת-העלדישען קאמף האבען זיי געמוזט זיך צוריקקעהרען אין זייערע שעפער, געשלאגענע.

עס האבען טריאומפירט די באסעס, די מאנופעקטשורערס פון די לײדיעס וויסטס; עס האט טריאומפירט „געזעץ און ארדנונג": „מעהר וועלען שוין אט די מיידלאך ניט סטרייקען. זיי האבען געהאט זייער לעסאן!"

די באסעס האבען געהאט א גרויסען טעות. די ארבייטער-מיידלאך זיינען, אמת, צוריקגעגאנגען אין זייערע שעפער, אבער זייער יוניאן האבען זיי דאך ניט פארלאזען. מעהר נאך, ערשט דאן האבען זיי באגריפען די גאנצע וויכטיגקייט פון צו זיין ארגאניזירט אין א גרויסער שטארקער יוניאן. אין זייער גרויסען קאמפף האבען זיי געלערענט צו שעצען די קראפט פון איינינקייט. און זיי האבען די דאזיגע איינינקייט געפלעגט און געהאדעוועט די גאנצע צייט, זייט זיי זיינען געשלאגען געווארען. זיי האבען זיך געהאלטען אין איין פארברייטען. און איצט זיינען זיי וויעדער בעריט צו קעמפפען פאר דאס, וואס קומט זיי, פאר דאס, וואס זייערע שוועסטער און ברידער אין ניו יארק האבען שוין געוואונען.

יע, די לײדיעס וויסט מאנופעקטשורערס האבען וואהרשיינליך דאס ניט ערווארטעט. זיי האבען געוויס גערעכענט, אז זיי האבען שוין אויף א י מ ע ר געזיעגט. איצט מוזען זיי זיך דערוויסען, אז פאר ארבייטער איז ניטא אזא זאך, ווי א דורכפאל. פאלט ער איינמאל, הויבט ער זיך אבער באלד וויעדער אויף, גלייכט זיך אויס, און, קומענדיג אביסעל צו זיך, הויבט ער אן א נייעם קאמפף מיט פרישע כחות, ביז ער מוז ענדליך ארויסקומען דער זיעגער.

דערוויל, בשעת דיעזע צייליען ווערען געשריבען, האט נאך דער קאמפף ניט אויסגעבראכען. פרעזידענט שלעזינגער, וועלכער איז איצט, נאך זיין גרויסען שטילען זיעג אין קליוולאנד, אין שיקאגא, זוכט צו פארהאנדלען מיט די מאנופעקטשורערס פריעדליך. אפשר קענען די שיקאגאער לײדיעס וויסט-מאכער געווינען זייערע וויכטיגסטע פאדערונגען אהן א קאמפף. אויב דאס איז מעגליך, איז אודאי גוט. נאר, אויב ניט, זיינען די לײדיעס וויסט מאכער צו יעדער מינוט באריט, אויף דעם ערשטען סיגנאל פון זייער יוניאן, צו פארלאזען זייערע שעפער און אזוי ארום צווינגען די מאנופעקטשורערס נאכצוגעבען זייערע גערעכטע פאדערונגען.

צו זאגען נביאות איצט, וועלכע פארם דער קאמפף פון די לײדיעס וויסט מאכער אין שיקאגא וועט אננעהמען, איז זיכער ניט נויטיג. די נעקסטע פאר טעג וועלען שוין ברענגען די ענטשיידונג. נאר וועגען איין זאך איז ניטא ביי אונז דער מינדעסטער צווייפעל, אז אויב די שיקאגאער לײדיעס וויסט מאנופעקטשורערס וועלען דערלאזען צו א קאמפף, גלויבענדיג, אז זיי קענען דאס מאל אויך ארויסקומען די זיעגער, וועלען זיי דאס מאל ווירקליך זיך שטארק פארברעכענען. שטארק און העלדיש, מיט אמת'ער מסירת נפש, ווי עס האבען געסטרייקט די לײדיעס וויסט מייקערס פון שיקאגא מיט א פאר יאהר צוריק, וועט אבער זייער איצטיגער קאמפף זיין הונדערט, טויזענד מאל שטארקער, העלדישער. אין דעם קאמף וועט אריינגעטראגען ווערען די גאנצע טעטיגקייט, די גאנצע סיסטעמאטישקייט פון די פארגאנגענע פאר יאהר ארגאניזאציאנס-ארבייט. דער איצטיגער קאמפף וועט ערמוטיגט ווערען פון אלע געוואונענע זיעגע פון דער אינטערנעשאנאל אין די פארשידענע שטעדט פון אמעריקא אין די לעצטע עטליכע מאנאטען. די זיעגרייכע קלאוקמאכער אין שיקאגא אליין וועלען זיין א קוואל פון שטיצע און ערמוטיגונג פאר די לײדיעס וויסט-סטרייקער. זיי וועלען קעמפפען און קעמפפען אזוי לאנג, ביז זיי וועלען זיעגען.

די מאנופעקטשורערס, אויב זיי זיינען ניט גענצליך פארבלענדעט, און אויב זיי האבען נאר דעם מינדעסטען באגריף פון דער ערנסטקייט פון דעם מאמענט, דארפען עס פארשטעהן, מאכען א גוטע מינע צום ביטערען שפיעל, און נאכגעבען. זיי וואלטען געקענט אראפנעהמען א מוסר השכל פון דעם לײדיעס וויסט מייקערס סטרייק אין ניו יארק. זיי וואלטען געקענט אנפרעגען ביי די ניו יארקער לײדיעס וויסט מאנופעקטשורערס, אויב זיי האבען איצט ניט ביטער חרטה אויף זייער איינגעשפארטקייט, וואס האט געטריבען זייערע ארבייטער צום קאמפף, און זיי וואלטען זיכער געקריגען פון זיי די ריכטיגע עצה: גיט נאך די פאדערונגען פון די ארבייטער, אויב איהר ווילט זיך ניט מאכען פיעל ערגער, און אויב פיעלע פון אייך ווילען בלייבען ביי זייערע ביזנעס.

יע, לויט זייערע אייגענע אינטערעסען וואלטען די שיקאגאער מאנופעקטשורערס געדארפט האנדלען אזוי. אבער אויך די באסעס, ווי עס וויזט אויס, זיינען ניט אלע מאל קלאר וועגען זייערע אייגענע אינטערעסען. אפט ווערען זיי פארפיהרט פון אלערליי לאיערלעך, וועלכע זוכען נאר זייערע אייגענע אינטערעסען אין א קאמפף. קען דארום זיין, אז דער לײדיעס וויסט מאכער קאמפף אין שיקאגא וועט אויסברעכען, און דאן וועט געשעהן דאס, וואס עס האט פאסירט אין ניו יארק און אין פיעלע אנדערע שטעדט. דער סטרייק וועט דאס מאל געוואונען ווערען. די יוניאן, די אינטערנעשאנאל זיינען ענטשלאסען, אז דער קאמפף פון די לײדיעס וויסט מאכער אין שיקאגא זאל ניט זיין קיין אויסנאהם, נאר זאל שטעהן אין רייהע און גלייך מיט אלע גרויסע קעמפפע און גלענצענדע זיעגע פון די לעצטע עטליכע מאנאטען פון דעם היינטיגען גרויסען יאהר.

דער קלאסען-באוואוסטער ארבייטער

די ווערטער: קלאסען-קאמפף און קלאסען-באוואוסטזיין ווערען זעהר אפט געברויכט אין אונזערע צייט-שריפטען, אויף אונזערע פארזאמלונגען, און זעהר אפט רופען ארויס די דאזיגע ווערטער א גרויסען בייפאל. אבער עס שיינט אונז, אז ניט אלע פארשטעהען גוט די באדייטונג פון דעם. לאמיר פראבירען אין קורצען קלאר מאכען דעם ענין.

פונקט ווי די מענשהייט איז לעת-עתה צוטיילט אין נאציאנען, אזוי איז יעדע געזעלשאפט, אפילו די דעמאקראטישסטע, צוטיילט אין קלאסען. אין אונזערע מאדערנע געזעלשאפטען זיינען דא צוויי הויפט-קלאסען: די ארבייטער, די קאפיטאנען פון דער אינדוסטריע, די רייכע, די מאכט-האבענדע, קורץ, די קאפיטאליסטען; און דער צווייטער קלאס, דאס איז דער ארבייטער-קלאס.

צווישען די ביידע קלאסען געהט אן א שטענדיגער קאמפף. אמאל איז עס א שטילער קאמפף, אמאל איז עס א קאמפף פול מיט גערויש און געפילדער. אבער דער קאמפף איז אימער דא. ער רוהט ניט אויף קיין איינציגע מינוט. דאס איז דער קלאסען-קאמפף.

פאר וואס ווערט דער קאמפף געפיהרט? וועלכע זיינען די ציעלען פון דעם קאמפף? פון אויבען-אויף ווערט דער קאמפף געפיהרט פאר א שטיקעל מעהר ברויט, פאר מעהר פרייע צייט, פאר א מעהר אנשטענדיגען לעבען. אבער דער ארבייטער, וואס דענקט אזוי, דער איז נאך ווייט ניט קלאסען-באוואוסט. ער פיהרט דעם קלאסען-קאמפף, ער נעהמט אין איהם אן אנטייל, אבער וועגען דעם אמת'ען כאראקטער און ציעל פון דעם קאמפף איז ער זיך ניט באוואוסט.

דער קאמפף צווישען די קלאסען ווערט אין דער אמת'ען געפיהרט פאר דאס רעכט צו געוועלטיגען איבער'ן לעבען איבערהויפט. דער קאפיטאליסטישער קלאס, וועלכער האט איצט די מאכט, האלט זיך פאר פולבארעכטיגט צו זיין דער הערשער פון לעבען, און פאר אט די מאכט זיינע קעמפפט דער ארבייטער-קלאס, אבער, וועלכער איז איצט אין דער לאגע פון א באהערשטען, שטרעבט און קעמפפט, צו פארנעהמען דעם פלאץ פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס. אבער ניט מיט דעם צוועק צו באהערשען אימיצען, נאר אום אפצושאפען די קלאסען-מאכט און קלאסען-הערשאפט איבערהויפט. דער ארבייטער-קלאס וויל ערשט באשאפען אן אמת'ע געזעלשאפט, אין וועלכער קיינע קלאסען זאלען מעהר ניט זיין.

דאס איז דער אמת'ער זין און דער ציעל פון דעם קלאסען-קאמפף. דער ארבייטער-קלאס וויל ניט, קען ניט וועלען ווערען א דיקטאטאר, א הערשער, וואריום אויב אזוי וואלט אונזער לעבען פון דער ענדערונג ניט פיעל געוואונען. דאס וואלט נאר געמיינט, א פארבייטונג פון די ראליען, אבער הערשאפט און אונטערדריקונג וואלט אלץ נאך געבליבען.

פאר אן ארבייטער צו זיין קלאסען-באוואוסט מיינט, אז ניט נאר דארף ער זיך ניט שעהמען דערמיט, וואס ער איז אן ארבייטער, נאר דאס ער איז בארעכטיגט צו זיין שטאלץ אויף דעם, וואס ער געהערט צום ארבייטער-קלאס. א קלאסען-באוואוסטער ארבייטער וועט קיינמאל ניט געבען זיך די מינדעסטע מיה צו וועלען אויסזעהן אנדערש ווי אן ארבייטער. ער וועט זיך ניט רייסען מיט אלע כחות אין די „הויכע פענסטער", ער וועט זיך ניט פיהלען געשמייכעלט, ווען א פארשטעהער פון קאפיטאל וועט איהם דערלאנגען די האנד, אויסריידען מיט איהם א פאר ווערטער. דער קלאסען-באוואוסטער ארבייטער האלט זיך ניט נאר פאר גלייך מיט דעם קאפיטאליסט, נאר ער האלט זיך פאר העכער פאר איהם, דערפאר וואס ער איז דאך אייגענטליך דער מאן, וואס שאפט אלעס, דער אויפהאלטער פון דער געזעלשאפט.

אבער אין דער זעלבער צייט מיינט ניט דאס ווארט קלאסען-באוואוסטזיין צו זיין ג ע נ א ר ט אין דעם אייגענעם קלאס. צו זאגען, למשל, אז דער ארבייטער-קלאס איז דער אינטעליגענטערער קלאס, דער מעהר פעהיגער, אום צו זיין די פיהרענדע, די לייטענדע מאכט אין דער געזעלשאפט, הייסט פשוט זיך אליין אפנארען. עס וועט געוויס מוזען קומען די צייט, ווען דער ארבייטער וועט באזיצען די גאנצע בילדונג פון דער צייט, אין וועלכער ער לעבט, ווייל ער וועט האבען דערצו אלע מעגליכקייטען. פאר איהם וועלען זיין אפען אלע אוניווערסיטעטען, אלע אקאדעמיעס, אלע קונסט-מוזעאומס, אין וועלכע ער וועט ווערען אן אלזייטיג-געבילדעטער מענש. דערווייל אבער איז עס נאך ניט דער פאל. דערווייל איז די וויסענשאפט און קונסט מאנאפאליזירט ביז צו א הויכען גראד פון דעם הערשענדען קלאס; דערווייל האט דער ארבייטער קוים מיט צרות געקענט כאפען בלויז די שיריים, די ברעקלעך פון דער וויסענשאפט און קונסט, און עס איז דארום זעהר ניט גוט זיך איינצורעדען עפעס, וואס איז אין דער ווירקליכקייט ניטא.

דער הערשענדער קלאס פון איצט געברויכט, אום צו בלייבען אין זיין מאכט, ניט בלויז געוואלט, נאנץ אפטע געוואלט, נאר אויך זיין העכערעס וויסען, זיין העכערע בילדונג. און דערפאר מוז אויך דער קלאסען-קאמפף, וואס ציעלט ארויסצורייסען די מאכט פון דעם הערשענדען קלאס, האבען אין אויג אויך די ערקעמפפונג פון וואס מעהר וויסען פאר דעם ארבייטער.

דערפאר, ווען דער ארבייטער נעהמט זיך שטודירען אירגענד א צווייג פון וויסענשאפט און בלייבט אין דער זעלבער צייט אן ארבייטער, פיהרט ער אן דעם קלאסען-קאמפף ניט ווענינער, ווי דער ארבייטער, וואס באטייליגט זיך, למשל, אין א סטרייק. ווען די ארבייטער עפענען א שולע, וואו זיי זאלען לערנען אלערליי געגענשטענדע, ווי געשיכטע, געאגראפיע, פאליטישע עקאנאמיע, סאציאלאגיע, נאטור-וויסענשאפט א. ז. וו., טוען זיי ניט קיין אנדער זאך, ווי זיי פיהרען אן דעם קלאסען-קאמפף אין זיין ווירקזאמסטער פארם. ווייל, ווי אונז שיינט, וועט דער ארבייטער-קלאס קיינמאל ניט קענען ארויסרייסען די מאכט פון דעם הערשענדען קלאס בלויז מיט געוואלט. מיר מיינען, ער קען מיט געוואלט ארויסרייסען די מאכט, אבער, ווי זיך צו באנוצען מיט איהר קלוג און אינטעליגענט פאר זיך און פאר די גאנצע געזעלשאפט, דערצו קען שוין געוואלט אליין נאר ניט העלפען. דערצו איז נויטיג אן ענטוויקעלטער שארפער פארשטאנד, אן אלגעמיינעס וויסען, א געהעריגע, אלזייטיגע אויסבילדונג פון גייסט.

אין דעם זין פארשטעהען מיר די ווערטער קלאסען-באוואוסטזיין און קלאסען-קאמפף. מיר האבען געהאלטען פאר נויטיג צו זאגען א פאר ווערטער וועגען דעם, אן ענין, וועלכער איז שוין אזוי אויסגעדראשען, ווייל עס ווארפט זיך נאר צו אפט אין די אויגען, ווי פיעלע, וואס געברויכען אזוי אפט אט די צוויי ווערטער, האבען א גאנץ שוואכען באגריף וועגען זייער באדייטונג, און גאנץ אפט פארשטעהען זיי זיי אין א זעהר וואולגארען זין.

און צוליעב נאך עטוואס האבען מיר געהאלטען פאר נויטיג צו ציהען אויף דעם די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע לעזער. דער הערשענדער קלאס האט זיך גענומען, דערפיהלענדיג די גאנצע געפאהר פון אזא מין פיהרונג פון קלאסען-קאמפף, ווי מיר האבען איהם דא ערקלעהרט, איהם אונטערדריקען מיט אלערליי מיטלען. די לעזער ווייסען, ווי מען האט זיך מיט א מאל גענומען אטאקירען און אונטערדריקען די רענד-סקול, דעם איינציגער אוניווערזיטעט, וואס די ארבייטער האבען דא אין אמעריקא. די לעזער אונזערע ווייסען, וועלכע אנשטרענגונגען עס ווערען איצט געמאכט פון דער זייט פון דעם הערשענדען קלאס צו אונטערדריקען יעדע שריפטליכע און מינדליכע פראפאגאנדא אין דעם זין פון קלאסען - באוואוסטזיין. פארזאמלונגען פון ארבייטער ווערען באטראכט אלס שרעקליכע קאנספיראציעס. אירגענד א ביכעל, אין וועלכען עס ווערט ערקלעהרט די אונגערעכטיגקייט פון דעם איצטיגען סיסטעם, ווערט פארשריען אלס א בוך, וואס פרעדיגט דעם אומשטורץ פון דער רעגיערונג מיט געוואלט. און דאך, די ארבייטער נעהמען ניט, ווי עס זעהט אויס, אין דעם גאנצען קאמפיין קיין גרויסען אינטערעס... אזוי ווי דאס וואלט זיי גאר ניט אנגעגאנגען.

דאס אליין שוין איז זעהר טרויעריג. דאס צייגט קלאר, אז די ארבייטער אליין, וואס פיהרען טאג-טעגליך דעם קלאסען-קאמפף, זיינען אבער אין דער אמת'ען גאר ווייניג קלאסען-באוואוסט. דאס טרויעריגסטע אבער איז, ווען מיר זעהען ארבייטער-פארשטעהער גופא העלפען, אין זייער אונוויסענהייט, דעם הערשענדען קלאס צו האלטען דעם ארבייטער אין זיין אייביגער גייסטיגער פינסטערניש.

עס איז איינער פון די שענדליכסטע און טרויעריגסטע ספעקטאקעלס צו זעהן א האלענד, א פראיני, אויער אויף אויער מיט דער לאסק-קאמיטע, וועלכע האט נאר איין ציעל ארויסצורייסען פון די ארבייטער יעדען קוואל פון אויפקלערונג און בילדונג.

און אזוי לאנג, ווי אזעלכע נפשות קענען עס טאן, און דערצו נאך פאזירען אלס ארבייטער-פארשטעהער, און פון דער זייט פון די ארגאניזירטע ארבייטער הערט מען ניט קיין פראטעסט געגען אזא נבלה, איז עס דער בעסטער סימן, אז אין דער הינזיכט פון קלאסען-

קינד זיינע צוקינפטיגע געדאנקען און מיינונגען פארטיגע. מען לערנט איהם ניט צו דענקען פאר זיך. איך אליין בין דורכגעגאנגען דורך דריי צווייגען פון די ניו יארקער סקולס, און איך פיהל אפט־מאל אז איך מוז אנווענדען מיין גאנצען ווילען־קראפט צוצושטערען דעם גייסטיגען סם וואס מען האט אין מיר פארפלאנצט.

די אטמאספערע פון סקול איז א שטיקענדע. איך בין ניט די איינציגע, וואס פלאגט זיך אונטער דעם דעספאטיזם וואס מען מוז דולדען אהן אירגענד וועלכען פראטעסט. מערסטע פון אונז פיהלען דאס. אבער די לעהרערין, פונקט ווי אנדערע ארבייטער מוזען אנהאלטען זייערע שטעלען. יא דעספאטיזם אדער ניט — עסען דארף מען. און אז מען וויל אנהאלטען די שטעלע דארף מען ליידען און שווייגען. אבער שווייגען איז שווער, זעהר שווער. שטעלט זיך פאר, אז איך, א פארנינפטיגען מענשען, צווינגט מען צו פאלשעווען פאקטען און זייען ליגענס אין די מוחות פון אייערע שוועסטערלאך און ברידערלאך, אן וועלכע די צוקונפט פון דער וועלט הענגט אפ. אונטער דעם אויסרייד פון „אמעריקאניזיישאן" פארוואנדלען די דיקטאטארס די לעהרערינס אין שקלאפען און די שילער אין בהמות. „אמעריקאניזיישאן" זאגט מען אונז, „מיינט צו ערקלעהרען די קינדער די באדייטונג פון די דעמאקראטישע אינסטיטוציעס פון אמעריקא". אזא ערקלערונג וואלט ווירקליך זיין א גוטע זאך. זי וואלט געפיהרט צו ראדיקאלע ענדערונגען אין די דאזיגע אינסטיטוציעס און וואלט אייניגע פון זיי אינגאנצען אפגעשאפט. אבער פון די „ערקלערונגען" לאזט זיך אויס א בוידעם. ווידער אמאל א רייהע פארטיגע באפעהלען, וועלכע די לעהרערינס מוזען אויספילען. מען פארקריפעלט דעם אמת, און איהר מוזט עס גלויבען און מאכען אנדערע צו גלויבען. „שווארץ איז ווייס", זאגט מען איך, „און אויב דו גלויבסט ניט, טא ארויס פון דאנען"!

די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר, אין איהר לעצטער קאנווענשאן, האט פארדאמט די לעהרער־ביכלעך, וואס ווערען באנוצט אין די סקולס. איך וויים ניט אויב דער זייטיגער מענש פיהלט די גאנצע וויכטיגקייט פון די „טעקסט־בוקס". זיי זיינען דאס דער ביבעל פון וועלכע די קינדער קריגען אלע זייערע אנזיכטען. די לעהרער־ביכער געהען דורך א שטרענגע צענזור איידער זיי ווערען א טייל פון דער סקול־סיסטעם. און קוים ווערען זיי א טייל פון דער סיסטעם איז זיי שוין שווער פון דארטען אויסצוראטען. מעגען זיי אויפהערען צו פאסען די צייט און די פאקטען, מעגען זיי ווערען נוצלאז אלס אינפארמאציאנס קוועלען, —זיי פארבלייבען דארט. די פאקטען ווערען דארט געגעבען אין א באקוועמער פארצוקערטער פארם, און די קינדער שלינגען זיי ארונטער, און די לעהרער שטופען זיי אין די מוחות פון די קינדער, און קיינער פראטעסטירט ניט. אין די דאזיגע לעהר־ביכלעך ווערט די וועלט געמאלט אלס א צויבער־לאנד. די קינדער פארדעכטיגען ניט אז עס איז פאראן, שטרייט, ארימקייט, אן ארבייטער־קלאס, ארבייטער פראבלעמען. די לעהר־ביכלעך דערמאנען ניט א ווארט וועגען דעם. עס איז נישט שעהן, נישט אנשטענדיג. ווען די קינדער דערוויסען זיך פון אזעלכע זאכען פון דרויסען זיינען זיי שטארק געניגט נישט צו גלויבען אין זיי. זיי באטראכטען די אונצופרידענע ארבייטער פאר שלעכטע מענשען, וועלכע זוכען צו צושטערען די גוטע רעגירונג, וועלכע גיט זיי א מעגליכקייט צו מאכען א לעבען. די דאזיגע לייט זיינען „אנארכיסטען", וועלכע זוכען צוצושטערען די וועלט מיט זייערע באמבעס.

א כאראקטעריסטישע פאסירונג איז פארגעקומען צום ענד פון לעצטען סקול־טערמין. אין די עקזאמענס האט מען די קינדער פון די העכערע קלאסען געפרעגט אייניגע פראגען וועגען דער מלחמה. אונטער דעם דאזיגען אויסרייד האט מען אויך אריינגעשמוגעלט א פאר פראגען וועגען באלשעוויזם. די קינדער האבען ניט נאר געמוזט ענטפערען די פראגען, נאר אויך ערקלערען, וואו זיי האבען זייערע אויסקינפטע געקראגען. די קינדער קענען האבען בלויז צוויי קוועלען פון אזעלכע אויסקינפטע: אדער זייערע לעהרער, אדער זייערע עלטערען און פריינד, ווייל דאס דורכשניטליך קינד לייענט ניט קיין צייטונגען.

אלזא, האבען די טשינאווניקעס פון דער סקול סיסטעם זיי אפגעטאן א נידערטרעכטיג שטיקעל שפיאנסטווע. אלע ענטפערס האט מען אוועקגעשיקט צו דעם אויפזעהער פון דיסטריקט, א זאך וואס ווערט קיינמאל ניט געטאן מיט עקזאמינאציאנס פאפירען. אויב א לעהרער האט, קארעגירענדיג די פאפירען, באמערקט, אז א שילער האט געגעבען ענטפערס וואס זיינען גינסטיג פאר באלשעוויזם, האט ער, לויט א שטרענגען באפעהל, געמוזט באלד בעריכטען דאס צום פרינציפאל. פון דעם פרינציפאל'ס אפיס האט מען שוין די קראמאלא נאכגעשפירט ביז מען האט געפונען דעם „ערשטען קוואל". אונטער אזעלכע אומשטענדען האבען די לעהרערינס, נאטירליך, ניט געקאנט געבען די קינדער קיין ערליכען, אומפארטייאישען בליק וועגען דער איצטיגער רוסישער רעגירונג. די מעהר געוויסענהאפטע האבען די פראגע אינגאנצען איגנארירט, און אנדערע האבען געטאן דעם ווילען פון דער נאטשאלסטווא און פאר'סמ'ט די קינדערס מוחות מיט אלערליי אידיאטישע ליגענס וועגען די באלשעוויקעס.

די לעהרער זיינען ארגאניזירט אין א יוניאן, וועלכע איז פארבונדען מיט דער א. פ. א. ל. דורך זייער ארגאניזירטער מאכט זוכען זיי אריינצוברענגען אביסעל ליכט און פארטשריט אין די קאלטע, גרויע ערציהונגס־טורמעס. זיי ווילען געווינען פאר זיך די עלעמענטארע רעכט אויף רעדע און פארזאמלונג. זיי ווילען זיין פארטראטען אין דער באארד אוו עדיוקיישאן. זיי ווילען רעארגאניזירען די גאנצע סיסטעם. אבער דאס זיינען דערוויל אלץ ווייטע אידעאלען: זייער יוניאן איז נאך דערוויל שוואך און דערצו נאך זיינען דא א פאר קאנסערוואטיווע פייק־יוניאס וועלכע זיינען א שטערונג צום פארטשריט פון דער פראפעסיע. פילייכט וועלען אמאל די לעהרערינס ערוואכען און אראפווארפען פון זיך די קייטען וואס שניידען זייערע לייבער און זייערע נשמות. פילייכט וועלען זיי אמאל אוועקשטעלען די סקול סיסטעם אויף א באדען פון אמת'ער פרייהייט און דעמאקראטיע.

קען נאך ווילהעלם'ס הערשאפט און וועט איהם באטראכטען, פונקט ווי ניקאלאי'ען, פאר א הייליגען, פאר א מארטירער און פאר א מעגליכען משיח.

זוכט ניט און פארשט ניט, מיינע פריינד, זאג איך! ווארום זוכענדיג און פארשענדיג, קענט איהר נאך אויף אן אמת דערגעהן די אמתע אורזאכען פון מלחמות בכלל און דעמאלט קען אייך נאך קלאר ווערען, אז אייניגע מלחמה־שותפים אונזערע האבען אונז געצוואונגען צו מאכען אזעלכע קאמפראמיסען אין „פערצעהן פונקטען", אז מיר וועלען באלד מוזען האבען א נייע מלחמה.

און אז איהר וועט קומען דערצו, קען זעהר מעגליך זיין, אז איהר וועט זיך כאפען, אז מען מוז אויפס־ניי רעווידירען די קאנסטיטוציע פון דער נאציאנען־ליגע און אלע פונקטען וועגען שלום, און אז מען מוז אויפס־ניי איינרופען א שלום־קאנפערענץ און אנהויבען די גאנצע שווערע, לאנגע און לאנגוויליגע פראצעדורע פון שלום־מאכעריי פון אנהויב אן.

און אז איהר וועט די גאנצע געשיכטע אנהויבען פון אנהויב אן, אה פריינד מיינע, קען זיך די געשיכטע פארציהען אזוי לאנג, אז איטאליען וועט ערקלערען קריעג פראנקרייך און חוץ־רוסלאנד און אונגארן זאלען נאך א פאר לענדער ווערען באלשעוויסטיש. און דעמאלט וועט מען דארפען אנהויבען א נייע וועלט־מלחמה און מען וועט דערוויל פארגעסען אן ווילהעלם'ען. און אז מען וועט זיך אויפס־ניי אפשלאגען א יאהר פיער־פינף און מען וועט אנהויבען א נייע אונטערזוכונג, וועט מען שוין דארפען שטעלען צום משפט גאר אנדערע מענשען.

און נאך און נאך ענליכע צרות קענען ארויסקומען פון ווילהעלם'ס פראצעס און בכלל פון אונטערזוכען די פראגע, ווער עס איז שולדיג אין דער לעצטער מלחמה.

און דעריבער איז מיין מיינונג: זוכט ניט און פארשט ניט! כאטש לצים זאגען, אז דאס איז נויטיג, כדי דער עולם זאל זיך אויסצארענען. און כאטש איך אליין גיב צו, אז עס וואלט געווען זעהר אינטערעסאנט און זעהר באלעהרענד — אט כמעט ווי עפעס „מואוני".

צוויי שכורים

הומארעסקע.

פון באנקיר פאן יאסעלדארף.

זינט זלמן האט אריבערגעטופט אין פאסעיק, וואו ער איז געווארען א פארמאן אין א לאמבער־יארד, האט ער זיך צוגעוואהנט צו דעם ביטערען טראפען, און אנשטאט צו געהן אהיים פון דער ארבייט פלעגט ער, צוזאמען מיט נאך א פאר חברה פון דער פעקטארי פארגעהן אין א שענקעל וואו זיי פלעגען איינער דעם אנדערען „טריטען" מיט טרינקס ביז זיי פלעגען אלע ווערען איינגעשכור'ט. ערשט דאן פלעגט זיך זלמן אוועקשלעפען אהיים.

זיין ווייב האט שוין ניט איין מאל מיט איהם גע'טענה'ט ער זאל זיך פון דעם אפגעוואהנען אדער זיי זאלען פון יענער שטעדטעל ארויסטופען און צוריקפאהרען נאך ניו יארק, וואו ער האט זיך די גאנצע צייט וואס זיי זיינען פארהייראט אויפגעפיהרט אנשטענדיג.

— מיר קענען מופען וואו דו ווילסט, — האט ער איהר געזאגט, — איך קען זיך אבער פון א טרונק בראנפען נישט אפגעוואהנען. נאך איצט ווען שנאפס וועט שוין באלד גאר ניט זיין צו קריגען.

צוליעב דעם טאקע האט ער זיך אנגעקויפט א פולע הויז מיט שנאפסען פון אלערליי סארטען, אין פלעשער פון אלערליי קאלירען און גרויסען, און ער האט מיט דעם פארפוצט די גאנצע הויז, די שאפע אין קיך, דעם בופע, דעם טיש, און יעדען ווינקעל וואו עס האט זיך נאר געלאזט אוועקשטעלען. די איבעריגע האט ער ארונטערגעטראגען אין קעלער, וואו ער האט זיי גוט באווארענט מען זאל זיי ניט צו'גנב'ענען.

— זלמן, — האט זיך זיין יונגע פרוי געווענדעט צו איהם, — דו האסט דיין הויז, אין וועלכע מיר האבען אמאל געלעבט אין גליק כאטש אין ארימקייט, פארוואנדעלט אין א שענקעל.

— נו, איז דאך גוט! — גיט ער צופרידען א זאג און באלעקט זיך אזש, זיך דערמאהנענדיג וויפיעל פלעשער ער האט נאר וואס אויסגעשטעלט אין הויז און אין קעלער.

—ווען דו ביזט געווען אן ארימער ארבייטער אין ניו יארק איז אונז ביידען גוט געווען! — דערמאהנט זי איהם ווידער, — מיר האבען געהאט וואס אפצועסען, און דאס עסען איז געווען באטעמ'ט מיט טויזענד טעמ'ען. דערצו האב איך געהאט פאר זיך א געטרייען מאן.

— א שלעפער האסטו געהאט, ניט קיין מאן! — ענטפערט ער בייזלאך,— א מציאה געווען מיט מיר! זיך געוואלגערט ביי לייבקע פעמפיק אין שאפ פאר דרייציעהן דאלארקעס א וואך! יעצט בין איך דאך א פארמאן, א מענש וואס דעיםטעוועט איבער הונדערט מיט צוואנציג פאסעיקער גוים! א מאן וואס פארדינט איבער פערציג דאלאר א וואך! דאס הייסט א מאן!

— וואס טויג מיר אזא מאן, אז איך זעה איהם קיינמאל אין די אויגען ניט אן! איז ער ביי דער ארבייט, נו, דאס קען מען זיך ניט העלפען. ארט מיר ניט. געהט ער אוועק פון דער ארבייט, קומט ער אפילו צו סאפער ניט, וואו געהט ער? אין שענק! וואלגערט זיך דארטען ארום מיט שכורים. און אז ער איז שוין אין ת״יז, שכור'ט ער ווידער! דאס הייסט א לעבען פאר א פרוי?

— געפעלט דיר ניט, — בייזערט ער זיך אן, — זוך זיך דיר אן אנדער מאן! אזוי בין איך! א פארמאן בין איך, פארשטעהסטו מיר, און קיינער איז קיין בעל הבית איבער מיר!

רייזעל זעהט איין אז קריגען זיך מיט איהם איז ארויסגעווארפען, און זי זעצט זיך אוועק א טרויעריגע און מאכט פלענער ווי אזוי צו געפינען אן איינפלוס איבער איהם, איהם צו קענען אפרייסען פון ביטערען טראפען. אין מיטען דערמאהנט זי זיך אן לייבע פעמפיק, וועלכער איז מיט יאהרען צוריק געווען זיין בעסטער חבר, ווען זיי האבען צוזאמען געהונגערט. לייבע האט זיך ארויפגעארבייט און איז געווארען א בעל הבית אין דאן איהר מאן אריינגענומען פאר אן ארבייטער.. זי וועט געהן צו איהם און איהם בעטען ער זאל קומען צו איהם אין הויז, ער זאל איבעררייידען מיט איהר מאן ער זאל אוועקווארפען דאס שכור'ען. נאר אזעלכער, טראכט זי, קען אויף איהם האבען א ווירקונג.

און איינמאל, ווען זי איז געקומען אין ניו יארק צו איהרע עלטערען, איז זי שוין אריין צו לייבע פעמפיק אין שאפ און איהם דערצעהלט וועגען וואס זי איז געקומען צו איהם.

— אויב איך וויים נאר אז דאס וועט העלפען, — זאגט מר. פעמפיק, — וואלט איך געקומען צו פליהען צו אייך אפילו אין מיטען נאכט. מיר איז גאר א וואונדער, אז דער זלמנ'קע, דער נעבאכעל, זאל אויסוואקסען א שכור. דאס טאר ניט זיין! איך וועל אפילו אוועקווארפען אלע מיינע ביזנעס און וועל צו אייך קומען. און ס'איז אלרייט — אז איך וועל איהם א נעהם טאן אין מיינע הענט, וועט ער שוין ווערען א לייט. ביי מיר איז יעדער א לייט, ווער עס קומט מיט מיר אין באריהרונג. עפעס בין איך דאך א באריהמטער קנעפעל מאנופעקטשורער. איך האב דאך עפעס דריי פאבריקען וואו מען האלט אין איין מאכען קנעפלאך. שטעלט זיך פאר: דריי הונדערט מיט צוויי און צוואנציג ארבייטער האלטען אין איין זיצען אין מיינע פאבריקען און האלטען אין איין פאבריצירען קנעפלאך! איז דאס עפעס ביי אייך א קלייניגקייט? און אז לייבע פעמפיק דער קנעפעל מאנופעקטשורער וועט זיך אפגעבען צו מאכען א לייט פון אייער מאן וועט ער שוין פון איהם מאכען א לייט!

ער האט איהר צוגעזאגט אז ער וועט קומען און זי איז אוועק.

אויף מארגען איז ער געקומען צו פאהרען צו זיי. דער טאג איז געווען דער רוהעטאג פון רייזעל'ס מאן.

— זלמן! — האט ער אויסגערופען, אריינשפארענדיג די גראבע בויך און דעם גראבען קאפ מיט דער שפיציגער בערדעל אין טיר.

— לייבע נאר! ווי קומסטו אהער, לייבע?

— געקומען מיט דיר עפעס איבעררייידען.

טא זעץ זיך, נעהם א טשער און זעץ זיך! זאלסט מיר ענטשולדיגען וואס איך קען זיך ניט ריהרען, דער קאפ דרעהט זיך מיר אביסעל. פארשטעהסט מסתמא.

— דארפסט זיך ניט פארענטפערען. הער! מיר וועלען ריידען אפען! מען האט מיר איבערגעגעבען א נערים, אז...

— איידער דו פאנגסט אן צו ריידען וויל איך זאלסט זיך אוועקזעצען און — רייזעל, דערלאנג נאר אהער די בראנדי!

— זאל איך געבען? — האט רייזעל געפרעגט ביים גאסט, דער מאן זאל הערען.

— גיט אהער אלע שנאפסען וואס איהר האט! — האט זיך לייבע ברייט א זאג געטאן, זיך מאכענדיג באקוועם ביים טיש, זיך ברייט אוועקזעצענדיג, — לאזט מיר נאר דעיסטעווען מיט איהם, און ער וועט פארזאגען א צעהנטען צו טרינקען משקה.

רייזעל האט ארונטערגענומען פלעשער פון פארשידענע פאליצעס און געשטעלט עס אויפ'ן טיש. זלמן האט אנגעגאסען צוויי גלעזלאך און ביידע האבען געמאכט א לחיים.

— הער נאר! — האט לייבע אנגעפאנגען, — מיר זיינען אמאל געווען צוויי ארימע חברים, ארים ווי דער טויט, זיך געוואלגערט אין די פארקס, ביי די דאקס, נישט געהאט וואו דעם קאפ אוועקצולעגען און נישט געהאט וואס אויף זיך ארויפצוציהען. אונזער איינציגער פארלאנג איז דאן געווען נאר די ביינער אויסצורוהען און האבען א מאהלצייט אפצועסען. פון דאן אן זיינען פיעלע יאהרען פארלאפען. מיר זיינען ארויס אויף דער ברייטער וועלט און דערזעהן פאר זיך א ברייטע וועלט מיט א סך געלעגענהייטען!

— געווען אמאל! זיפצט זלמן אב א צופרידענער און פילט אן די גלעזלאך וועלכע ביידע טרינקען אויס. זאל איך אנגיסען נאך איינע?

— מעהר ווי צוויי טרינק איך ניט! עס איז געקומען צו דעם, אז איך האב זיך אויף א שאפקע, א קליינע שאפקע פון קנעפלאך ארויפגעארבייט!

— אה, לייבע, ביזט דאך א באס געווארען! טרינק אויס!

זיי טרינקען ביידע אויס.

— זאל איך אנגיסען נאך איינע?— פרעגט זלמן.

— נענוג, נענוג! זלמן! איך בין געווארען א באס פון דריי הונדערט מיט צוויי און צוואנציג קנעפלאך, איך מיין ארבייטער, וואס מאכען פאר מיר קנעפלאך! א באריהמטער קנעפעל־מאנופעקטשורער...

טריען די רעגירונג וואלט נעראפט באלד איבערעמען און זי באטרייבען פאר די אינטערעסען פון דעם גאנצען פאלק, האט קאנגרעסמאן מיעד בלויז איין אינדוסטריע וואס ער קען איצט. אויף דיזען מארגען, אנרופען ביים נאמען: „דהי מוירטשענט מארין". "די האנדעלס פלאטע איז נויטיג פאר דעם גאנצען לאנד און דארף דארום פארוואלטעט ווערען פון דער רעגירונג". אלס אורזאכען פאר וואס די האנדעלס פלאטע איז נויטיגער פאר די אנדערע אינדוסטריען ערקלערט מיר קאנגרעסמען מיער, „ווייל די האנדעלס פלאטע איז די וואס וועט מאכען אז אונזער לאנד זאל קענען קאנקורירען מעהר מיט די אנדערע האנדעלס לענדער פון דער וועלט. מיר דארפען איצטער האבען נויטיג ווי אין לעבען פרעמדע מארקעטס און צו דעם איז נויטיג א האנדעלס פלאטע".

אויף מיין פראגע צו ער האט עפעס געוויסע ארבייטער בילס וואס ער האט בדעה פארצושלאגען, האט קאנגרעסמען מיעד געענטפערט, אז דערווייל איז ער נאך נים לאנג געווען אין קאנגרעס און ער ווייסט נאך נים ריכטיג וואס וועט פארקומען, אבער ער דערמאנט אז אין ניו יארקער אסעמבלי האט ער אויפגעפאסט אויף די ארבייטער בילס און אז איצטער, אין קאנגרעס, וועט ער אויך טאן אלעס אין זיין מעגליכקייט צו אונטערשטיצען און צו ארבייטען פאר געזעצע לטובה די ארבייטער. איך קען פארזיכערען די ארבייטער, זאגט ער, אז ער איז זיי אן אמת'ער איבערגעבענער פריינד.

קאנגרעסמען מיעד איז פערזענליך א זעהר אנגענעמער מענש. עס ווילט זיך נים זאגען עפעס קיין שלעכטעס וועגען איהם, אבער קיין פיעל גוטעס איז אויך ניטא, און איך האב זעהר שטארק מורא, אז עס וועט טאקע קיין מאל נים זיין קיין פיעל גוטעס צו זאגען וועגען איהם. מעגליך אז ער איז עהרליך אין זיינע אנזיכטען; מעגליך אז ער מיינט גוט מיט זיין פריינדשאפט צו „לייבאר". אבער ער האט נים קיין פראגראם, איז נים אינפארמירט און וועט ווייניג וואס קענען אויפטאן אפילו ווען ער זאל וועלען. מיר זיינען ווייניג וואס באקאנט מיט זיינע אויפטועכצען אין דער ניו יארקער אסעמבלי, פאר די פיער יאהר צייט ער איז דארטען געווען א מיטגליעד און וואו ער האט געהאט „טשארדזש" אויף די ארבייטער בילס, אבער אין קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען קענען זיכער די ארבייטער גאנץ ווייניג ערווארטען צו הערען פון איהם.

די לעהרערינס פון אייערע קינדער

פון א סקול לעהרערין.

אלס א קלאס זיינען מיר א דורכפאל. איך בין אליין א לעהרערין און איך האלט זיך פאר איינער פון די אונפעהיגסטע פרויען אין דער לעהרער פראפעסיע. מעהרסטע פון אונז זיינען נים קיין געבוירענע לעהרערינס. מיר זיינען אלע אויסגעמישטירט אין די ספעציעלע פארבארייטונגס שוהלען. אום צו זיין א גוטע לעהרערין פאדערען זיך א סך קענטניסע, מעהר ווי דער דורכשניטליכער מענש קען זיך פארשטעלען. מיר, לעהרערינס, באזיצען אבער נים די נויטיגע קענטניסע. די פאראנטווארטליכקייט פון א לעהרערין איז אונגעהייער גרויס. צו איהר פארטרויט דאס די געזעלשאפט די אויפגאבע פון ערציהען דעם יונגען דור פון ענטוויקלען זייערע אינטעלעקטען און בילדען זייערע כאראקטערען. די גאנצע ווענדונג פון לעבען פון דעם קומענדען דור העננט אפ אן דער סקוהל לעהרערין.

מען שיקט איהר אין א שוהל וואו זי דארף זיך אויסלערנען וואס צו טאן מיט די רויהע יונגווארג, וועלכע דארפען פארברענגען אכט יאהר פון זייער לעבען אונטער איהר רשות. אין דער פארבערייטונגס שול לערנט מען זי פריהער פאר אלעס, און הויפטזעכליך, צו זיין געהארכזאם, צו דעם הויפט פון איהר דעפארטמענט, צו איהר פרינציפאל, צו דעם דיסטריקט אויפזעהער, צו דער באארד אוו עדיוקיישאן און אויך צו דער באארד אוו עסטימייט, וועלכע באשטימט די געלדער פאר סקולס און לעהרער. פינף באסעס האט די לעהרערין; דער העכערער זיצט ביים נידריגען אויף דעם נאקען און קאמאנדעוועט מיט איהם, און אזוי ארום ווערט די סיסטעם רעגולירט. די לעהרערין איז דאס לעצטע שטאפעל אין דעם דאזיגען לייטער פון באסיזם. זי און איהרע שילער דארפען דאס טאן די קאטארזשנע ארבייט פון דער סיסטעם. אום אלצדינג זאל געהן גלאט אין דער דאזיגער סיסטעם איז עס אבסאלוט נויטיג, אז די לעהרערין זאל קענען פאלגען און שווייגען. און נאטירליכערווייזע לעגט זי, פון איהר זייט ארויף איהר אבסאלוטען ווילען אויף די קינדער. מען לערנט זיי, ניין, מען צווינגט זיי אויסצופילען די באפעהלען פון דער לעהרערין פינקטליך, און, וואס איז נאך ערגער, צו בלייבען בלינד און שטום און נים פרעגען קיין קשיות.

די גאנצע אטמאספערע פון סקול איז א שטיקענדע, אן אוננאטירליכע. די לעהרערין באציהט זיך צו איהרע קינדער אזוי ווי זיי וואלטען שטענדיג זיין גרייט איהר אפצוטאן עפעס א שפיצעל, און זי איז שטענדיג אויף דער וואך טאמער וועט א קינד באגעהן עפעס אן עולה. די זעלבע באציהונגען עקזיסטירען צווישען דער לעהרערין און דעם פרינציפאל. דער לעצטער זעהט אין יעדער קליינינקייט א סימן אז די לעהרערין וויל עפעס אפטאן א שפיצעל, באגעהן עפעס אן עולה.

מען מאכט אפילו נים דעם אנשטעל פון צו געבען דער לעהרערין אן אלזייטיגע בילדונג. אין דעם געוועהנליכען זין פון ווארט איז די לעהרערין גארנים קיין געבילדעטע פערזאן. אין דער פארבערייטונגס־שול ווערט איהר מוח פארוואנדעלט אין א מושטיר־מאשין וועלכע זאל אימשטאנד זיין צו מושטירען די קינדער און פארוואנדלען אויך זייערע מוחות אין מאשינען. איינע און די זעלבע זאכען ווערען איבערגעקייעט און איבערגע'חזר'ט ביז עס פארלירט זיך יעדער אינטערעס און מען פיהלט בלויז דעם דרוק פון מעכאנישער ארבייט. אין דער פארבערייטונגס־שוהל באקומט די לעהרערין כמעט גאר קיין נייע קענטניסע נים. זי פארבלייבט ביי דעם ביסעל אויבערפלעכליך וויסען וואס זי האט צופעליגערווייזע געקראגען אין האי־סקול. און אויב מען לערענט איהר דארט יא איינינע נייע זאכען, ווערט דאס געטאן בלויז צוליעב יוצא זיין, און עס פאדערט זיך פ׳ן איהר נים קיין אריגינאליטעט אדער זאגאר פלייסיגקייט.

דער רעזולטאט איז, אז די דורכשניטליכע לעהרערין איז נים פארבערייטעט צו ערציהען און ענטוויקלען די קינדער פון איהר אייגענעם אינערליכען וויסען. אלעס וואס זי קען טאן איז צו צווינגען די שטיפערישע אינגלעך און מיידלעך צו פאלגען דעם אויסגעטראטענעם וועג און זיי לערנען מעכאניש ווי צו לעזען שרייבען און רעכענען.

ווען די לעהרערין ענדיגט די פארבערייטונגס שול קריגט זי א דיפלאם אלס א קאמפעטענטע לעהרערין און פריהער אדער שפעטע, ווערט זי דער אויבער־האר איבער א קלאס־רום. דארט שטעהן פאר איהר פאר פראבלעמען, וועלכע מען האט אין דער פארבערייטונגס־שול זאגאר נים באריהרט. זי מוז זיי אליין לעזען. די לעהרערין באטראכט עס פאר א מין אינערליכער פליכט צו פארגעסען אלע דומהייטען, מיט וואס מן האט איהר אנגעקלאפט דעם קאפ אין דער פארבערייטונגס שול און אויסצוארבייטען איהרע אייגענע מעטאדען. אבער דאס איז גארנישט קיין גרינגע זאך. דאס ערשטע, וואס האקט איהר אפ די פליגעל איז דער דריקענדער באסיזם וואס הערשט אין סקול. אין זייער שטודיום פון „מעטאדען" האט מען א ווארט נים דערמאנט ווי אזוי זיי זאלען האנדלען אויף אט דעם געביעט. קיין שאפ, קיין אפיס שטעהט אונטער אזא שטרענגען און שטענדיגען אויפזיכט ווי די קלאס־רום. קיין אינדוסטריעלער ארבייטער האט נים אזוי ווייניג מעגליכקייט אויסצואיבען זיין איניציאטיוו ווי די לעהרערין. יעדער טאג, יעדע שעה, איז א טייל פון א פארגליווערטער סיסטעם. וואס צו לערנען, ווען צו לערנען, ווי אזוי צו לערנען — דאס אלעס איז פאר איהר אויסגעארבייט געווארען פון דער העכערער נאטשאלסטווא; דאס אלעס קריגט זי אין א פארטיגער פארם פון וועלכער זי טאר נים אפטרעטען אויף א האר.

דער גאנצער סקול טערמין איז א רייהע פון באפעהלען, וועלכע מען מוז אויספילען. און די דאזיגע באפעהלען ווערען נים אויסגעארבייט פון געלערנטע ספעציאליסטען, וואס שטרעבען קולטורווירען ברייטקייט און אינטעליגענץ אין די מוחות פון די קינדער. די באארד אוו עדיוקיישאן זוכט בלויז צו פאראייביגען די עקזיסטירענדע סיסטעם, די גייסטיגע אזוי גוט ווי די עקאנאמישע. די דאזיגע לייט האבען פשוט מורא צו געבען דער לעהרערין פרייהייט פון רעדע און פארזאמלונג. זיי זוכען צו קאנטראלירען זאגאר, איהרע געדאנקען. פרייהייט אין סקול וואלט איינגאנצען צושטערט די פארגליווערטע סיסטעם פון די שמאלקעפיגע, אונוויסענדע, פארצייטיגע „קעפ" פון דער באארד אוו עדיוקיישאן. פארטשריט, דאס איז דער ביטערסטער שונא פון דער איצטיגער סקול.

אין קיין ציוויליזירטען לאנד איז ניטא קיין מעכטיגערע סאציאלע קראפט ווי די סקול. דארט ווערען באשטימט די אידעאען, די געדאנקען און די פאראורטיילען פון דעם קומענדען דור. אין די אמעריקאנער שולען קריגט דאס

ווילהעלמ'ס פראצעס

(פעליעטאן.)

פון א. וואהלינער

True translation filed with the Postmaster at New York City on July 25, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

לצים און גלאט „קיקער" זאגען אפט שרעקליכע, אומגעלומפערטע, אבער דערפאר משיקאווע, פיקאנטע זאכען.

און די לצים זאגען, אז מען דארף אין איינציגע לענדער האבען ווילהעלמ'ס פראצעס צוליעב דעמזעלבען גרונד, וואס מען פלעגט אין פארצייטיגען רוים זיך נויטיגען אין צירקוסען מיט די בלוטיגע קעמפע צווישען מענשען און מענשען און צווישען מענשען און חיות.

זאגען די דאזיגע לצים: ווען דאס פאלק אין רוים איז געווען הונגעריג און איז גרייט געווען די וועלט איבערצוקערען, האט מען איהם געגעבען אזא פארשטעלונג.

א פאלק, זאגען זיי, האט ליעב פארשטעלונגען. און אז מען גיט א פאלק א געלעגענהייט זיך אויסצושרייען און זיך אויפצורעגען ביי א פארשטעלונג, פארגעסט עס, אז עס איז הונגעריג. און דער כעס פארשווינדט און א ליכטיגער שמייכעל באווייזט זיך. פעלקער זיינען ווי קינדער.

אזוי זאגען לצים, אבער מאלע וואס לצים זאגען.

די הויפט זאך איז: מען וועט משפט'ען דעם אמאליגען דייטשען קייזער און דאס וועט זיין זעהר און זעהר אן אינטערעסאנטער פראצעס.

און עס ווערט אינטערעסאנט נאך איידער דער פראצעס האט זיך אנגעהויבען.

איהר האט דאך געהערט: די דייטשע גענעראלען קומען צולויפען און בעטען זיך: משפט אונז בעסער! און דעם קייזער'ס זיהן בעטען: משפט אונז! און דער אלטער דייטשער קאנצלער בעטהמאן־האלוועג שיקט אריין א בקשה: אויב מען דארף אימיצען אפשמייסען, איז ער בילכער פון אלעמען!

און דאס איז אי ריהרענד, אי סענזאציאנעל. און אגב קלינגט עס אמת קעניגליך.

אין פארצייטיגען ענגלישען קעניגליכען הויף, זאגט מען, פלעגט מען האלטען א אינגעל, וואס האט זיך גערופען „ווהיפינג באי". און דאס דאזיגע „שמיץ־אינגעל" האט געהאט א וויכטיגען אמט אין הויף. ווען די קעניגליכע קינדער פלעגען פארדינען שמיץ, פלעגט מען די שמיץ געבען נים די פרינצען, נאר דעם שמיץ־אינגעל.

אזוי האט עס זיך אמאל געפיהרט אין קעניגליכען הויף אין ענגלאנד: און אן עהנליכער מנהג איז געווען אויך אין קייזערליכען הויף אין דייטשלאנד. דער חלוק איז נאר: אין בערלין פלעגט זינדיגען דער קייזער אליין און די שמיץ פאר די זינד האט באדארפט כאפען דער רייכס־קאנצלער.

איהר געדענקט דאך: ווילהעלם פלעגט אמאל האלטען א סקאנדאליעזע רעדע, אדער אפטאן א שקאצעריי, וואס האט געשמעקט מיט א וועלט־מלחמה; פלעגט ווערען א טומעל. פלעגט דער רייכסטאג שטורמען. און דערמאלט פלעגט אין רייכסטאג קומען דער קאנצלער, אראפלאזן, במחילה, די פלודערלעך, פלעגט ארייכאפען די ריכטיגע פארציע פלאמפייערדיגע שמיץ און דערמיט איז די געשיכטע געווען צו ענד.

איצט איז דער קייזער שוין קיין קייזער נים און בעטהמאן־האלוועג איז שוין קיין קאנצלער נים. נאר אן אלטע געוועהנהייט בלייבט א געוועהנהייט. און אז מען האט באשלאסען צו משפט'ן ווילהעלמ'ען, האט זיך דער אלטער אינסטינקט דערוועקט ביים אלטען קאנצלער. און ער בעט זיך: שמייסט מיך!

אט אזוי טרעפט עס, אז אן אלטע קליאטשע: וואס שלעפט איצט דאס פעסעל פון א וואסערפיהרער, דערהערט א מיליטערישען מארש און דערמאנט זיך אן די יאהרען, ווען זי איז געווען א קאוואלעריע־פערד, נעמט זי אויסטאנצען מיליטערישע קונצען.

און דאס איז ריהרענד און פיקאנט. און דאס מאכט שוין באצייטענס עכט אינטערעסאנט דעם קייזער'ס פראצעס.

און דאן וועט קומען דער פראצעס אליין. און ווי ביי אלע פראצעסען, וועט זיין א פראקוראר און א פארטיידיגער. און איינער וועט דעם קייזער מאלען פאר א טייפעל און ביים צווייטען וועט דערזעלבער קייזער ארויסקומען א שנעע־ווייסער מלאך. און מען וועט אויפדעקען פאמיליען־סקאנדאלען און אנדערע סקאנדאלען. ספעציעל — הויף־סקאנדאלען, וועלכע דער עולם האט אזוי ליעב.

און דער פראקוראר וועט באווייזען, אז ווילהעלם איז געבארען געווארען אין גיהנם, האט פארגוואלטיגט פרויען, האט געשלאגען זיין ווייב און האט ביי יעדען פריהשטיק אויפגעגעסען א פאר בעלגישע קינדער.

און א שרעק וועט באפאלען דעם עולם. און דער עולם וועט פיהלען דעמזעלבען פארגניגען, וואס ער פיהלט אין א „מואווי" בעת דער „בעד מען" פון דער ווילדער וועסט און שטעכט און ברענט און מארדעט און לאכט זיך אויס פון געזעץ און ארדנונג.

און נאכדעם וועט זיך אוועקשטעלען ווילהעלמ'ס אדוואקאט. און ער וועט אראפנעמען פון ווילהעלמ'ען די טייפעלשע הערנער און נעגעל, וואס דער פראקוראר האט איהם אנגעטאן, און וועט איהם צוקלעפען שנעע־ווייסע מלאך'שע פליגלען.

און ער וועט דערצעהלען:

ווילהעלם שטאמט פון'ם שענסטען און עלטסטען יחוס — פון אדם הראשון. און ער איז א שטעלקע מיט אזעלכע געתויבענע פערזאנען, ווי גאט אליין, און איז א קרוב צום ענגלישען קעניג, ירום הודו. און דער אדוואקאט וועט דעמאנסטרירען, ווי ווילהעלם האט געהאלטען אין איין קושען און האלזען זיין אייגענע ווייב. און דער אדוואקאט וועט באווייזען, אז ווילהעלם האט געוויינט אויף די חורבות פון בעלגיען און האט אזוי ליעב געהאט דעם שלום, אז ער איז גרייט געווען די גאנצע וועלט אויסצוקוילען צוליעב דעם.

און א ציטער וועט דורך לויפען די הרצער פון דעם עולם. און דער עולם וועט אויף ווילהעלמ'ען פארגיסען הייסע טרערען, פונקט ווי ער פארגיסט טרערען אויף דעם שיקזאל פון דער שהנער, ריינער, אומשולדיג־לײדענדער „מואווי"־העלדין.

בקצור: עס וועט זיין דער אינטערעסאנטסטער און סענסאציאנעלסטער פראצעס, ביי וועלכען מיר וועלען זיך זעהר און זעהר אמוזירען, ביי וועלכען מיר וועלען זיך קענען אי אויסצארנען, אי אויסוויינען און דערצו ארויסטראגען א מאראל: מישטיינס געזאגט, וואס איז אין גאנצען דעם מענשען'ס לעבען אויף דער וועלט!

און אין דער דאזיגער אויסצארנונג און אין דער דאזיגער מאראל ליגט די הויפטקראפט פון יעדער פאלקס־פארשטעלונג. און די דאזיגע אויסצארנונג און די דאזיגע מאראל — זאגען לצים, ווי אויבען דערמאנט — איז דער ציעל פון דעם קייזער'ס פראצעס.

אבער אנדערע און איך אליין צווישען זיי וואלט פונדעסטוועגען געראטען נים צו משפט'ען דעם קייזער און נים צו זוכען, ווער עס איז שולדיג אין דער לעצטער מלחמה.

פון פולען הארצען ווארען איך: זוכט נים און פארשט נים!

ווארום זוכענדיג קענט איהר נאך דערגעהן, אז ניקאלאי איז געווען פונקט אזוי שולדיג ווי ווילהעלם און אן אנדער עליר־הערשער פונקט אזוי שולדיג ווי ניקאלאי. און אן אייגענער עלאי מוז זיין כשר און ניקאלאי'ען מאר מען איצט נים אנריהרען: ער איז איצט א הייליגער און א מארטירער און א האלבע וועלט לעכצט נאך איהם און הויפטזעכליך לעכצען נאך איהם פיעל חברים און אנהענגער פון אונזער נייעסטען מלחמה־שותף — קאלטשאק'ען.

פארשט נים, זאג איך! ווארום איהר קענט נאך, חלילה, ענטדעקען, אז ווילהעלם איז באמת שולדיג, אבער די דאזיגע ענטדעקונג קען נאך, חלילה, קומען אין א צייט, ווען באלשעוויזם וועט הערשען אין דייטשלאנד און א האלבע וועלט וועט דעמאלט בעני־

ציעס, וועלכע וואלטען אפשר געקענט העלפען אין דער נויט. ווען עס וואלט עקזיסטירט א גרויסע אידישע עמיגראציאנס-געזעלשאפט מיט פארצווייגונגען אין דער גאנצער וועלט וואלט אזא אינסטיטוציע אפשר איצט געקענט אפזוכען נ י י ע אימיגראציאנס-געביטען, נייע לענדער וואוהין דער אידישער וואנדערשטראם זאל זיך קענען ווענדען.

אבער דאס איז ניטא. און דערפאר איז די לאגע ווירקליך שווער.

עס בלייבט בלויז צו האפען, אז אין די אלטע וואוין-ערטער וועט זיך די סיטואציע פארט אביסעל איינשטעלען, און אז דער איצטיגער טרויעריגער אידישער מצב איז בלויז א פארבייגעהענדע ערשיינונג. אמת, דאס איז א טרייסט מיט חלשות, ווייל אלס רעזולטאט פון אט דער „פאראיבערגעהענדער ערשיינונג" וועלען זיכער הונדערטער טויזענדער, אפשר מיליאנען אידען אומקומען, אבער קיין אנדערע טרייסט און קיין אנדערע האפנונג איז ניטא.

אין לעצטען סך הכל וועט אונזער הילפלאזיגקייט זיין א רעזולטאט פון דעם ניט פארשטעהן פון דעם אידישען פראבלעם אין זיין גאנצער גרויס און טראגישקייט. די געשיכטע האט אונז שוין געדארפט אויסלערנען, אז ביי יעדער אויפטרייסלונג, צי דאס איז א רעוואלוציע אדער א מלחמה, זיינען די אידען די ערשטע צו ליידען, איז דאס אידישע לעבען דאס ערשטע, וואס ווערט הפקר, איז די אידישע עקזיסטענץ די ערשטע, וואס געהט צו גרונד. ווען מיר וואלטען דאס געלערנט, וואלטען מיר אפשר געוואוסט, ווי זיך צוצוגרייטען, ווי צו שאפען יענע אנשטאלטען און קערפערשאפטען, וואס זאלען קענען העלפען אין אן עת צרה.

האבען מיר אבער דאס ניט געלערנט. באצאהלען מיר מיט רבי-געלד. דאס רבי געלד איז טאקע זעהר שווער, אבער שווער איז יעדער שטראף פאר די, וועלכע פארשטעהען ניט אדער ענטזאגען זיך צו פארשטעהן דאס לעבען, ווי עס איז.

מיר שטעהען יעדענפאלס פאר א נייעם גרויסען אידישען קריזיס, פאר א נייעם ו א נ ד ע ר - ק ר י ז י ס.

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

דאס דיענסטמיידעל איז גאר א רייכע אייראפעאישע בארא‏נעסע.

א פאקט, וואס קלינגט ווי א מעשה פון „טויזענט און איין נאכט", איז די טעג באקאנט געווארען צווישען די היגע מיליאנערען, און די גאנצע אמעריקאנער „העכערע געזעלשאפט", פון סאן-פראנציסקא ביז ניו יארק, שטוינט איבער דעם מערקווירדיגען און עכט-אריגינעלען אויפטו פון א רייכער אייראפעאישער באראנעסע, וועלכע האט דא, אונטער א פארשטעלטען נאמען, אפגעארבייט פיער חדשים אלס א דיענסטמיידעל ביי אן אמעריקאנער פאמיליע אין סאן-פראנציסקא.

דעם 7טען מערץ, 1919, איז אין הויז פון קעפטען אווערטאן, אין סאן-פראנציסקא, אנגעקומען אלס דיענסטמיידעל א יונגע, שעהנע אימיגראנטקע, מיט דעם נאמען עללא האמעל, וועלכע האט זיך אנגעגעבען אלס א שווייצארישע מיידעל, ניט לאנג פון דערהיים.

די אווערטאנס זיינען ניט קיין גרויסע מיליאנערען, נאר אזוי א רייכע, בכבוד'יגע פאמיליע, וואס פיהרט א פיינע, געלאסענע בעל-הבית'ישקייט.

עללא'ס שכירות אויף איהר נייער שטעלע זיינען ניט געווען פון די גאר-געהויבענע, וואס ווערען געצאהלט צו דיענסטען אין די גאנץ „הויכע פענסטער", נאר ווערדליג פאר אזא גרינער מיידעל ווי זי — זיינען איהרע שכירות געווען נישט-קשה'דיגע. עללא איז געווען צופריעדען אי מיט די שכירות, אי מיט דער ארבייט.

אבער נאך מעהר ווי צופריעדען זיינען געווען עללא'ס בעלי-בתים — די אווערטאנס. עללא איז געווען א שטילע, געהארכזאמע דיענסט, זי האט זיך פון קיין שום ארבייט ניט אפגעזאגט, געטאן אלץ, וואס מע האט געהייסען: געפוצט דאס מעבעל, גערייניגט די צימערען, באדיענט די לידיעס אין הויז, געעפענט די טיר פאר געסט, און געהאלפען סערווירען ביים טיש.

עס פארשטעהט זיך, אז אזא דיענסטמיידעל וואלט אין יעדער פאמיליע צו אלע צייטען באטראכט געווארען אלס אן אבן-טוב, בפרט נאך ביים היינטיגען דוחק אויף דיענסטמיידלעך.

די אווערטאנס האבען געזעהן צו צושארען עללא'ן א „זייטיגען" דאלער: איהר אפט געגעבען א פיינעם „טיפ", געשענקט א מתנה א. א. וו., און האבען זיך געשעצט גליקליך מיט זייער העכסט-צופריעדענשטעלענדער נייער דיענסטמיידעל. פאר זייערע געסט און באקאנטע האבען זיך די אווערטאנס ניט געקענט זאט אנלויבען פון עללא'ס פלייסיגקייט און געטרייקייט. איבערהויפט זיינען זיי ענטציקט געווען פון איהרע פיינע, אנגענעהמע מאניערען. „זי באנעהמט זיך ווי א געבוירענע אריסטאקראטקע!" פלעגען זיי זאגען. און, ווירקליך, אין אלץ, וואס עללא האט געטאן — סאי אין איהר באדיענען עמיצען, סאי אין איהר הויז-ארבייט, און אפילו אין איהר ארט ענטפערען אויף א פראגע, — האט זיך תמיד נעמערקט א ליעבע זיסקייט, א געבוירענע ערעלקייט, וואס פלעגט ארויסרופען ליעבע און רעספעקט צו איהר ביי אלע מענשען, מיט וועמען זי איז געקומען אין באריהרונג.

אזוי זיינען אוועק פיער חדשים... אט דא, ערשט אנהויב יולי, לאזט עללא וויסען איהרע בעלי-בתים, אז זיי זאלען זיך צוזוכען אן אנדער דיענסטמיידעל, ווייל זי פארלאזט די שטעלע. זי האט דערביי, נאטירליך, אויסגעדריקט איהר באדויערען, וואס זי מוז זיך מיט זיי שיידען, און ערקלערט, אז זי פאהרט צוריק קיין אייראפא זיך זעהן מיט איהרע אייגענע.

זי האט זיך ווירקליך גענומען גרייטען צו דער נסיעה, האט זיך שוין אפילו באזארגט מיט א קופע, און דווקא פון ערשטען קלאס, אויף דעם דאמפפער „נארדאם." אבער טאקע דערפון איז ארויסגעשפרונגען דער סוד, און אט די עללא, די אווערטאנס' געוועזענע דיענסטמיידעל, איז גאר די באריהמטע האלאנדישע באראנעסע מעקעי, די פרוי פון דעם רייכען באראן מעקעי, דעם אייגענטימער פון א גרויסער צאהל האנדעלס-שיפען אין די וואסערען פון האלאנד'ס וועסט-אינדיעס.

די באראנעסע מעקעי, כאטש אליין נאך א יונגע פרוי, איז זי שוין די מוטער פון צוויי קינדער: א מיידעל פון א יאהר צוועלף און א אינגעל פון ניין יאהר. זי איז די אייגענטימערין פון איינעם פון די רייכסטע פאלאצען אין האלאנד, מיט א דיענערשאפט פון היבשע עטליכע צעהנדליג מענשען — דיענער און דיענסטען.

ווי געפעלט אייך אזא „דיענסטמיידעל"?

אבער, צו וואס — וועט איהר מסתמא פרעגען — איז די באראנעסע געקומען קיין אמעריקא, האט זיך דא פארשטעלט פאר א דיענסטמיידעל, און אפגעארבייט גאנצע פיער חדשים אלס הויז-דיענסט?

דארויף וועלען מיר לאזען ענטפערען די באראנעסע אליין.

אט איז, וואס באראנעסע מעקעי האט ערקלערט צו פארטרעטער פון דער היגער פרעסע, פאראכטאגען מיטוואך אויפ'ן דעק פונ'ם דאמפפער „נארדאם", מיט וועלכען זי איז טאקע דעם זעלבען טאג אפגעפאהרען קיין אייראפא.

„עס איז ניט אמת" — האט די באראנעסע אנגעהויבען איהר קורצען אינטערוויאו מיט די צייטונגס קארעספאנדענטען — „ס'איז ניט אמת, וואס די צייטונגען מעלדען, אז איך האב דא אנגענומען די שטעלע פון א דיענסטמיידעל מיט דעם צוועק זיך צו באקאנען מיט דער הינטער-קוליסנעם פאמיליען-לעבען פון די אמעריקאנער. דאס האט מיך קיינמאל ניט אינטערעסירט! וואס מיך האט יא אינטערעסירט, און וואס איז געווען דער איינציגער צוועק פון מיין אנגעהמען אזא שטעלע, איז געווען מיין אייביגער פארלאנג זיך נעבוי און פערזענליך צו באקענען מיט דער ארט לעבען און פיהלען פון דער דיענסטמיידעל.

„איך בין תמיד געווען מיט דער מיינונג, אז די ארבייט פון דער הויז-דיענסט איז די שווערסטע און אומאנגענעהמסטע פון אלע אנדערע ארבייטען. די שווערסטע זאך אויף דער וועלט איז — נאך מיין מיינונג — זיך אפצוזאגען פונ'ם אייגענעם ווילען, פונ'ם אייגענעם פארשטאנד, און טאן נאר דאס, וואס יענער באפוילט און ווי אזוי יענעם געפעלט. איבערהויפט, איז דאס שווער פאר אזא מענשען, וואס פיהלט, אז דער „יענער", דער וואס שאפט זיך מיט איהם, איז ניט א העכערע בעסער אדער קליגער פון איהם. און אויב דאס איז שווער פאר דעם מאן, ווי פיעל שווערער מוז דאס זיין פאר דער מעהר-עמפינדליכער און צארט-פיהלענדער נשמה פון דער פרוי אדער מיידעל.

„אלס ווירטין האב איך יעדעס מאל וואס איך האב זיך געשאפט מיט איינער פון מיינע דיענסטען, געפיהלט ווי זיך צו ענטשולדיגען פאר איהר פאר מיין באמיהען זי צו טאן דאס, וואס האט זיך מ י ר געוואלט.

„אבער פון באגרייפען ביז אליין דורכלעבען און דורכפיהלען די לאגע פון דער דיענסטמיידעל איז א זעהר ווייטער מהלך. איך האב דעריבער באשלאסען אונטערצונעהמען די דאזיגע ווייטע נסיעה אין א פרעמד לאנד, בכדי פערזענליך איבערצולעבען די אלע שווערינקייטען און אומאנגענעהמליכקייטען, מיט וועלכע די שטעלע פון דער דיענסטמיידעל איז פארבונדען; און — איך האב א סך געלערנט... איך האב אין די לעצטע פיער חדשים זיך אויסגעלערנט ניט נאר אליין זיך צו באדיענען, נאר צו באדיענען אויך אנדערע — א ו י ב ד א ס ז א ל א מ א ל נ ו י ט י ג ז י י ן..."

אט די לעצטע ווערטער פון איהר אינטערוויאו האט די יונגע באראנעסע באגלייט מיט א פיעל-באדייטענדער שמייכעל, און האט זיך העפליך אפגעזעגנט מיט איהרע אינטערוויואער. די לעצטע האבען געצווינגען מיט די אקסלען און געטראכט: „א מאדנע באראנעסע!"

מעגליך, אז ווען די באראנעסע וואלט געלייענט די אמעריקאנער צייטונגען, און וואלט געזעהן ווי אזוי די קארעספאנדענטען האבען פארשטאנען און אויסגעטייטשט איהרע רייד, וואלט זי געטראכט: „וואסערע מאדנע קארעספאנדענטען!..."

דיסטריקט אטוירני סוואן שטעלט אן א אידישע מיידעל אלס זיין אסיסטענט

מיס ראוז ראטהענבערג, 26 יאהר אלט, פון 138 וועסט 112טע סטריט, ניו יארק, איז פון דיסטריקט אטוירני סוואן באשטימט געווארען אלס זיין אסיסטענט.

מיס ראטהענבערג איז די ערשטע פרוי אין ניו יארק צו פארנעהמען אזא שטעלע. זי פארטרעט דעם דיסטריקט אטוירני'ס אפיס אינ'ם ספעציעלען פרויען-געריכט, און — ווי זי ערקלערט — וועט זי זיין ניט בלויז געהילפס-פראקוראר, נאר זי וועט אויך אויפפאסען, אז יעדע פרוי, וואס וועט געבראכט ווערען אין יענעם געריכט אויף א וועלכער עס איז קלאגע, זאל ניט איינגעשפארט ווערען אין געפענגניס אפילו אויף קיין איין מינוט, ביז עס וועלען ניט געבראכט ווערען גענוג באווייזען אז די ארעסטירטע האט ווירקליך באגאנגען דעם פארברעכען, פאר וועלכען זי איז ארעסטירט געווארען.

מיס ראטהענבערג איז געבוירען געווארען אין רומעניען. אהער איז זי געקומען ווען זי איז אלט געווען זיעבען יאהר. אין 1914 האט זי גענדיגט דעם יורידישען קורס אין ניו יארק אוניווערזיטעט, און אין צוויי יאהר שפעטער האט זי געקראגען איהר לאיער-דיפלאם.

אויף איהר נייעם אמט איז מיס ראטהענבערג אנגעקומען ערשט פאראכטאגען מאנטאג. איהר געהאלט איז זעכצעהן הונדערט דאלאר א יאהר.

צייטונג שרייבער פון באסטאן געווינען זייערע פאדערונגען אהן א סטרייק

די באסטאנער ארויסגעבער פון טעגליכע צייטונגען האבען איינגעוויליגט נאכצוגעבען די פאדערונגען פון די שרייבער אהן א סטרייק. לויט דעם אפמאך, וואס זיי האבען געשלאסען מיט דער יוניאן, וועט יעדער שרייבער, וואס ארבייט אין צייטונגס-פאך איבער 3 יאהר, זיין בארעכטיגט צו דעם מינימום-לוין פון 38 דאלאר א וואך פאר רעפארטערס, און 45 דאלאר א וואך פאר שרייבער און געהילפס-רעדאקטערע.

מעמבערס פון דער שרייבער-יוניאן, וועלכע האבען ביז איצט געקריגען מעהר פון דעם געפאדערטען מינימום לוין, וועלען קריגען א באדייטענדע העכערונג אויף זייער געהאלט. די העכערע ווידזשעס וועט זיך רעכענען פון 1טען יוני...

צוויי פארביסענע קלאוק-סטרייקס

אין טאראנטא און לאס אנדזשעלעס קומען פאר פארביסענע סטרייקס אין דער קלאוק אינדוסטרי. אין לאס אנדזשעלעס ווי אין טאראנטא, כאטש די צוויי שטעדט זיינען אזוי ווייט איינע פון די אנדערע, זיינען די באסעס שטארק פאר'עקשן'ט, און ווילען ברעכען די יוניאן פון די דארטיגע קלאוק מאכער דורך אויסהונגערען זיי. דאס וועט זיי אבער ניט געלינגען. די ארבייטער, די סטרייקער פון ביידע שטעדט זיינען מוטיג און ענטשלאסען צו ברעכען די עקשנות פון זייערע באסעס.

דער קאמף איז א שווערער אבער ער וועט דאך געוואונען ווערען.

ווי עס ווערט געמעלדעט אין א טעלעגראמע פון ברודער מ. בייעל, פון לאס אנדזשעלעס, האבען די וואך צוויי איינדעפענדענט פירמען געסעטעלט מיט דער יוניאן. די אסס'ן באסעס זיינען נאך אבער אלץ פארשטייפט. ברודער בייעל מעלדעט אויך דאס די סטרייקער אין לאס אנדזשעלעס באקומען א סך הילף פון לאק. 8.

לאמיר האפען, אז די סטרייקס וועלען דארט באלד געוואונען ווערען.

די נייס, אז 4000 איטאליענישע ארבייטער זיינען לעצטע וואך אין איין טאג אפגעפאהרען פון אמעריקא, מיטנעהמענדיג ביי א 25 מיליאן דאלאר. 4000 עמיגראנטען אין איין טאג! דאס איז שרעקליך! דאס מיינט דאך, אז די אנטי-אימיגריישאן-רעזאלוציע, וואס די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר האט אנגענומען אויף איהר לעצטער קאנווענשאן, איז געווען א גאנץ איבערפליסיגע זאך! דאס מיינט דאך, אז די שטרענגע אימיגראציע-געזעצען, וואס ווערען געפלאנט פון סענאטאר אווערמאן'ס קאמיטע, זיינען א ברכה לבטלה! דאס איז ניט מעגליך. די אנטי-אימיגראציע-לייט ווייסען וואס זיי טוען. דער אמעריקאנער ארבייטער, דענקען די אווערמאנ'ס, זיינען געווארען צו שטאלץ, צו זעלבסט-באוואוסט. בלויז ריינע ארבייטען טוען זיי. שווערע, שמוציגע ארבייט לאזען זיי איבער פאר איינגעוואנדערטע איטאליענער. טו זאלען די איינגעוואנדערטע זיך צופאהרען און נייע וועלען מיר ניט ארייןלאזען, וועט דער שטאלצער „אמעריקען וואירקינגמען" מוזען מוחל זיין אויף זיין כבוד און במחילה אליין רייניגען שמוץ-קאנאלען און גראבען סאבוויים און פינסטערען אין די קוילען-מיינס, און דאס וועט צוברעכען זיין שטאלץ און בויגען זיין שטייפען רוקען און אין איהם צוריק ארייןבלאזען אביסעל קנעכטישע נשמה און געהארכזאמקייט צו זיין באלעבאס. א, די אווערמאנס זיינען שוין נאר נישט משוגע. וואלטען די היגע ארבייטער געהאט איין הונדערטער טייל פון דעם שכל, וואס די קאפיטאליסטען האבען, וואלטען זיי געווען הונדערט מאל אזוי קלוג ווי זיי זיינען איצט נאריש.

* * *

רעדענדיג פון נארישקייטען: דענקט איהר ניט, אז ס'איז א גרויסע נארישקייט פון האלאנד, וואס זי ווילינט זיין אויסצוליפערען ווילהעלמ'ן? געהעט אן אומזיסטען קאיזער וואס האט פאר איהר געהאקט האלץ טאג ווי נאכט, וואס האט איהר אדווערטייזט איבער דער גאנצער וועלט, וואסט האט געצויגען יעדען טאג א קראוד טוריסטען און נייגעריגע רייזענדע, וועלכע האבען אין איהרע האטעלען או. רעסטאראנען איבערגעלאזט א שעהן ביסעל געלד — און פאר די אלע גוטע זאכען האט האלאנד ניט געדארפט צאהלען קיין גראשען איהר קאיזערליכען גאסט. אזא מאנארך איז דאך א ברכה פון גאט! האלאנד'ס אייגענע קעניגין, מאדאם ווילהעלמינע, איז אי זי טוט ניט ארויין קיין האנד אין קאלטע וואסער, אי זי קאסט אפ א פארמעגען דעם קליינעם לענדעלע. אזעלכע היימישע געקרוינטע קעפ זיינען היינט פשוט אן אומגליק פאר א לאנד. מ'איז דאך קיין טאג נישט זיכער, אז ס'וועט צוליעב זיי ניט אויסברעכען א רעוואלוציע און איבערקעהרען די גאנצע ארדנונג הארוי-קאריע. קעניגע זיינען היינט נאר דאן א ברכה פאר א לאנד, ווען זיי זיינען פרעמדע, צונעלאפענע. אן אייגענער קעניג איז ווי א קהל'שער באק, א פרעמדער — ווי א מעלקענדיג בהמה'לע.

שטודער בין איך. איך האב א נאמען איר-
בערזל וואו איך קום. איך ווייס אז איך
בין געקומען צו דיר וועסטו הערען א גר-
טען פריינד און זיך אפגעוועהנען פון דיין
שכרות. שכור'ן, צו ווייסטו וואס דאס
הייסט פאר אזא יונגען מאן ווי דו ביזט, צו
שכור'ן? דו רואינירסט זיך, דיין פרוי,
דו פארשפילסט דיין רעפוטאציע. א נאר
נישט, א שכור ביזטו! וואס בין איך?
א באס פון דריי קנעפעל-פאבריקען! יע-
דען טאג ווערען ביי מיר אין די פאבריקען
געמאכט טויזענטער און טויזענטער קנעפ-
— זאל איך אנגיסען נאך איינע? —
פרעגט זלמן ווייטער, אויסלעדיגענדיג די
פינפטע גלעזעל.

— נים ברודער, נים! ניט אלע מאל
איז יום טוב, ניט אלע מאל קען מען טרינ-
קען. דו ביזט א פארמאן אין א לאמבער
יארד, און איך בין א באס פון קנעפלאך!

זלמן האט געגאסען און לייבע האט
געטרונקען. ער האט זיך אזוי איינגע-
שכור'ט, אז ער האט איבערגענומען די
פלעשעל צו זיך און האט גענומען גיסען
אין די גלעזלאך.

— איך האב מורא, לייבע, — האט
זיך זלמן צו איהם שוין געווענדעט, — אז
דו וועסט זיך אנ'שכור'ן!

— איך? און אז יע? איך קען שכור'ן
אויך! א מענש וואס איז דער באס פון
אזוי פיעל טויזענטער און טויזענטער קנעפ-
לאך, אזא מין קנעפעל-מאנופעקטשורער
מעג שכור'ן אויך. זאל איך אנגיסען נאך
איינע? — האט שוין לייבע געפרעגט
זלמנ'ען און זלמן האט איהם געענטפערט:
„איך קען נים טרינקען מעהר!"

— דו נאר! — האט איהם לייבע
איינגערעדט, דערגיסענדיג יעדע ווייליע די
גלעזלעך, — וואס איז דאס גאנצע לעבען
ווערט אהן אביסעל שנאפס? עס פרישט
אפ דעם מענשען, עס טרייבט אריין א נייע
נשמה אין מענשען. טרינקען, אין דעם
ליעגט דאס גליק!

ערשט, ווען רייזעל האט געזעהן אז עס
נעהמט גאר-קיין ענדע צו זייער טרינקען,
האט זי זיך געווענדעט צו איהר גאסט:
„אזוי נאר, איהר קנעפעל-מאנופעקטשו-
רער, אנשטאט מיין מאן אפצורייידען פון
דעם רעדט איהר איהם נאך צו? געהט
אייך פון דאנען!"

זי האט אויפגעעפענט די טיר און איהם
פאר כעס ארויסגעשליידערט.

ער האט אויפגעהויבען די היטעל פון
דער ערד און זיך אנגערופען צו איהר, זיך
קוים האלטענדיג אויף די פיס: „ווער
זייט איהר, ווער? א פארמאנ'ס א ווייב?
איהר האלט זיך גרויס וואס איהר האט עט-
ליכע פלעשלאך שנאפס אין הויז — קומט
צו מיר, וועט איהר טרעפען א גאנצען
סאלון!"

פון יענעם טאג אן פלעגט זלמן קומען
וואס וועניגער אהיים — ער פלעגט ניכער
פאהרען אין ניו יארק, וואו ער פלעגט
קריגען בעסערע שנאפסען ווי ביי זיך אין
הויז אדער אין שטעדטעל.

זיי זיינען ביידע געווען א פאר טייערע
שכורים — זלמן און זיין פריינד לייבע
פעמפיק, דער בארימטער קנעפעל-מא-
נופעקטשורער.

דער נייער אידישער וואנדער קריזיס

פון א. גלאנץ

עס איז כמעט זיכער, אז די געפלאנ-
טע אימיגראציאנס-גזירה, וועלכע ליגט
איצט אין דעם אמעריקאנער קאנגרעס אין
דער פארם פון א שטרענגען ביל צו בא-
שרענקען די איינוואנדערונג אויף פיער
יאהר צייט, וועט ווערען געזעץ. אפשר
וועט מען מאכען געוויסע פארלייכטערונ-
גען פאר געוויסע קלאסען אימיגראנטען.
אפשר וועלען אפילו דורך די גראטעס פון
דעם געזעץ קענען דורכקריכען יעדען יאהר
א באשטימטע צאהל אויסלענדער. אבער
אז דער געזעץ וועט אנגענומען ווערען,
און אז דאס וועט זיין א שווערער קלאפ
פאר אלע יענע הונדערטער טויזענדער
אומגליקליכע פון דער אנדערער זייט ים,
וואס האפען און טרוימען דארט וועגען
פאהרען קיין אמעריקא, איז זיכער.

מען וועט אננעהמען דעם געזעץ, ווייל
פאר איהם איז די אמעריקען פעדערישאן
אוו לייבאר. און אויב אונזערע געזעצ-
מאכער זיינען געוועהנליך ניט זעהר בא-
גייסטערט פארצושלאגען און אנצונעהמען
געזעצען, וואס זיינען גינסטיג פאר דער
ארגאניזירטער אמעריקאנער ארבייטער-
שאפט, וועלען זיי אבער אין דער הינזיכט
פון א נייער אימיגראציאנס-גזירה ניט
ארויסווייזען קיין באזונדערע געגנער-
שאפט. מען וועט דאך דערמיט שלאגען
צוויי האזען מיט א מאל. פון איין זייט
וועט מען ווייזען, ווי מען הערט זיך אויפ-
מערקזאם צו צו דער שטים און צו דער
פאדערונג פון דער „אמעריקען פעדעריי-
שאן אוו לייבאר"; פון דער אנדער זייט
וועט מען ווידער קענען געבען די אמערי-
קאנער ארבייטער א וואונק, אז שולדיג אין
אלע מעגליכע צרות פון די היגע ארביי-
טער זיינען נאר די איינגעוואנדערטע.
דער אימיגראנט וועט דא ווידער דיענען
אלס א מין בליץ-אפלייטער פון דער מענ-
ליכער אונצופריעדענהייט ביי די מאסען.

מען וועט, ענדליך, דורכפיהרען די איינ-
וואנדערונגס-גזירה דערפאר, ווייל צו שיל-
טען און באשולדיגען די פרעמדע איז דא
לעצטענס געווארען אן אלגעמיינע מאדע.
מען שאפט שטימונג-געגען די אימיגראנ-
טען צווישען פאלק און מען וועט בארעכ-
טיגען און נאך שטארקער מאכען די דא-
זיגע שטימונג דערמיט, וואס דער קאנ-
גרעס וועט שאפען א נייע גזירה געגען די
פרעמדע.

און אם שטארקסטען וועט אט די גזירה
טרעפען די אידען.

דאס אידישע לעבען אין איירופא איז
פאלשטענדיג, אין בוכשטעבליכסטען זין
פון דעם ווארט, רואינירט. דער באלשע-
וויזם האט איהם רואינירט עקאנאמיש, און
דארט וואו קיין באלשעוויזם איז ניטא
ווערען די אידען אומגעבראכט פיזיש.
דאס קומט פאר אין פוילען און אין או-
קראינא, אין טשכיען און אין אנדערע
געגענדען.

לויט די אויסרעכענונגען פון דער אמע-
ריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע זיי-
נען ניט ווייניגער, ווי א מיליאן אידען
גרייט ביי דער ערשטער מעגליכקייט צו
פארלאזען זייערע אלטען וואוין-ערטער און
עמיגרירען, אויסוואנדערען.

וואוהין וועלען זיי אבער פאהרען?

אמעריקא, ווי געזאגט, וועט פארשפא-
רען איהרע טויערען אויף פיער יאהר צייט.
אין ענגלאנד פלאנעוועט מען אויך נייע
אימיגראציאנס-פארבאטען, כמעט צוליעב
די זעלבע אורזאכען וואס ביי אונז אין
אמעריקא. אויך דארט טראכט מען ניט
נאר וועגען דעם, ווי אזוי ניט אריינצו-
לאזען נייע אויסלענדער, נאר אויך ווי
פטור צו ווערען פון די אלטע, איינגע-
זעסענע.

אמעריקא און ענגלאנד זיינען געוועזען
די צוויי לענדער, וואו דער אידישער עמי-
גראנטען-שטראם איז געפלאסען אין משך
פון די עטליכע און דרייסיג יאהר. ווען אט
די לענדער ווערען איצט פארשפארט, וואו-
הין וועט זיך ווענדען די אידישע וואנ-
דערונג?

די ציוניסטען האבען דערויף א פאר-
טיגען ענטפער: קיין פאלעסטינא.

קיין פראגע נים, אז דאס וואלט גע-
דארפט זיין דער לאגישער ענטפער. אויב
עס איז נאר פאראן די קלענסטע מעגליכ-
קייט, אז פאלעסטינא זאל ווערען א אי-
דיש לאנד, איז זי דער נאטירליכסטער
פלאץ, וואוהין די אויסגעמאטערטע הונ-
דערטער טויזענדער אידען דארפען פאה-
רען. די ציוניסטישע ארגאניזאציע מעל-
דעט אויך, אז די אלע גרויסע מחנות אי-
דען אין פוילען, גאליציע, אוקראינא, רו-
מעניען א. א. וו., וועלכע ווארטען נאר
אויף דער מינוט, ווען זיי וועלען שוין קע-
נען זיך לאזען אין וועג, וועלען טאקע
ווענדען זיך נאך פאלעסטינא. פאלעס-
טינא איז זייער איינציגע האפנונג.

עס איז ניטא קיין אורזאך צו צווייפ-
לען אין דעם אמת דערפון, אין דעם אמת,
אז די אידען, וואס ווילען און מוזען פאה-
רען, טראכטען מעהרסטענטיילס פון פא-
לעסטינא.

און דא קומען מיר צו דער טראגיש-
סטער זייט פון דער איצטיגער אידישער
ווירקליכקייט.

מען קען נאך איצט ניט פאהרען קיין
פאלעסטינא. געוויס ניט אין יענע גרוי-
סע צאהלען, וועלכע ווילען פאהרען.

אלע באריכטען פון פאלעסטינא זיי-
נען כמעט איינשטימיג, אז מען קען דארט
איצט קיין לעבען ניט מאכען. אפילו די,
וואס זיינען דארט היינט צו טאג, געהען
ארום אהן ארבייט. אפילו די אידישע
לעגיאנערען, וועלכע ווילען פארבלייבען
אין פאלעסטינא נאך דער דעמאביליזאציע
פון דער ענגלישער ארמעע, האבען מורא,
אז זיי וועלען שטארבען פון הונגער.

טאמער געלינגט עטליכע ענערגישע
יונגע אידען ארויסצורייסען זיך פון דעם
פוילישען, ליטווישען, אוקראינישען אדער
גאליצישען גיהנם און זיך מיט די גרעס-
טע צרות דערשלאגען צו פאלעסטינא, ווע-
רען זיי אין א פאר וואכען ארום ענטוישט
און, ווי עס פאסירט אפט אין אזעלכע פא-
לען, נעהמט מען שילטען דאס נייע לאנד
און צו בענקען צוריק — אפילו צום גיהנם
פון וועלכען מען איז אנטלאפען.

געוויס, די איצטיגע שווערע עקאנא-
מישע לאגע אין פאלעסטינא איז א רע-
זולטאט פון דער מלחמה. געוויס וועט
עס בעסער ווערען, ווען דאס לאנד וועט
זיך איינארדנען, ווען אויסלענדישע קא-
פיטאלען וועלען צוגעצויגען ווערען, ווען
די אינדוסטריע וועט זיך נעהמען ענט-
וויקלען א. אז. וו.

אבער אפילו דאן וועט בלויז א בא-
שרענקטע איינוואנדערונג קענען פליסען
קיין פאלעסטינא. אפילו דאן וועט די
פראפארציע צווישען די, וואס וועלען ווע-
לען, יא, מ ו ז ע ן פאהרען, און די וואס
וועלען ק ע נ ע ן פאהרען, זיין א גע-
וואלטיג געגענזעצליכע.

לויט דער מיינונג פון די ציוניסטען
וועלען קיין פאלעסטינא די ערשטע יאה-
רען אפשר קענען פאהרען עטליכע צעהנד-
ליג טויזענד א יאהר. מאנכע באהויפטען
אבער, אז אויך די דאזיגע ציפער איז צו
הויך, און אז מעהר ווי פינף-צעהן טוי-
זענד אימיגראנטען א יאהר וועט פאלעס-
טינא אין דער ערשטער צייט ניט קענען
אריינגעהמען. וועלכע ציפערען און שא-
צונגען זיינען גערעכט, בלייבט איבער צו
זעהן. יעדענפאלס איז עס קלאר, אז דעם
מיליאן אידען, וואס ווארט שוין ה י י נ ט
אויף דער געלעגענהייט צו פאהרען קיין
פאלעסטינא, וועט עס נעהמען מינדסטענס
20—30 יאהר ביז אלע וועלען קענען
אויספיהרען זייער וואונש און ציעל.

און די טראגעדיע איז דאך, אז אט דער
מיליאן קען ניט ווארטען מעהר, מוז שוין
און וויל שוין פאהרען ערגעץ.

אט פארוואס דאס אידישע פאלק,
שיינט עס, שטעהט איצט פאר א נייעם,
גרויסען קריזיס. דער דאזיגער קריזיס
וועט אפשר ניט זיין אזוי שרעקליך אוי-
בענאויף, ווי דער פאגראם-קריזיס, ווי די
אויסשלאכטונגען און פיזישע פארפאל-
גונגען, וועלכע מיר האבען איצט פאר זיך.
אין לעצטען סך הכל וועט ער אבער אפשר
זיין נאך טראגישער און מורא'דיגער.

א פאלק וועט ערגעץ וועלען פאהרען,
מ ו ז ע ן פאהרען, און וועט ניט האבען
וואוהין. דאס לעבען אויף די ערטער
וועט זיין אומערטרעגליך, און קיין רע-
טונג וועט ניט זיין.

צום באדויערען, האבען מיר אויך
נאך ניט די אנשטאלטען, די אינסטיטו-

נו, א וואָד!

פון דר. ק. לעא.

פון אלע משוגענע פאסירונגען, וואס
האבען אונז פארטומעלט דעם מח פאר די
לעצטע 5 יאהר, זיינען די פאסירונגען פון
דער לעצטער וואך די משוגענסטע.

א 4-טאגיגער שלאקס-רעגען ענדע
דזשולאי געהערט אין ניו יארק זיכער ניט
צו די קלארע געשעהענישען. אבער דאס
איז בלאטע. א סך מעהר משוגע איז די
נייס, וואס דער ספעשעל קייבעל האט צו
אונז אריבערגעבראכט פון לאנדאן, אז
ס'האט דארט גערעגענט מיט הערינג.

ווער איז דא דער משוגענער: דער
ספעשעל קייבעל אדער דער הימעל? א
רעגען פון הערינג! פאר די לעצטע עט-
ליכע יאהר האבען מיר זיך צוגעוואוינט צו
גאנץ מאדנע רעגענס: ס'האט אויף די
שלאכטפעלדער גערעגענט מיט באמבעס,
די טאג-פרעסע האט גערעגענט מיט
שקרים, די מלחמה-געזעצען האבען גערע-
גענט מיט גזרות, שפיאנען האבען גערע-
גענט מיט בלבולים און חשד'ען — און
נאך אזעלכע מאדנע רעגענס, פון וועלכע
אונזערע אבות אבותינו, וואס זיינען אהער
אריבערגעקומען מיט דער „מעיפלאור",
האבען ניט געהערט. אבער פון א רעגען
מיט הערינג הערען מיר דאס ערשטע מאל.
ווי קומט פלוצלונג אויפ'ן הימעל אזא
פראספעריטי אין הערינג? זאל מעגליך
זיין, אז די גאנצע מעשה מיט'ן לויתן איז
א פוסטע לעגענדע, און די פיש וואס זיי-
נען אנגעגרייט אין גן עדן פאר צדיקים
זיינען ניט קיין לויתנ'ס נאר הערינג?
אויב אזוי, איז דאך קיין וואונדער ניט
פאר וואס רייכע לייט ווילען ניט זיין קיין
צדיקים. זיי וואלטען דאך באדארפט זיין
משוגע אויסצובייטען זייער זיסען זינדי-
גען עולם הזה, וואו זיי עסען לאבסטערס
געפרעגעלט אין שאמפאניער, אויף אן
עולם הבא מיט הערינג!

זאל איך ווידער גלויבען, אז אויפ'ן
הימעל איז פארגעקומען א רעוואלוציא-
נערע איבערקעהרעניש און הערינג-עסענ-
דע ליטוואקעס האבען דארט פארכאפט די
גאנצע מאכט? קען איך ניט, ביז איך
וועל ניט הערען פון לאנדאן, אז א חוץ
מיט הערינג האט דארט גערעגענט מיט
קארטאפליעס אויך.

נאר שא! אדער פליעז! אפשר האט
דער טויבליכער רבונו של עולם ענדליך
דערהערט די יאמער-קולות פון זיין פאר-
הונגערטער מענשהייט און ער קלייבט זיך
איצט אפטאן א שפיצעל אלע פראפיטי-
רער און שפייז-ספעקולאנטען? אפשר איז
דער הערינג-רעגען ערשט דער אנפאנג פון
געטליכען וויץ און מיר קענען ערווארטען,
אז ס'וועט נאך באלד רעגענען מיט בול-
קעס, פאמפערניקלעך, באטעלס מילך,
זייטלעך פלייש, זויערע אוגערקעס, קליי-
דער, שיך און טענעמענט-הייזער? יא,
לאמיר אין דעם גלויבען. לאמיר זיך פאר-
לאזען אויף נסים. אויפ'ן נ א ט י ר-
ל י כ ע ן גאנג פון די פאסירונגען קען
מען זיך מעהר ניט פארלאזען. נאר א
נס, א גרויסער ווילד-משוגענער נס קען
ראטעווען די וועלט פון איהר איצטיגען
כפול שמונה'דיגען פלאנטער.

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on July 25, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ניט קיין ווייניגער משוגענע פאסירונג,
ווי דער הערינג-רעגען אין לאנדאן, איז
די שאנטונג-פאסירונג אין וואשינגטאן.
רעפובליקאנער סענאטארען, לויט שכל
און טראדיציע די רעאקציאנערסטע פון
אלע רעאקציאנערען, ווערען פלוצלונג
פיינע, עדעלע, אלטרואיסטישע מענשען
און שרייען קאראאול, פאר וואס די שלום-
טריטי גיט אוועק צו יאפאן א שטיק כינא
מיט 40 מיליאן כינעזער! איך בין געוויס
דער לעצטער צו גערעכטפערטיגען דעם
דאזיגען „דיעל" מיט צעהנדליגע מיליא-
נען שוצלאזע מענשליכע באשעפענישען,
וועמעס איינציגער פארברעכען ס'איז
דאס, וואס זיי קענען בעסער שמעקען
אפיום ווי שמעקען פולווער. אבער אז
רעפובליקאנער סענאטארען פון טרויריג-
באריהמטען סענאטאר פענראוז'ס חדר
זאלען זיך אננעהמען די קריוודע פון שווא-
כע און הילפלאזע — אט דאס, ברידער,
ארבייטארער, קומט מיר פאר זעהר משוגע.
און אזוי ווי די דערמאנטע סענאטארען
זיינען דוקא זעהר פראקטישע פאליטי-
שענס און אזוי ווייט פון משוגעת ווי פון
יעדער פראגרעסיווער טאט — איז דערי-
בער, ברודער ארבייטער, „ענדזשאי" איך
ניט מיט'ן גאנצען הארצען זייער אנשטענ-
דיגע שטעלונג צו דער שאנטונג-פראגע און
זייער ארויסטרעטען געגען דעם כיטרען
יאפאנישען רויבער רופט אין מיר ארויס
מעהר חשד איידער פרייד. פאראן אן
אלט גריכיש ווערטעל: היט זיך פאר די
דאנאער, באזונדערס דאן, ווען זיי טוען
טובות.

* * *

דער געפלאנטער גענעראל סטרייק פון
די ענגלישע, פראנצויזישע און איטאליע-
נישע ארבייטער געגען אינטערווענציע אין
רוסלאנד איז אייגענטליך אויך געווען א
פלאן וואס האט געשמעקט מיט א היבש
ביסעל משוגעת. אפילו אין איצטיגען
איירופא איז גענעראל סטרייק נאך אלץ
א שוואכער גענעראל פון גענעראל פאש.
אי וועט איהר טענה'ן, אז דאס מאל האט
מען דאך געוואלט ארויסשטעלען ד ר י י
גענעראל סטרייקס? האט אבער דער
צווייטער צד דערפאר הונדערטער גענע-
ראלען, שוין ניט רעכענענדיג דעם גענע-
ראל הונגער, וואס האט שוין אזוי פיעל
גענעראל סטרייקס באזיגט און צובראכען.

* * *

ניט גאנץ קלאר קומט מיר אויך פאר

True translation filed with the Postmaster at New York City, on ly 25, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th. 17, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער אמת וועגען רוסלאנד!

די גאנצע וועלט אינטערעסירט זיך יעצט מיט רוסלאנד, אלע צייטונגען, קאפיטאליסטישע ווי סאציאליסטישע, זיינען פול מיט נייעס וועגען רוסלאנד, אבער די טע־לעגראפישע באריכטען, וואס קומען אן פון דארט זיינען אזוי ווידערשפרעכענד, אז עס איז שווער פון זיי צו דערגעהן דעם אמת. אייניגע באהויפטען, אז אין רוסלאנד לעבט זיך איצט ווי אין א גן עדן, אנדערע ווידער זאגען, אז דאס לעבען דארט איז א גיהנום.

אויב איהר ווילט וויסען דעם גאנצען אמת וועגען רוסלאנד פון דער ערשטער קוועלע, טו לעזט וואס די רוסישע סאציאליסטישע פרעסע, וואס געהט ארויס אין פעטראגראד און מאסקווא, שרייבט וועגען דעם לעבען יעצט אין רוסלאנד.

נאר וואס ערשיענען:

דריי וויכטיגע בראשורען וועגען רוסלאנד

„דער באלשעוויסטישער גן־עדן אין רוסלאנד"

א בוך פון 112 זייטען, וועלכער ענטהאלט פאקטען און דאקומענטען, ארויסגענומען פון באלשעוויסטישע און סאציאליסטישע צייטונגען, וואס ערשיינען אין רוסלאנד גופא.

דאס בוך גיט א פאלקאמען בילד וועגען דעם וואס עס קומט יעצט פאר אין רוסלאנד

דאס בוך איז איינגעטיילט אין די פאלגענדע 12 קאפיטלען:

1. ווער האט ערוועהלט די באלשעוויקעס?
2. דעמאגאגיע געגען דעמאקראטיע.
3. די באלשעוויקעס און די גרינדונגס־פערזאמלונג.
4. די סאוועטען־רעגירונג און דעמאקראטיע.
5. בירגערליכע פרייהייטען אין סאוועטען־רוסלאנד.
6. דער רויטער טעראר געשילדערט פון די באלשעוויקעס אליין.
7. ווי לעבט דאס רוסישע דארף אונטער'ן סאוועטען־רעזשים?
8. די רוסישע ארבייטער און דער באלשעוויזם
9. דאס לעבען אין סאוועטען־רוסלאנד, געשילדערט פון דריי פראמינענטע סאציאליסטען, א פראנצויזישען, א דייטשען און א רוסישען.
10. רוסלאנד, ווי אן ענגלישער טרייד־יוניאנסט האט זי געזעהן.
11. די עקאנאמישע רעזולטאטען פון באלשעוויזם.
12. די רוסישע סאציאליסטען און די סאוועטען־רעגירונג.

פרייז 20 סענט.

„ראטעוועט!"

א הארצרייסענדער אפיעל צו דער ציוויליזירטער מענשהייט פון דעם גרעסטען רוסישען שריפטשטעלער

לעאניד אנדרעעוו

פרייז 3 סענט.

„ווער האט פאראטען דעם סאציאליזם?

א גייסטרייכע, אינהאלטסרייכע בראשורע, געשריבען פון דעם וועטעראן פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג, דעם באוואוסטען גרינ־דער און טעארעטיקער פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטען,

פאול אקסעלראד

פרייז 10 סענט.

פרייז פאר אלע דריי ביכלעך צוזאמען 35 סענט מיט פאסטיידזש.
צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און אין הויפט־פארלאג:

"FREE RUSSIA" PUBLISHING CO. 133 SECOND AVE., N.Y.

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען פון נייע מעמ־בערס זאלען צוגעשיקט ווערען צום רעקארד־דעפארטמענט אויף די ספעציעלע סליפס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אנגעבען זיין געווע־זענעם אלטען אדרעס. דאס איז נויטיג כדי צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט פאר אייך און פאר אונז און אויך כדי צו האבען א בעסערען קאנטראל איבער אונזער מיילינג־ליסט.

עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

וויכטיג פאר שאפ טשערלייט און מיטגליעדער פון דער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן

יעדער ארבייטער וואס קומט ארויף אין א שאפ ארביי־טען מוז האבען א ווארקינג קארד אויף וועלכער עס זאל זיין אויפגעשריבען דער נאמען פון דעם מעמבער, און אויך דער נאמען פון דער פירמא. קיין אנדער ווארקינג קארד איז ניט גילטיג.

* * *

ווארקינג קארדס דארפען בלויז געביטען ווערען ווען מען געהט ארויף אויף א נייעם פלאץ צו דער ארבייט.

* * *

ווען איהר געהט ארויף אויף א נייעם פלאץ צו דער אר־בייט און געהט ארויסנעהמען א נייע ווארקינג קארד, מוזט איהר ברענגען די פריהערדיגע ווארקינג קארד, ווען ניט, וועט איהר קיין נייע ווארקינג קארד ניט באקומען.

* * *

פון מאנטאג, דעם 21טען דזשולייַ, וועלען פארלויפיג ווארקינג קארדס ארויסגעגעבען ווערען אין די אפיסעס פון די לאקאל יוניאנס. יעדער מעמבער זאל זיך ווענדען צו זיין לאקאל יוניאן נאך א ווארקינג קארד.

* * *

מיר מאכען אויפמערקזאם אלע אונזערע מעמבערס אז סטאפען פון דער ארבייט אהן אן ארדער פון דער יוניאן איז א פארברעכען געגען דער יוניאן. לעזט דורך דעם פאלגענ־דען פאראגראף פון אונזער אינטערנעשיאנעל קאנסטיטו־שאן:

„אונטער קיינע אומשטענדען טארט איהר ניט סטאפען פון דער ארבייט אדער ארויסגעהן אין סטרייק אהן א בע־פעהל פון דער יוניאנן. יעדער אונגעזעצליכער סטרייק איז א פארברעכען געגען דער יוניאן."

וויכטיג פאר די קלאוקמאכער!

אלע קלאוק־מאכער, וואס האבען נאך ניט קיין פלעצער צו דער ארבייט, ווערען אויפגעפא־דערט צו קומען יעדען טאג אין זייערע לאקאל אפיסעס און פון דארט וועלען זיי געשיקט ווע־רען ארבייטען.

די מאנופעקטשורערס, וואס וועלען דארפען האבען ארביי־טער, וועלען אפרופען די יוניאן אפיסעס און די נויטיגע מענשען פארלאנגען.

געדענקט זשע, שוועסטער און ברידער, אז אויב איהר דארפט א פלאץ צו דער ארבייט געהט אין אייערע לאקאל יוניאנס

צו געהן איבער די גאסען זוכען דזשאבס, איז ניט קיין גוטע פאליסי.

דזשוינט באארד קלאוק סקוירט און ריפער מאכער יוניאן

מ. זיגמאן, דזשענ. מענעדזשער.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

מעמבער לאקאל 9. — עס איז געווען א העכסט־געלונגענער באנקעט אין אלע היני־זיכטען. נים נאר דער חומר, נאר אויך דער קאפ האט געקראגען געזונדע, נארהאפטע שפייז. די פרעזענטען צו ב. שלעזינגער און מ. זיגמאן אין דער פארמע פון רעזאלוציא־נען, אויסגעארבייט פון א קינסטלער מיט גאלדענע בוכשטאבען, זיינען זיכער א זעהר געראטענע אידעע. די פרעזענטען אין דער געשטאלט פון זייגערס, רינגען, פעדערען און ז. וו., זיינען געווארען שוין אביסעל צו־ביליג. פון דער אנדערער זייט איז עס געווים זעהר א שעהנע אנערקענונג פאר די ארבייט פון אייער מענעדזשער, ברודער האלפערן, ווען דער לאקאל האט איהם געמאכט אלס פרע־זענט א וויקטראלא אין דעם ווערט פון דריי הונדערט דאלאר. עס איז א חפץ פון א דוי־ערענדען ווערט, וועלכער וועט צו פארשיעדע־נע צייטען איהם דערמאנען אן די אינטערע־סאנטע און אינטענסיווע ארבייט זיינע, אלס יוניאן־פיהרער.

א. א. ס. פ. — דעם בריעף אייערען וועלען מיר פארעפענטליכען אין דער „יוסטי־ציא". דארט איז, ווי אונז שיינט, דער ריכ־טיגער פלאץ פאר איהם. עס וועלען איהם ליינען די יעניגע, וועלכע מוזען האבען דעם שטארקען אינטערעס פאר דעם, און גע־וויס וועט דער אויפרוף לאמיר האפען, גע־פינען דעם פארדינטען אפקלאנג.

ירוחם. — אויב דאס רויכערן שאד אייך נים, און דערצו האט איהר א געוויסען גע־נוס, זעהען מיר נים איין, ווארום איהר זאלט דוקא זיך אנשטרענגען און ליידען און אויפ־געבען דאס רויכערן. איהר האט דען אין לעבען פילע אנדערע פארגעניגענס? מיט דעם רויכערען, ווי מיט דעם טרינקען ווערט גע־טריבען שוין אביסעל צופיעל הומבאג. גע־וויס, איז דאס צופיעל רויכערען, ווי דאס צופיעל טרינקען שעדליך. נו, און עסען אי־בער דער מאס, מעהר, ווי פיעל איינער קען פארדייען, איז דען נים שעדליך? ניין, מיר זעהען נים קיין גרינדליכע אורזאכע, ווא־רום איהר זאלט אויפגעבען דאס רויכערען דאן, ווען איהר ווייסט, אז איהר קענט זיך קאנטראלירען און נים ווערען קיין „טאבע־קא־פיענד", און ווען נים נאר דאס שאדט אייך נים, נאר איהר האט פון דעם א זיכע־רען פארגעניגען.

י. ל. — מיר האבען שוין דא אויף דעם פלאץ ערקלערט פיעלע מאל, אז די רעדאקציע איז נים און קען נים זיין פאראנטווארטליך פאר די געשעפטליכע זייט פון דער צייטונג. פאר דעם איז דא א מענעדזשער. אויב איהר קריגט נים די צייטונג, כאטש איהר האט אנ־געגעבען אייער אדרעס צו אייער סעקרעטער, זאלט איהר ווענדען זיך צום סעקרעטער, און אויב דאס העלפט נים, זאלט איהר שרייבען צום מענעדזשער. איהר מוזט אויך האבען אין זינען, אז עס נעהמט עטוואס צייט, ביז מען בייט אן אד־רעס. עס איז דערביי א גאנצע פראצעדור. און דערצו פאסירט אויך, אז איידער דער נייער אדרעס ווערט פארטיג, האט שוין דער־זעלבער ארויסגעשיקט, און מען מוז איבערא־נייס דורכמאכען דיזעלבע פראצעדורע. עס איז ווירקליך א הארצקלעמעניש, וואס אזוי פיעל לעזער קריגען נים די צייטונג. קיינעם טוט עס אשר, אזוי נים וועה, ווי אונז, אבער דערווייל איז נאך נים געפונען געווא־רען דערצו דער ריכטיגער מיטעל. אפשר, מיט דער צייט וועט עס בעסער ווערען.

ה. גרינבערג. — ניין, דאס מיינט נים, אז מיט אלעס, וואס ווערט געדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט" זיינען מיר דורכאויס איינ־פארשטאנען. דאס מיינט נאר, אז אויף אזוי־פיעל, וויפיעל עס איז מעגליך, האט די „גע־רעכטיגקייט" פלאץ פאר מיינונגען, וואס זיי־נען אפילו נים אין איינקלאנג נים מיט די מיינונגען פון דעם רעדאקטאר און נים מיט דער פאליסי פון דער אינטערנעשיאנעל. אזוי ווייט ווי מעגליך נעהמען מיר זיך די מיה צו פראקטיצירען די שעהנע מדה פון טא־לעראנץ. אויך האלטען מיר עס פאר זעהר ווינשענסווערט. זאל דער לעזער נים ווערען קיין בלינדער נאכפאלגער, זאל ער הא־בען די מעגליכקייט צו זעהען ביידע זיי־טען פון דעם מעדאל, און דאן קומען צו אן אייגענער מיינונג. מיר דענקען, אז דאס איז די איינציג־ריכטיגע מעטאדע, ווי צו מאכען מענשען דענקען.

קלאוקמאכער, שיקאגא. — דער ארטיקעל איז אונז צוגעשיקט געווארען אלס געשריבען ספעציעל פאר די „גערעכטיגקייט", און עס איז נים אונזער שולד, ווען נאכהער האט דער שרייבער איהם פארעפענטליכט אין אן אנדער צייטונג. וואס אנבאטרעפט די נייעס פון עם סטרייק, פון דער שמחה, פון דעם באנ־קעט, פון דעם גרויסען ענטוזיאזם, איז דען

אלעס נים באשריבען געווען אין דער מעגלי־כער צייטונג? אויף אזא אופן, ווען מיר גי־בען דאס איבער, וואלט עס דאך פאר די שי־קאגאער געווען אלט־געבאקענע נייעס. נא־טירליך, ווען דאס וואלט צוגעשיקט געווארען, וואלטען מיר עס געווים פארעפענטליכט און מיט פארגעניגען, ווייל מיר אנערקענען, אז עס דארף געגעבען ווערען אזוי ווייט, ווי מעגליך, די עפענטליכסטע אנערקענונג צו אלע, וועלכע האבען אזוי פיעל געטאן פאר דעם זיעג, ווי למשל, ברודער סקולמאן, די גאנצע סטרייק קאמיטע, און ז. וו., און ז. וו. אבער מיר האבען די נייעס נים געקראגען, און פאלגליך איז עס נים געווען געדרוקט, א חוץ, נאטירליך, אונזערע עדיטאריעלע בא־טראכטונגען, און, ווי שוין באמערקט, זים־קינד'ס ארטיקעל.

ב. לעמפערט. — די פראגע איז פאל־שטענדיג גענוג.. איהר דארפט גארנים טעהה צושיקען, און פרובירט צו פארווענדען אייער צייט אויף עטוואס, וואס איהר קענט טאן פיעל בעסער, און פון וואס איהר קענט ער־ווארטען אביסעלע נוצען פאר זיך און אויך פאר אנדערע

ד. אויערבאכער. — מיר נעמען אן, אז איהר זענט א מעמבער פון איינער פון די יוניאנס פון דער אינטערנעשאנעל. מוזט איהר דאך מסתמא וויסען, אז עס איז דא א קאנ־סטיטושאן, וואס מוז אייך ענטפערען אויף אלע אייערע פראגען, מא ווארום זאלט איהר זיך נים באנוצען מיט איהר? נאר גארנים, איהר ווילט גלאט פייניגען א מענשען, לאזען מיר זיך נים, סיידען איהר וועט אונז ערקלערען, אז איהר זענט אן אויטסיידער, און זענט נייגעריג צו וויסען, דאן, נאטירליך, וועלען מיר אייך ענטפערען, לוים אונזער וויסען, אויף אלע אייערע פראגען.

א. ב. — געלעזען מיט פארגעניגען אייערע לעצטע צוויי בריעף, אויך דעם גערוס. סוף כל סוף מוזט איהר דאך זיין גערעכט. ווען נים וואלט דאס לעבען דאך ווירקליך געווען א שרעקליכער פארס.

א. סטענזער. — און איהר זענט שוין טאקי אזוי זיכער, אז איהר ווייסט די גע־פיהלען און די מיינונגען פון דער מעמבער־שיפ אין דער הינזיכט? האט זי איבער־הויפט א פעסטע מיינונג אין דער פראגע? קען זי עס גאר האבען, נים וויסענדיג אלע אומשטענדען? דערפאר איז עס נים רעכט צו זאגען, אז אין אזא דעבאטירבארער פראגע זאל קענען אירגענד א דעלעגאציע אומיצען רעפרעזענטירען. מיר זיינען אויך נים זי־כער, אויב איהר זענט ריכטיג אינפארמירט. יעדענפאלס, גראדע דער פאל באווייזט גאר־נים אייער באהויפטונג, אז די פיהרער רעפרע־זענטירען נים די מיינונגען און ווינשע פון די רענק ענד פייל. ווארום אויב די רענק ענד פייל האט יע געהאט א פעסטבאשטימטע מיי־נונג אין דער פראגע און האט געוואלט ריכ־טיג רעפרעזענטירט ווערען, האט זי געקענט דאך איהרע דעלעגאטען אינסטרואירען: אט אזוי און אזוי זאלט איהר האנדלען. דאס איז אבער נים געטאן געווארען, און דערפאר איז יעדער פארוואורף אין דער הינזיכט פאל־שטענדיג אומבארעכטיגט.

מ. פ. — וועלען עס קירצליך פארבייטען אויף עטוואס אנדערעס. אבער ווארום דאס איז אייך אזוי אנגענעהם, פארשטעהען מיר נים. גראדע פארקעהרט. די דאזיגע ווערטער שטעמפלען דאך איהם אלס היפאקריט, איבער־הויפט איצט, אז מען פארגלייכט זיי מיט זיי־נע האנדלונגען!

א. ז—ל. — מיר דאנקען נאר דעם אויבער־שטען, וואס איהר האט א קנאפע דעה אין דער אינטערנעשאנעל. מיט אייער מיינונג וועגען אונז וואלט איהר אונז געווים קיינמאל נים צוגעלאזען צו זיין דער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט". קען זיין איהר זענט גערעכט. אבער פונדעסטוועגען פרובירט שי־קען אייער „הומארעסקע" אין אירגענד אנ־דערער צייטונג, און זעהט, אויב מען וועט עס דרוקען. איהר וועט אפשר דאן פאר־שטעהן אז אייער הומארעסקע איז פשוט אומ־דרוקבאר, כאטש איהר מעגט זיך זיין א גאנץ גוטער איד און א כשר'ער יוניאן־מאן.

פ. ב. — אונזער הערצליכען דאנק פאר אייער אויפמערקזאמקייט. מעגליך, אז מיר וועלען זיך באלד זעהען.

ה. א. — נאך קיין צייט נים געהאט עס דורכצולעזען. וועלען אייך ענטפערען אין נעקסטען נומער.

י. א.—1) וועלען זיך אפשר ביי געלע־גענהייט באנוצען דערמיט. דערווייל איז עס נים פון די ברענענדיגע נויטווענדיגקייטען. 2) מיר זיינען שוין אזוי צוגעוועהנט געווא־רען צו ווערען מיספארשטאנען, מיסרעפרעזענ־טירט און אפט אויך געמיין, בייזוויליג פאר־לוימדעט, אז עס הויבט אונז נים אן צו ארען, און מיר טראכטען גארנים פון ענטפע־רען אלע בילערס. נאך אלעמען, טראכטען מיר אפט, זיינען זיי דאך מעהר נארען, ווי שלעכ־טע מענשען, נו קען מען דאך אויף זיי נים ווערען באמת אין כעס.

דער קלאוקמאכער סטרייק אין מאנטרעאל

גרויסענטוזיאזם הערשט איצט צווישען די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל, קענעדע. די אורזאכע איז גאנץ איינפאך: די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל האבען שוין בעפאר דורכגעמאכט צוויי גענעראל סטרייקס און ביידע סטרייקס זיינען פאר־לוירען געגאנגען. און איצטער, דער דריטער גענעראל סטרייק, איז געוואונען גע־ווארען, — און נאך ווי געוואונען געווא־רען!

דער סטרייק האט אין גאנצען געדוי־ערט דריי טעג און די ארבייטס־באדינגונ־גען, אונטער וועלכע די ארבייטער האבען זיך צוריקגעקערט צו דער ארבייט זיינען אזעלכע, דאס יעדער יוניאן מאן אדער פרוי קאן זיין שטאלץ אויף דעם. דער אגרימענט וואס מיר האבען געשלאסען מיט די מאנופעקטשורערס איז אפילו א קורצער אבער ער ענטהאלט אלעס נאך וואס די יוניאנס שטרעבען ביים היינטיגען טאג.

איינינע פון די הויפט שטריכען אין דעם אגרימענט זיינען:

קיינער קאן נים אנפאנגען ארבייטען אויף א פלאץ אהן א ווארקינג קארד פון דער יוניאן. דאס מיינט פאקטיש „א קלאוזד שאפ."

לוים דעם נייעם אגרימענט האבען מיר כמעט ווי באזייטיגט די קאנטראקטארס אין טרייד.

אויב עס זאל ענטשטעהן אין שאפ טראבעל, אדער א דיספיוט וועגען עפעס, זאל עס ווערען אויסגעגליכען דורך א פאר־טרעטער פון דער יוניאן. דאס מיינט, פולע אנערקענונג פון דער יוניאן.

דאן קומט די הויפטזאך, — וואך־ארבייט! און אויב עס איז ער־געץ געווען א קלאוק־צענטער וואו וואך־ארבייט איז געווען א גרויסע נויטווענדיג־קייט, איז דאס זיכער מאנטרעאל. און מיר האבען אויך באקומען א פיינע הע־כערונג אין שכירות. אין מאנכע היינ־זיכטען איז די העכערונג פון 6 ביז 15 דא־לאר א וואך.

אונזער מינימום סקיילס זיינען ווי פאלגט:

קאטערס 35 דאלאר; פרעסערס 38 דאלאר; אונטער פרעסער 34 דאלאר; אפערייטארס 44 דאלאר; שניידער 27 דאלאר; פינישערס 24 דאלאר.

מיר האבען געמאכט אלע פארבערייטונגען פאר א פארצויגענעם סטרייק. אבער די מאנופעקטשורערס האבען באלד איינגעזעהן אז זיי וועלען נים אויספיה־רען און זיי האבען באלד נאכגעגעבען אונזערע פאדערונגען. די בעלי בתים הא־בען איינגעזעהן אז פריהער אדער שפע־טער וועלען זיי מוזען נאכגעבען די פאדע־רונגען פון דער יוניאן און זיי האבען בע־סער נאכגעגעבען פריהער.

מיר האבען, אלזא, געהאט א גרויסען זיעג און אלע אונזערע ארבייטער זיינען זעהר שטאלץ דארויף.

* * *

לאמיר שוין אין איין וועג זאגען א פאר ווערטער וועגען די מאנטרעאלער ריינקאוט מאכער.

אונזער ריינקאוטמאכער יוניאן האט דא געמאכט אינדיווידועלע אגרימענטס מיט די מאנופעקטשורערס פון דעם פאך. דורך די אגרימענטס האבען זיי באקו־מען א יוניאן שאפ, זייער יוניאן איז פאל־שטענדיג אנערקענט געווארען. זיי האבען באקומען פינף געזעצליכע יום טובים, פאר וועלכע זיי וועלען קריגען באצאהלט און אויך א באדייטענדע העכערונג אין די שכירות פאר די ארבייטער פון אלע צווייגען אין דעם פאך.

ברודער גאלדבערג, וואס איז פארלוי־פיג אנגעשטעלט געווארען פון דער ריינ־קאוט מאכער יוניאן, האט גאנץ פעהיג דורכגעפיהרט דעם דזשאב, צו דער צו־פרידענהייט פון די מיטגליעדער.

ברודער גאלדבערג מעג זיך ווירקליך גראטולירען מיט דעם ערפאלג וואס ער האט געמאכט.

דזש. לענטש,
מענעדזשער קלאוקמאכער יוניאן.

פרעזידענט פון דער פרענקלין יוניאן ענטפערט אויף די פאר־לוימדונגען פון דזשים האלאנד

„דזשים" האלאנד'ס פארלוימדונגען פאר דער לוסק־קאמיטע אויף דער ארבייטער באוועגונג וועלן זיכער קיינעם נים אפנארען, א חוץ די געלערענטע געזעץ־מאכער, די מיטגליעדער פון יענער קא־מיטע.

שוין א לענגערע צייט אז מען האט אויפגעהערט אין דער ארבייטער באווע־גונג צו נעהמען ערנסט, וואס דער מר. הא־לאנד זאגט. און די זאך ווערט וואס ווייטער אלץ ערגער. צוליעב געוויסע מעשים וואס זיינען געווען שעדליך פאר דער ארגאניזאציאן, האט נים לאנג צו־ריק זיין אייגענער לאקאל יוניאן איהם געצוואונגען צו רעזיגנירען אלס פארטרע־טער צו דער סענטראל פעדרייטעד יו־ניאן פון ניו יארק.

האלאנד'ס אנגריף אויף יענע יוניאנס וואס האבען ווירקליך עפעס אויפגעטאן, איז בלויז פאר'ן צוועק צו „מאכען פרא־פאגאנדא", אום זיך צו ראטעווען ער זאל נים באקומען אזא „אויסצייכענונג" אויף דער קומענדער קאנווענשאן פון דער „ניו יארק סטייט פעדערייששאן און לייבאר", אין סיראקיוז, ווי ער האט דאס באקו־מען אין זיין אייגענער יוניאן.

איך האב אנטייל גענומען אין דער באוועגונג וואס האט געפרופט קאליע מא־כען די מאשין וואס „דזשים" האלאנד האט אויפגעבויט מיט דער הילף פון די ארגאניזירטע אנטי לייבאר מאנופעקטשור־ערס פון דעם שטאאט. דערפאר אפנים, האט ער זיך עס מיט מיר „אפגערעכענט", דורך דער געמיינער אטאקע וואס ער האט געמאכט אויף מיר און די אנדערע פרא־גרעסיווע ארבייטער פיהרער, וועלכע שטע־הען אין קאמף צו מאכען די וועלט בע־סער. איך בין שטאלץ פאררעכענט צו ווע־רען אלס איינער פון זיי!

אין די פינף יאהר וואס האלאנד איז געווען דער פרעזידענט פון דער סטייט פעדערייששאן, האט ער זיך אימער פאראיי־ניגט מיט יעדער רעאקציאנערער באווע־גונג אין דעם שטאאט. פאר די ארבייטער האט ער גאר נים אויפגעטאן. דאס זיינען די ארבייטער פיהרער פון „דזשים" הא־לאנד'ס טיפ, וואס מאכען אז די ארביי־טער זאלען פארלירען דאס צוטרויען אין דער לידערשיפ און זאלען ווערען באל־שעוויקעס.

דזשיימס דזש. באגעלי,
פרעזידענט פרייגקלין יוניאן, נומ. 23.

פילאדעלפיא! פילאדעלפיא!

שאפ טשערלייט, אויפמערקזאם!

איהר מוזט זעהן אז אלע ארבייטער פון אייער שאפ זאלען האבען רויטע קארדס וועלכע זיינען א צייכען אז די מעמבערס זיינען גוטשטע־הענד.

קיינע אנדערע טארען נישט אנערקענט ווע־רען ביז זיי האבען נים קיין לעטער פון דער יוניאן. קיינע קארדס וועלען נישט געביטען ווערען ביז אלע טעקסעס וועלען נישט באצאהלט ווערען.

זעהט אלע ארבייטער זאלען אטענדען די יו־ניאן מיטינגען.

מיט גרוס,

דזשאינט באארד קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן און פילאדעלפיא

די באסטאן דזשוינט באארד צו די ניו יארקער קלאוק מאכער

ברידער קלאוקמאכער!

מיט א וואך צוריק האבען צוויי באסטאנער קלאוק־פירמעס ערקלעהרט א לאקאוט געגען זייערע ארבייטער און געצוואונגען אונז צו סטרייקען געגען זיי. זייערע שעפער אין באסטאן זיינען צוגעשלאסען און לויט אונזער אינפארמיישאן מאכען זיי זייערע ארבייט אין ניו יארק. די נעמען פון די פירמעס זיינען:

1) גאלדמאן און זימערמאן.
2) סילווערמאן און בארבעל.

זייער ליין ארבייט איז געוועהנליך היי־פרייז קלאוקס און סוטס.

מיר פארלאנגען פון אייך אז אויב איהר באמערקט אז אונזער ארבייט ווערט געמאכט אין אייערע שעפער גלייך צו לאזען וויסען אין ניו יארקער דזשאינט באארד אפיס.

מיט גרוס,

באסטאנער דזש. ב.
קלאוק מייקערס יוניאן

קלאוק פינישערס פון לאקאל 9 אויפמערקזאם

אלע פינישערס וועלכע האבען קיין פלעצער צו דער ארבייט זיינען אויפגעפאדערט צו קומען באלד אין אונזער אפיס, 228 צווייטע עוועניו, וואו איהר וועט קריגען פלעצער צו דער ארבייט.

מיר קריגען יעדען טאג קאלס פאר פינישערס, פון פיעלע רעספעקטאבעל פירמעס. דארום איז יעדער פינישער אויפגעפאדערט ניט ארום צו געהן אין די גאסען אדער אין די שעפער זוכען אליין א דזשאב. דער יעניגער פינישער וועלכער וועט אליין געהן זוכען א דזשאב, וועט ניט קריגען קיין וואָרקינג קארד.

שאפ טשערליים! מיר אפעלירען צו אייך, דאס איהר זאלט טאן אייער פליכט און לאזט קיין פינישער ארבייטען אהן א ווארקינג קארד פאר דעם זעלבען שאפ.

ווארקינג קארדס קען מען קריגען נאר אין לאקאל.

די עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

דזש. האלפערן, מענעדזשער.

קלאוק און סקוירט פרעסערס יוניאן לאקאל 35 אויפמערקזאם!

אלע פרעסערס זיינען אויפגעפאדערט מעהר ניט צו געהן סיי אין פארק און סיי אין 5טע עוועניו. אלע די וועלכע זוכען דזשאבס זאלען זיך קומען רעדזשיסטרירען אין דער יוניאן.

די מעמבערס, וואס וועלען זיך ניט רעדזשיסטרירען, וועלען ניט קריגען קיין קארדס צו געהן צו דער ארבייט.

עקזעקוטיוו באארד אף לאקאל 35

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

לײדיעס טיילארס און אלטערײשאן ארבייטער לאקאל 80

א מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

דינסטאג, 29טען דזשולײ, אום 7.30 אבענד

אין מאונט מאריס האל, 1364 5טע עוועניו, קארנער 113טע סטריט.

צוועק: פלענער פאר'ן אנקומענדען סיזאן וועלען פאר... געבראכט ווערען צו פארהאנדלען און אויך אנדערע וויכטי... גע פראגען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 80

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

4 זאכען מוזט איהר האבען אום הנאה צו האבען פון אייער וואקיישאן

גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע א... געשמאקע עסענס, באקאנטע און אנגענעהמע געזעל... שאפט.

דאס אלעס זיינט איהר זיכער צו האבען ווען איהר פאהר... אויף אייער וואקיישאן צו אייער באקאנטען

A. ELLNER & M. WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פלאץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. ד... הויז און קאטעדזשעס זיינען אייגנגעפיקסט מיט אלע מאדערנע אימפרואוומענטס... געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאן, אייגענע קיה טשיקענס א... גארטען וואס סופלייט אין גאנצען דאס מילכיגע, פלייש, אייער און וועדזש... טייבעלס. די עסענס ווערען געקאכט פון אן עקספערט שעף. פיעלע אמיוז... מענטס, בייטהינג און פישינג, דענס האל, פול און ביליארד קאסינא, מיוזיק ב... די מאהלצייטען, טענים קאורט, לייברערי, א. ז. וו.

פאר פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פראפ... רייעטאר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו

A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן פערקויפט אויסשליסליך

וזייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ.

ריזע ציימונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענ... לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די

אפ־טו־דייט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

טשאטהאם פרינטינג קא.

2 איסט בראדוויי

קריגט אונזער עסטימייט.

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

A. DELBON
פיקסט און שארפט שערם.
484־90 6טע עוועניו,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען
215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

SUMMIT HOUSE, Greene County, N. Y. EAST WINDHAM,

„דער פעריל פון די קעטסקילס", 2900 פוס הויך, אימער קאלטע ווינטל... פינף סטייטס קען מען דארט זעהן מיט דער נאקעטער אויג. מאדערנע אי... פרואוומענטס, בייטהינג, שיפינג און פישען אין דער „זילבער־לייק".
פרייזען זעהר מעסיג. ווארום ניט פארברייננגען אייער וואקיישאן מיט אונ... שרייבט צו אלעקס מ. קאפשטיין, פראפ.

וויכטיגע בעקאנטמאכונג!

צו אלע שאפ טשערלייטס פון דער

ווייסט און דרעס-מאכער יוניאן

לאקאל 25

אנפאנגענדיג מיט דעם 1טען אויגוסט, 1919, מוזען אלע מיטגליעדער פון אונזער יוניאן מאכען זייערע צאהלונגען אויף די גרינע קארדס וואס ווערען יעצט ארויסגעגעבען פון רעקארד דעפארטמענט, פאר דעם נעקסטען האלב-יאהר —

דאס איז א יוניאן-ביכעל און וואירקינג-קארד צו דער זעלבער צייט

דער קאליר באצייכענט אויף ווי לאנג די קארד איז גוט. נאר מעמבערס וואס וועלען האבען די גרינע קארדס, וועלען באטראכט ווערען אלס גוטשטעהענד, און נאר די וועלען זיין בארעכטיגט צו פרעפערענס אין קריגען ארבייט.

יעדער טשערמאן ווערט דאריבער באאויפטראגט צו אינסטרואירען אלע ארבייטער פון שאפ באלד אפצוצאהלען אלע זייערע שולדען — דיוס און אסעסמענטס — און קריגען א גרינע קארד.

מיט גרוס,

עקז. באארד ליידיס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 25 א. ל. ג. וו. י.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאק. 1

א. ל. ג. וו. י.

אפיס: 238 פערטע עוו. טעל. גרעמערסי 1063

א רעגולער ספעשעל

מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, 28טען דזשולאי

אום 7 אוהר אבענד שארפ

אין בעטהאווען האלל

210 איסט 5טע סטריט

צוועק:

עלעקשאן פאר לאקאל אפיסערס

פאר מענעדזשער און סעקרעטער

קומט אלע. קומט אלע.

עקזעקוטיוו באארד און לאקאל 1

פ. קאטלער, מענעדזשער.
מ. וואלבערג, טשערמאן.
ס. דזש. רינגער, סעקרעטער.

סקוירט און דרעס מאכער, לאקאל 23.

אויפמערקזאם!

גענעראל מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

מיטוואך, דעם 30טען דזשולײ, גלייך נאך דער ארבייט

אין לייבאר טעמפעל, צווייטע עוועניו, קארנער 14טע סטריט

ברודער זיגמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון אונזער יוניאן, י. פיינבערג, טשערמאן פון דזשאינט באארד און איינינע מיטגלידער פון אונזער עקזעקוטיוו באארד וועלען ריידען וועגען דע סלעצטען זיעג וואס מיר האבען געהאט און אויך ווי אזוי דעם זיעג אנצוהאלטען אין די שעפער.

קומט אין מאסען און מאכט דעם מיטינג פאר אן ערפאלג!

זאל קיין מעמבער ניט פעהלען ביי דיזען מיטינג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

ה. וואנדער, מענעדזשער.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). אַ: מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּ לאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו־וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראָ ווילסאָן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 29. New York, Friday, Aug. 1, 1919 פרייטאג, דעם 1טען אויגוסט, PRICE 3 CENTS

אַ סטרייק פון ווייסט מאַכער אין סקענעקטעדי

אין סקענעקטעדי, ניו יאָרק, קומט איצט פאָר אַ סטרייק אין אַ ווייסט שאַפּ, וואָס האָט דאָרט אויפגערודערט די גאַנצע שטעדטעל. דער סטרייק איז אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישער.

די ניו יאָרקער ווייסט פירמע, מאַקס קורזראַק, האָט אין סקענעקטעדי אַ ווייסט שאַפּ אונטער'ן נאָמען „ע. און ל. ווייסט שאַפּ", און ווי עס איז דער שטייגער אין די שאַפּקעס פון קליינע שטעדטלעך, איז דאָרט אנגעגאַנגען די גרעסטע עקספּלואַטאַציע. אין דעם שאַפּ ארבייטען אַ צוויי הונדערט מיידלאַך און זיי האָבען דאָרטען שרעקליך געליטען. פאַר יעדער קלייניגקייט איז מען געשטראָפט און באַליידיגט געוואָרען, און וואָס אנבאַלאַנגט די פאַרדיענסטען איז גאָר געווען גרויסע צרות.

די שכירות זיינען דאָרט געווען אַזוי: די ערשטע פּאָר וואָכען האָט מען געצאָהלט 7 דאָלאַר אַ וואָך. נאָכדעם 10 דאָלאַר אַ וואָך, און מען איז דערגאַנגען ביז 15 דאָלאַר אַ וואָך. אָבער ווי די מיידלעך דערצעהלען, האָבען גאַנץ ווייניגע זיך געקענט ארויפאַרבייטען ביז 15 דאָלאַר אַ וואָך ווייל די פירמע פלעגט אימער אויסשיקען די אַלטע „הענט" און כסדר אננעמען נייע פאַר 7 דאָלאַר אַ וואָך, און אויך איצלכע וואָס האָבען געקראָגען צו 5 און צו 3 דאָלאַר אַ וואָך. דער שאַפּ איז, פאַרשטעהט זיך, גאָר ניט געווען אָרגאַניזירט און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָרטען טוט זיך.

האָט זיך געמאַכט אַזאַ געשיכטע: אַ קליינע עלף יעהריגע מיידעל, וואָס האָט געארבייט אין דעם שאַפּ, האָט אָפּגעזוכט טאָמאַס דזשיי. פורסעל, דעם אָרגאַנייזער פון דער אמעריקען פעדערעישאַן אָוו לייבאָר אין יענער געגענד און איהם דערצעהלט פון דער שקלאַפעריי וואָס געהט אָן אין דעם ע. און ל. ווייסט שאַפּ. ער האָט איהר געהייסען איינרופען אַ מיטינג פון די מיידלאַך פון שאַפּ און עטליכע און דרייסיג מיידלעך זיינען צו דעם מיטינג געקומען.

גלייך נאָכדעם איז איינגערופען געוואָרען אַ צווייטער מיטינג און צו דעם מיטינג זיינען שוין געקומען 60 מיידלאַך. אָבער די פירמע האָט זיך שוין געהאַט דערוואוסט דערפון און איהרער אַן אַגענט איז געשטאַנען ביי דעם פלאַץ פון'ם מיטינג און פאַרשריבען די נעמען פון די מיידלאַך וואָס זיינען געקומען אַהין. דאָס האָט אָבער די מיידלאַך דאָך ניט אָפּגעשראָקען פון געהן צו דעם מיטינג. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס גלייך נאָך יענעם מיטינג, דעם 12טען דזשולײַ, האָט די פירמע אָוועקגעשיקט 23 מיידלאַך פון די וואָס זיינען געווען אויף דעם מיטינג. די מיידלעך פון דעם שאַפּ האָבען אויף דעם גלייך געענטפערט מיט אַ סטרייק און די גאַנצע שטעדטעל איז איצט פול מיט דער פּאַסירונג.

סקענעקטעדי איז אַ פאַבריק־שטאָדט, דאָרט זיינען דאָ איינינע יוניאָנס פון דער אמעריקען פעדערעישאַן אָוו לייבאָר און די יוניאָנס האָבען זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם סטרייק. זיי האָבען געמאַכט אַן אונטערזוכונג וועגען די ארבייטס־באַדינגונגען אין דעם שאַפּ און זיי שטיצען דעם סטרייק מאָראַליש און פינאַנציעל. זיי האָבען שוין ביינעשטייערט צום סטרייק אריבער פינף הונדערט דאָלאַר. מר. פורסעל, דער אָרגאַנייזער פון דער אמעריקען פעדערעישאַן אָוו לייבאָר האָט גערופען די פירמע צו אַרביטריישאַן, האָט זי זיך ענטזאָגט צו קומען. אויך דער מעיאָר פון שטאָדט האָט זיך אריינגעמישט און גערופען דער פירמע צו אַרביטריישאַן, האָט זי זיך ווידער ענטזאָגט.

איצטער איז דער סטרייק אונטער'ן אויפזיכט פון דער פעדעריישאַן, צוזאַמען מיט אונזער אינטערנעשאַנאַל. שוועסטער דזשעני מייטעס, פון לאָקאַל 25, איז אַהין געשיקט געוואָרען צו העלפען פיהרען דעם סטרייק און צו אָרגאַניזירען די דאָרטיגע ווייסטמאַכער, צו מאַכען זיי פאַר מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאַנאַל. די סטרייקערינס האָבען די סימפּאַטיע פון דער גאַנצער שטאָדט און די פירמע וועט מוזען ענטוועדער זיך אונטערגעבען, אָדער צומאַכען דעם שאַפּ און מופען ערגעץ אַנדערש.

אויפ'ן וואַגשאָל

די לאַגע אין שיקאַגאָ אין דעם סכסוך אין דער ווייסט־אינדוסטריע צווישען דער יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס נאָך אַלץ אונבאַשטימט.—פון דעם בריעף אָבער פון פּרעזידענט שלעזינגער, מיטוואָך, דעם 30טען דזשולײַ, זעהט אויס, אַז ניכער ווי ניט, וועלען די מאַנופעקטשורערס פרידליך נאָכגעבען די גערעכטע פאָדערונגען פון דער יוניאָן.—עס האַלט דערביי, אַז די ווייסט אינדוסטריע אין שיקאַגאָ זאָל געבראַכט ווערען אויף דיזעלבע מדרגה פון אָרדנונג און אָרגאַניזאַציאָן, ווי די ווייסט־אינדוסטריע אין ניו יאָרק.

„וועט עס קומען צו אַ דזשענעראַל סטרייק, אָדער וועט עס געסעטעלט ווערען פריעדליך?" — דיזע פראַגע ליגט יעצט אויף די ליפּען פון די ארבייטער און מאַנופעקטשורערס אין דער סקוירט און דרעס־אינדוסטריע פון שיקאַגאָ.

ענטפערען אויף דיזער פראַגע וועט מען ערשט קענען אין אַ פּאָר טעג אַרום. עס ווענדעט זיך ווי אַזוי די מאַנופעקטשורערס וועלען האַנדלען דורך דעם היינטיגען טאָג און דורך דעם מאָרגענדיגען טאָג. פאַרלויפיג מאַכט אונזער לאָקאַל 100 אַלע נויטיגע פאַרברייטונגען פאַר אַ דזשענעראַל סטרייק.

די בראַווע מיידלעך פון לאָקאַל 100 מאַכען אַלע אַראַנזשמענטס, אַז אויב עס וועט קומען צו אַ סטרייק, זאָלען זיי זיך ניט דאַרפען שעהמען פאַר זייערע שוועסטער אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באָסטאָן, ברידזשפּאָרט און אַנדערע שטעדט.

דער לעטער, וועלכען פּרעזידענט שלעזינגער האָט לעצטע וואָך, ארויסגעשיקט צו די שיקאַגאָ'ר מאַנופעקטשורערס, האָט געבראַכט די פאָלגענדע רעזולטאַטען: עס האָבען זיך געגרינדעט צוויי מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַנס, און ביידע האָבען געלאָזט וויסען אַז זיי זיינען בערייט צו קאָנפערירען מיט קאָמיטעס פון אונזער יוניאָן און צו מאַכען מיט אונזער אינטערנעשאַנאַל קאָלעקטיווע אַגרימענטס.

די ערשטע אַסאָסיאיישאַן רופט זיך „די שיקאַגאָ סקוירט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן" און זי באַשטעהט פון אַ גרויסער צאָהל מאַנופעקטשורערס, וואָס האָבען זייערע פעקטאָרים אין דעם „לופּ" דיסטריקט; און די צווייטע אַסאָסיאיישאַן רופט זיך „די יונייטעד לײדיעס גאַרמענט מאַנופעקטשורערס" און זי באַשטעהט פון אַ באַדייטענדער צאָהל מאַנופעקטשורערס, וואָס האָבען זייערע פעקטאָרים אויף דער נאָרד־וועסט סאַיד.

מאָנטאָג 10 אוהר אין דער פריה איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ מיט דער ערשטער אַסאָסיאיישאַן און דינסטאָג 1 אוהר נאָכמיטאָג מיט דער צווייטער אַסאָסיאיישאַן. פּרעזידענט שלעזינגער האָט אויף ביידע קאָנפערענצען פאָרגעלעגט די פאָדערונגען, וואָס זיינען פריהער אויסגעאַרבייט געוואָרען פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון אונזער לאָקאַל 100.

די שטימונג אויף ביידע קאָנפערענצען איז געווען אַ פריינדליכע. די מאַנופעקטשורערס האָבען ערקלעהרט, אַז זינט דעם סטרייק פון פאַר צוויי יאָהרען האָבען זיי אין גאַנצען געביטען זייערע מיינונגען וועגען יוניאָנס; אַז פיעלע פון זיי זיינען געקומען צום שלוס, אַז איידער צו ספּענדען צעהנדליגע טויזענדע דאָלאַרס אויף סטרייק־ברעכערס, אויף אינדזשאַנקשאַנס און אויף שאַרלאַטאַנסקע לאָיערס, איז גלייכער צו ספּענדען דאָס געלד אויף די ארבייטער, אין גרעסערע וויידזשעס און קירצערע ארבייטס־שטונדען.

אין דיזען מאָמענט קען מען נאָך אָבער ניט וויסען צו אַ סטרייק וועט אויסגעמידען ווערען, צו ניט. עס ווענדעט זיך אָן דעם ענטפער וואָס די אַסאָסיאיישאַנס וועלען געבען אויף אונזערע פאָדערונגען. (מיר פאָדערן די פּרעפערענשעל יוניאָן־שאַפּ, העכערונגען אין וויידזשעס פאַר אַלע ארבייטער, און אַ מאַשינערי אויסצוגלייכען סכסוכים.)

היינט אוונד דאַרפען די אַסאָסיאיישאַנס מיט אונז ווייטער קאָנפערירען און אונז געבען זייערע לעצטע ענטפערס. אויב זייערע ענטפערס וועלען זיין פריינדליכע, וועט אַלעס זיין געסעטעלט פרידליך; אויב אָבער זייערע ענטפערס וועלען זיין אַזעלכע וואָס אונזערע ארבייטער וועלען ניט קענען אננעהמען, וועט די גאַנצע סקוירט און דרעס־אינדוסטריע פון שיקאַגאָ, אין איינינע טעג אַרום, זיין אין סטרייק.

איינער אַ „לאָיער" מיט'ן נאָמען דזשייקאָבסאָן, וועלכער האָט אין אונזער קאַמפּף מיט צוויי און אַ האַלב יאָהר צוריק, דורך די עקלהאַפטסטע פאַרלוימדונגען אויף אונזער יוניאָן, ארויסגעקראָגען אינדזשאַנקשאַנס און 1500 פון אונזערע בראַווע סטרייקערס זיינען אַרעסטירט געוואָרען, איז יעצט אויך „אָן דהי דזשאָב". ער האָט אָרגאַניזירט אַן „אַסאָסיאיישאַן" פון 6 מאַנופעקטשורערס צו פייטען אונזער יוניאָן, און ער האָט אונז דורך זיינעם אַן אַגענט געלאָזט וויסען שריפטליך, אַז ער וועט ווייטער ארויסנעהמען אַן אינדזשאַנקשאַן געגען אונזער יוניאָן. דיזען קערל, וועלכער איז פאַראַכטעט פון דער גאַנצער שיקאַגאָ'ר באַפעלקערונג, געפעלט ניט אונזער יוניאָן, ווייל זי איז מעהרסטענטיילס אידיש, און ער געהט אַרום צווישען די מאַנופעקטשורערס און ראָט זיי אַז זיי זאָלען די אידישע מיידלעך אַרויסוואַרפען פון זייערע שעפּער. אָבער מעהר ווי זעקס אָדער זיעבען „הענט" איז איהם ניט געלונגען צו קעטשען. ניינציג פּראָצענט פון די מאַנופעקטשורערס ווילען מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האָבען און לאָזען איהם אין זייערע אָפיסעס ניט אַריין.

אַלזאָ, אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלען מיר וויסען באַשטימטעס וועגען שיקאַגאָ. אויב אין שיקאַגאָ וועט געסעטעלט ווערען פריעדליך, וועט פּרעזידענט שלעזינגער דיזען שבת זיין צוריק ביי זיין העסק אין ניו יאָרק.

גרויסער זיעג פאַר 5000 קאָרסעט ארבייטער

די סטרייקס אין אַלע קאָרסעט פעקטאָרים פון ברידזשפּאָרט און דענבורי, קאָנעקטיקוט, וואָס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פולשטענדיגען זיעג פאַר די איבער 5000 קאָרסעט ארבייטער פון יענע פעקטאָרים.

די פאָדערונגען וואָס יענע ארבייטער האָבען דורך דעם סטרייק געוואונען, איז שוין געווען געמעלדעט לעצטע וואָך אין אונזער פּרעסע. איין פונקט אָבער, די ארבייטס־צייט, איז לעצטע וואָך נאָך ניט באַשטימט געווען. וועגען דעם האָט מען געדאַרפט געהן צו אַרביטריישאַן.

אָבער אויך דער פונקט איז פולשטענדיג געוואונען געוואָרען. די קאָרסעט־מאַכער פון ברידזשפּאָרט און דענבורי, איבער 5000 אין צאָהל, האָבען באַקומען אַ 44 שטונדיגע אַרבייטס וואָך! איהר קאָנט זיך קוים פאָרשטעלען וואָס דאָס מיינט פאַר יענע ארבייטער, און וויפיעל אונזער אינטערנעשיאַנעל יוניאָן האָט דורכדעם געוואונען.

פון אונזער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד, האָבען זיך אין די סטרייקס באַטייליגט די וויס פּרעזידענטען, סאָול זיידמאַן, עלמאַר ראָזענבערג און פאַניאַ מ. קאָהן. אונזערע וויס פּרעזידענטען האָבען אָבער געהאַט די פולע מיטווירקונג פון די אָרטיגע מענשען אין דער ארבייטער באַוועגונג. עס האָט אַ סך מיטגעהאָלפען אירא מ. אָרנבורען, סעקרעטער פון דער קאָנעקטיקוט פעדערעישאַן אָוו לייבאָר, פעני ג. פעפער, סעקרעטער פון דער קאָרסעט ארבייטער יוניאָן, מרס. טשייז, פּרעזידענטין פון דער יוניאָן, מר. קירנאָן, פּרעזידענטין פון לאָקאַל 34 און נאָך איינינע אַנדערע.

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס אַלע דיזע יוניאָן טוער זיינען איצט שטאָלץ אויף זייער אַרבייט און זיי באַקומען די ברכה פון אַלע ארבייטער אין יענע קאָרסעט פעקטאָרים, וועמעס לאַגע עס איז באַדייטענד פאַרבעסערט געוואָרען.

אינהאַלט־פאַרצייכניס

נומער 29 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואָך — ש. י.
זייט 3. פינאַנציעלער באַריכט פון דעם דזשענעראַל סטרייק פון דער ווייסט און דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 25 — פ. נייטען וואָלף. די לײדיס טיילאָרס יוניאָן, לאָקאַל 80 — ה. הילפמאַן.
זייט 4. די מעמבערשיפּ פון די ניו־יאָרקער דזשאָינט באָארד לאָקאַלס — נ. מ. מיניקאָוו. עקזאַמינערס און בושלערס יוניאָן לאָקאַל 82 — מ. י. אשפּיז.
זייט 5. דער מיטינג פון'ם דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן — ל. לאַנגער. בריעף צום רעדאַקטאָר.
זייט 6. ענינים פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אין דער פּרעסע — אַ סטעף רעפּאָרטער.
זייט 7. די קליוולאַנדער קלאָוקמאַכער פייערן זייער זיעג דורך אַ באַנקעט. דער סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין שיקאַגאָ—(איינדריקע) דר. מאַקס געטנער.
זייט 8. לינדעלין — יאָנאַס ליע. (אידיש פון זישי לאַנדוי.
זייט 9. לינדעליען. די קאָסטום דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 90 — ס. זילבערמאַן.
זייט 10. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ ביכעל.
זייט 11. די אמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לייבאָר — ש. יאַנאָווסקי.
זייט 12. ראַסען שטרייט אין אמעריקא — נ. בוכוואַלד. שיסען מיר נעגערס, (פעליעטאָן) — א. וואַהלינער.
זייט 13. אין אַ הייסען טאָג.—מ. שמואַלזאָן.
זייט 14. מיר חלומ'ט זיך... (געדיכט) — י. אַדלער. אַ רייזע איבער מיינע אייגענע קעשענעס — א. קראַפּוועו.
זייט 15. שטימונגען — בן הרב. קורצע שמועסען.
זייט 16. יוניאָנס קומען צו הילף די רענד סקול.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די פרויען־וועלט — דאָס בעדריקט בלינדער.

פילאדעלפיער אפטיילונג

נאך א בריעף פון פילאדעלפיא

פון א. סילווער

עס איז אייער שולד, גענ. רעדאקטאר, וואס איך נעם זיך דאס רעכט אזוי אפט צו באזוכען די קאלומנס פון דער „גערעכטיגקייט“.

אז מען גיט א אידען אזא פראמינענטען פלאץ ווי די לעצטע פיידזש, אויף וועלכער יעדער איינציגער, ווילענדיג צי ניט ווילענדיג, ווארפט א בליק, און דערזעהט און ערקונדיגט זיך אז אין אזא מין און אזא מין שטאדט, אין אזא און אזא גובערניע, וואהנט א איד סילווער, וועלכער לעבט, שטרעבט, פאנטאזירט און וויל שרייבען... ווערט דעם דאזיגען אידענס כח הדמיון שטארק צופעשטשעט און ער פאנגט טאקע אן צו גלויבען אז ער האט די מעלה פון צו זיין אינטערעסאנט.

איז אויב איך ווער אייך אביסעל איבערדריסיג, פריינד רעדאקטאר, טא פארפאהרט־זשע מיר אזוי ריכטיג מיט אייער „בריעף קאסטען“ קאנטשיק און איך וועל מיט פארביסענע ליפען, פארשווינדען אין דער וועלט פון פארגעסענהייט — פאיאוועט זיך א מעטעאר... און פארשווינדעט. ווי שטעהט דאס דען געשריבען אז א יוניאן פארשטעהער מוז בכלל קענען שרייבען ?

אידען מוזען זיך טאקע שלאגען איבער פרנסה ?

וואס וועלען די סעקרעטערע פון די געווערקשאפטען די פאראייניגטע טאן, אויב די אפיסערס פון די פארשידענע יוניאנס וועלען אליין קענען שרייבען — זייערע באריכטען ?

און פון וואס וועט דער לייבאר עדיטאר פון „פארווערטס“ ציהען זיין חיונה, אויב יעדער יוניאן־ליוטענאנט וועט אויך ווערען א מייסטער דער פענע? (ערלויבט מיר פאר פאמריאטישע אורזאכען זיך נוקם זיין אין'ם דייטש).

איז צוליעב וואס זשע זאג איך דאס? ווער בעט מיך דען צו שרייבען? איז דער תירוץ: אייער שולד, גענ. יאנאווסקי! ווי זאגט מען דאס: אונטערגעגעבען חשק!

איז ווענען פילאדעלפיא פראפער וועל איך אייך שרייבען דאס פאלגענדע:

מיר געהן ברעכען אונזער אגרימענט מיט די בעלי בתים.

מיר טוען דאס מיט א דאפעלטען צוועק: ערשטענס אין'ם אגרימענט אונטערען געפינט זיך א קליין ניט וויכטיג פונקטעל וועגען קאטערס ווײדזשעס, וועלכען עס וויל זיך אונז צוליעב עקאנאמישע אורזאכען אביסעל א פיקס טאן... און צווייטענס, ווייל עס איז אין אלגעמיין זיס צו ברעכען... אגרימענטס. ס'איז מאדערנע, פארשטעהט איהר מיך !

מיט אזא טאקטיק נעמט מען שטארק אוים ביים עולם.

ווארים ווען איז נאך דא אין מיטען סיזאן, ווען אלעס געהט כשורה, אזא געלעגענהייט צו פארדאמען די יעצטיגע געזעלשאפט מיט די בעלי בתים אלס איהרע זיילען, ווי ווען מען פאנגט זיך אן צוגרייטען... פאר א רעיז?

נו, גרייטען מיר זיך, מיט דער הסכמה פון דער פמליא של מטה... פאר גרויסע געשעהעניסען... (מי לנו גדול פון א פינף דאלערדיגען רייז?)

און מיר האבען שוין אפגעהאלטען מיטינגען — אי ווי היים !

און היינט, מאנטאג דעם 14טען דזשולאי, צוויי טעג נאכדעם, ווי א בליץ האט דא פארניכטעט אשר „א מיליאן דאלער וואירטה אף פראפערטי“, (און אצבע אלהים צו אונזערע בעלי בתים) איז אין האטעל ווערסאיל... אפגעהאלטען געווארען דער ערשטער קאנפערענץ צווישען ביידע צדדים.

מיר, פון אונזער זייט, האבען ניט אנדערש ווי געוואלט א דריי־עקיכיגען טיש — האט מען אזעלכען אין האטעל ניט געקאנט קריגען.

האבען מיר נאך א לאנגער בעראטונג צווישען זיך איינגעוויליגט צו א גלייכען טיש.

איינער פון אונזערע... האט על פי מעות אריינגעשמוגעלט זיין טשער צווישען די בעלי בתים — א רמז אויף אינדוסטריעלער דעמאקראטיע.

און דאן האט א האמער דעם קאנפערענץ ערעפענט.

דער „ראש הקהל“ פון דער אסס'ן (פרעזידענט בלע„ז) האט מיך געבעטען זיי צו ערקלערען וואס מיר ווילען, האב איך זיך ניט שטארק געלאזט בעטען און זיי באלד ערקלערט וויפיעל מיר ווילען...

האבען מיר דאס געהערט א פארציע מיט מוסר! אזש די האר אין קאפ האבען זיך קאפויר געשטעלט.

און א ספיקער האבען זיי דאס ארויסגעשטעלט — שוין איינמאל א ספיקער! א איד קאטארי וואס איז אליין א פיהרער פון ברידער ארבייטער געוועזען אמאל — אמאל ווען ער האט נאך קיין צובראכענעם סענט ביי דער נשמה ניט געהאט...

איהם פארשטעהט איהר מיך, קען מען ניט בלאפען... ער ווייסט אלע טריקס פון דער יוניאן... יו־נאו. די בעלי בתים דיינקען, אז זיי האבען אין איהם א גאנצען אוצר! — גאר א קלייניגקייט: וואן פראם די אינסייד ! —

אט דער איד האט דאס אונז כמעט ווי מיט אונזער שפראך... אריינגעצימבעלט...

— חברה, — זאגט ער צו אונז, — געדענקט, איהר ברעכט היינט דעם הייליגען פרינציפ פון קאלעקטיוו בארגעינינג!

— געדענקט, — זאגט ער, — איהר צושמעטערט היינט מיין אייגענע אמונה אין יוניאן־אגרימענטס.

— די מעמבערס פון אונזער אסס'ן, — זאגט ער, — וועלען זיך נאך חלילה אפלערנען פון אייך די שלעכטע מדה פון „וויאלייטען דעפעניט אנדערסטענדינגס“. (זיי דארפען זיך ערשט לערנען). און נאך און נאך האט ער געזאגט, און זיין ארט זאגען איז געווען אזוי מאיעסטעטיש און זיין שטימע איז געווען אזוי טיעף דרינגענד — אזש הערצער האבען אנגעפאנגען צו קלאפען !

א גליק וואס אנזער שטימונג איז געווען א גוטע. מיר וואלטען זיך נאך, א קשיא, געוועזען צעוויינט!...

אונזער פראלעטארישע קלאסען־באוואוסטזיניגקייט האט אונז אבער ניט פארלאזט און ווען מיר האבען אונזערע פיילען אין זייער לאגער אנגעפאנגען צו שליידערן, האבען מיר דארטען א גאנצען חורבן אנגעמאכט און איך האב בפועל ממש געזעהן אז דער אמאליגער „לייבאר־ליעדער“ האט נעבאך זעהר שטארק באדויערט זיין יעצטיגע לאגע...

עס ווילט זיך מיר שטארק גלויבען, אז אונזערע „זאקראיסטשיקעס“ וועלען קריגען א רעיז אהן „חרב ורכב“, די פראגע איז נאר צו וועט אזא מין רעיז לויט'ן יעצטיגען שלחן ערוך זיין כשר?...

און יעצט קום איך אייך צו לאזען וויסען, ידידי רעדאקטאר, אז אונזער עקז. באארד, האט געהאט די חוצפה צו באשליסען אז סעקרעטנע מיטינגען אין אונזער יוניאן זיינען ניט ערלויבט. אבער ניט וועגען דעם באשלוס גיפא וויל איך אייך דערצעהלען, נאר וועגען דער ארט און ווייזע ווי אזוי דיזע כמעט ווי דזשאבהאלדערס האבען די פראגע באהאנדעלט!

און איהר מעגט מיר בנאמנות גלויבען אז מיין פנים האט מיר פון חרפה געברענט.

אזעלכע רעאקציאנערע ארגומענטען וואלטען זיך געפאסט פאר סטאליפינס, פאן פלעווע'ס און נאך אזעלכע משרתים ואנשי משרתים פון גאט־געזאלבטע מאנארכען, אבער ניט פאר רעפרעזענטאנטען פון דער ארבייטער זאכע...

הערט, איך בעט אייך, ארגומענטען! זיינער זאגט בזה הלשון: „אונזער יוניאן האט אן אפענע פלאטפארמע! אלע באשליסע פון דער עקזעקוטיווע ווערען פארגעבראכט פאר אונזער מעמבערשיפ; די מעמבערס ווערען ניט געצוואונגען די באשליסע אנצונעמען; זיי קענען די באשליסע צוריקווייזען, אויב זיי באטראכטען זיי פאר שעדליך פאר דער ארגאניזאציאן! געגנערשאפט, ווי לעבערליך די געגנערשאפט זאל ניט זיין, ווערט ביי אונז ניט אונטערדריקט, און עס איז ניט פאראנען קיין אירזאכע וואהום א פאר היסטערישע קאפ־לעפעל זאלען רופען סעקרעטנע מיטינגליך אום צו ארגאניזירען פרינציפיעלע „אונענסטערס“...

א צווייטע לעכערט מיר מיין הער־אפאראט מיט די פאלגענדע ווערטער !

— „וואס, זאגט זי, וואלטען דיזע איניציאטארס פון דער קאנספיראטיווער טעטיגקייט אין אונזער יוניאן געזאגט, ווען למשל מיר זאלען רופען א מיטינג און זיי ניט אריינגעלאזט?“ און דערביי בלייבט זי ! איהר פראגע ווערט ניט ארויסגעבראכט גאנץ דייטליך, אבער עפעס א שטיקעל שייכות מיט א גערעכטער טענה פיהלט זיך אין איהר פראגע.. .א סימן האט איהר, עס צייגט זיך אפילו א טרער אין איהרע אויגען... און אז איינער וויינט מן הסתמא טוט איהם וועה...

בלויז איין זונען־שטראהלכעל באלייכט אביסעל די רעאקציאנערע פינסטערניש אין וועלכער די עקז. באארד איז אנגעוויקעלט די גאנצע צייט, ווען די דיסקוסיאן געהט אן.

דאס איז דאן, ווען איינער פון דער באארד (מע זאגט יאקבי, אז ער האט זיך געפלעדזשט צו א נייער פלאטפארמע) האט געהאלטען א פארטיידיגונגס רעדע פאר דיזע סעקרעטנע מיטינגען...

אט דאס איז געווען א רעדע! אט דאס איז געווען א שפראך! עס האט ממש געווארעמט ביים הארצען!

— „רעדע פרייהייט; פרייהייט פון פארזאמלונגען; פאדפאלינע ארבייט; קיינע אונטערדריקונגען; גיוועם א טשענס“;

— און נאך און נאך... אט דאס הייסט לשון, פארשטעהט איהר מיך! ווא דען אזוי ווי יענע שאבלאניקעס?

און ער האט טאקע איבערצייגט אויך!

— הערסט א מעשה, זאגט ער, אויב זיי זאלען ניט האבען קיין קאנספיראטיווע מיטינגען, ס'הייסט אהן די פיהרערס, ווי אזוי זשע וועלען זיי קענען ארגאניזירען די אפאזיציע? די לידערס וועלען זיי דען געבען א טשענס? זיי, די לידערס, וועלען דאך מיט זייערע זיסע רייד (קוילע מיר די געגנז) ווידער פארבלענדען די מאסען...

און אין אט דעם ליגט טאקע דער ריכטיגער פסוק! און איך בין טאקע מיט איהם איינפארשטאנען אויך !

וואס הייסט עפעס נאר געבען די פיהרערס פון דער יוניאן א געלעגענהייט צו ערקלערען דעם שטאנדפונקט פון דער יוניאן אז די גאנצע יוניאן טויג דאך ניט! שוין א כל־שכן די פיהרערס...

אבער געה שריי חי וקים! סע האט אונז ביידען ניט געהאלפען! די עקז. באארד האט דאך באשלאסען (על פי דעם אלטען פארשימעלטען מאדזשאריטי בלל) אזעלכע מיטינגען ניט מעהר צו ערלויבען... און מארגען געהט דאס איבער צו די מעמבערס...

נאך א פאר שורה'לעך, פריינד רעדאקטאר, און דאן וועל איך אייך ווינשען א זייגעזונד.

ביי אונז אין שטעדטיל איז זעהר בייז ביי ווייסט און דרעסעס. די בעלי בתים אונזערע גרייטען זיך גאר ניט פאר קיין סלעק.

זאגען אונזערע מעמבערס: אויב עס איז יא אזוי, ווילען מיר אביסעל מעהר געלד פאר אונזער פראצע! ביז וואס ווען, ביז אלעס וועט באלאנגען צו אונז... לאמיר דערווייל פאדערען א רעיז אויפ'ן סטיטש, באטען, באטענהאל, טאק און אויף דער שטונדע... ווייטער גארניט!...

שרייען די בעלי בתים: געוואלד, עס איז דאך א דזשענעראל רעיז, און עס שטעהט דאך בפירוש אין אגרימענט אז מען טאר ניט ?

נו, נו...

איך האב, פארשטעהט איהר מיך, אורמיסטנע געמאכט א מחיצה צווישען די פאדערונג פון די קאטערס און די איבריגע ארבייטער, ווייל פאר די ערשטע פאדערען מיר אין קאנפערענץ, פאר די צווייטע — אין די שעפער !

סטראטעגיקע ! — ווי זאגט אונזער מומחה אין מלחמה־ענינים — ליבערמאן.

אייער ערגעבענסטער,
א. סילווער.

ביי די קלאוקמאכער אין פילאדעלפיא

זייטשיק בראס. שאפ געסעטעלט.

די לעצטע פעסטונג פון קלאוק טרייד אין פילאדעלפיא וואו עס האט נאך נישט עקזיסטירט קיינע יוניאן קאנדישאנס, איז לעצטע וואך געפאלען. דאס זיינען זייטשיק'ס שעפער, איינער פון די גרעסטע דזשאבערס אין פילאדעלפיא, וועלכער באשעפטיגט 14 קאנטראקטארס און איבער 500 ארבייטער. די פירמא האט געסיינט אן אגרימענט מיט דער יוניאן, נאכגעבענדיג אלע פונקטען פון דער יוניאן און האט אויך געגעבען 2 טויזענד דאלער סעקיורימי אז דער אגרימענט וועט אפגעהיט ווערען.

די הויפט פונקטען פון'ם אגרימענט זיינען ווי פאלגט :

וואך ארבייט פאר די אפרייטארס ; 20 פראצענט אינקריעז אין די ווײדזשעס; דער מינימום ווײדזש סקייל פאר אפרייטארס 49 דאלער א וואך; די פרעסערס קריגען א רעיז פון 12 ביז א האלב סענט אויף יעדען גארמענט; קלאוק פינישערס קריגען א רעיז פון 15 ביז 20 פראצענט; סקוירט פינישערס קריגען 20 דאלער א וואך; קאטערס זאלען קריגען איין מינימום ווײדזש פון 40 דאלער א וואך; אלע ארבייטער מוזען זיין גוטשטעהענדע מיטגלידער אין דער יוניאן; נייע קאנטראקטארס מוזען זיך רעדזשיסטרירען אין דער יוניאן; די ארבייט אין סלעק טיים מוז גלייך איינגעטיילט ווערען; קיינע ארבייט טאר נישט געמאכט ווערען פאר פירמעס וועמעס ארבייטער זיינען אין סטרייק. א פארטרעטער פון דער יוניאן זאל קענען באזוכען די שעפער צו יעדער צייט ווען דאס איז נויטיג.

ווי איהר זעהט איז דאס אן אגרימענט אויף וועלכען יעדער קלאוק מאכער אין פילאדעלפיא האט שוין לאנג געווארט. ענדליך איז אלזא, געפאלען די לעצטע פעסטונג אין פילאדעלפיא, צו וועלכער אונזער יוניאן האט בעפאר ניט געהאט קיין צוטריט. אונזער יוניאן האט נישט גערוהט ביז עס איז געקומען דער מאמענט, וועלכע די יוניאן האט געפונען פאר פאסענד און א סטרייק איז גערופען געווארען אין אלע 14 שעפער פון דער פירמא. נאך א וואך סטרייק איז אונז געלונגען צו סעטלען, ווי עס איז שוין דא אויבען אנגעוויזען געווארען.

לעצטען פרייטאג האבען זיך די ארבייטער פון דער פירמא צוריקגעקעהרט אין די שעפער זיעגרייך, אלס פאלקאמענע יוניאן לייטע. מיר האפען, אז די ארבייטער וועלען פארשטעהן די באדייטונג פון דעם זיעג און אויסנוצען דעם אגרימענט אין דעם גייסט אין וועלכען ער איז גערייכט געווארען.

גאפריעד'ס שאפ אויך געסעטעלט.

וועלכען ארבייטער פון קלאוק טרייד אין פילאדעלפיא איז נישט באקאנט דער שאפ פון גאטפריעד בראס.? וויפיעל עס איז נישט געטריט געווארען דיזען שאפ צו ארגאניזירען נאך פאר אונזער לעצטען דזשענעראל סטרייק אין 1913, ווען די באסעס האבען מיט פארשידענע מיטלען געטרייעט צו האלטען דיזען שאפ אלס א סקעב־נעסט. אלזא, אויך דער שאפ איז יעצט ארגאניזירט געווארען, א דאנק אונזער פריינד ב. קארפ. דער סטרייק אין דעם שאפ איז לעצטע וואך געסעטעלט געווארען. עס איז איינגעפיהרט געווארען וואך־ארבייט. די „פארט“־ארבייט איז אפגעשאפט געווארען און מיר האבען באקומען די פולע אנערקענונג פון דער יוניאן. די פירמא האט אויך געגעבען 500 דאלער סעקיוריטי אז זיי וועלען דעם אגרימענט ריכטיג אויספאלגען.

א. נייבאער, סעקרעטער.

לעזט דעם אדווערטייזמענט פון פילאדעלפיער דזשאינט באארד אויף ז. 16